STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04303

# IDISHKEYT UN SOTSYALIZMUS

Benjamin Feigenbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די רעליגיאָן פון קולטור-היסטאָרישען שטאַנדפּונקט : צווייטעס בוך.

# אידישקייט און סאָציאַליזמוס

אין צוויי טיילען.

---

ערשטער טייל :

# דיא רעליגיאָן און דיא אַרבייטער

— פון —

ב. פייגענבוים

אַרויסגעגעבען פון פערפּאַסער
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

פּרייז 15 סענט.

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל: די רעליגיאָן און די אַרבייטער.


| | | זייטע |
|---|---|---|
| | פאָרוואָרט | 4 |
| I | קריסטענטהום און סאָציאַליזמוס — אידישקייט און סאָציאַליזמוס. (איינלייטונג) | 7 |
| II | דיא גוטע לעהרען פאַר דיא אונטערדריקטע | 24 |
| III | וויא אזוי דיא גוטע לעהרען זיינען ענטשטאַנען | 31 |
| IV | אַרבייטער־געזעצע אַלס רעליגיאָן | 42 |
| V | „דיא אַנדערע זייט" פון דיא מענשען־פריינדליכע געזעצע | 49 |
| VI | דעמאָקראַטיע, קלאַסען, אַרבייט און אַרבייטער אין דער גמרא | 55 |
| | א) וואָס עס איז געוואָרען פון דער דעמאָקראַטיע | 55 |
| | ב) פערשיעדענע קלאַסען תנאים | 61 |
| | ג) קלאַסען־געזעץ־געבונג | 65 |
| | ד) עהרע פאַר אַרבייט | 70 |
| | ה) אַ'ן עם הארץ — וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט | 72 |
| VII | אַרבייטער־געזעצע אין דער אידישער רעליגיאָן | 78 |
| | א) וועגען צאָהלען לוין דעמזעלבען טאָג | 82 |
| | ב) פּעאָנאזש (מאַסקירטע שקלאַפעריי) אין תלמוד | 87 |
| | ג) אַ הכשר אויף שקלאַפעריי | 92 |
| | ד) וואָס דאַרף מען געבען אַ'ן אַרבייטער צו עסען? | 94 |

זייטע


ה) וואָס האָט אַ'ן אַרבייטער ג ע ק ע נ ט
קריגען צו עסען יענע צייטען? — — — — 96
ו) נאָך וועגען סטרייק אין תלמוד — — — 100
ז) וויא הויך דאַרף זיין דער אַרבייטס־לוין? — 101
ח) דער קאַפּיטאַליסטישער פרייער קאָנטראַקט
און דער תלמוד — — — — — — — — 102
ט) פּרייז פון סחורה און פון אַרבייט — — — — 106
י) ווען דער בעל הבית בעצאָהלט ניט — — — — 107
יא) פּפליכטען פון דעם אַרבייטער — — — — — 110
יב) אַרבייטס־צייט — — — — — — — — — — 111
יג) אַ דין וואָס צוברעכט אַלע גוטע דינים — 113
יד) דער סאָציאַלער גרונד־געדאַנק — — — — — 120

VIII דער „אַלגעמיינער פּרינציפּ פון אידישקייט. —
קלעריקאַליזמוס און קולטור — — — — — — — — 123

IX וואָס ביי אַנדערע אומות מעג מען. — שלום — — 128

# פאָרוואָרט

דאָס בוך איז געשריעבען פאַר דיא מאַסען, וואָס קענען ניט קיין גמרא. זיי וועלען אַלעס לייכט פערשטיין. דיא העברעאישע ווערטער קענען זיי איבערהיפּען. אַלעס איז איבערזעצט אויף פּראָסט אידיש.

דיא איבערזעצונגען זיינען געמאַכט אַזוי, אַז יעדער פּראָסטער מענש זאָל דאָס פערשטיין. דאַרום, צום ביישפּיעל, האָב איך בענוצט דאָס וואָרט „תנא“ אויך אויף אַ'ן אמורא. דאָס וואָרט „תנא“ (טאַנע) בענוצט יעדער איד און ער פערשטייט אונטער דעם אַ גרויסער הייליגער צדיק וואָס האָט געלערענט דיא אידען דיא תורה. דאָס פּאַסט פאַר אַ'ן אמורא אויך, כאָטש עס איז ניט ריכטיג היסטאָריש. איך רוף דאַגעגען אויך דיא תנאים „רבנים“ — וואָס עס איז וויעדער היסטאָריש ניט גענוי. דער פּראָסטער איד פערשטייט עס אָבער אַזוי בעסער. אָדער איך געברויך דאָס ניט־אַנגענעהם קלינגענדע וואָרט „זאָגאַבטס“ (אויף „ממרא“ א. ז. וו.). איך מיין דערמיט ניט קיין אַראָבזעצונג. עס איז פּשוט ניטאָ קיין אַנדער וואָרט אויף פּראָסט אידיש, וואָס זאָל פּאַסען דערצו. קורץ, איך קוק נאָר דערויף, אַז יעדער זאָל קענען פערשטיין.

פאַר אַן עהרליכען תלמודיסט מיט אַ געזונדען מענשען־פערשטאַנד וועט אַבסאָלוט ניט בלייבען וואָס איינצואווענדען און אויסצוזעצען געגען דיא ריכטיגקייט פון מיין איבערגעבען וואָס דיא גמרא זאָגט. אונעהרליכע מענשען און קרומע קעפּ אָבער קענען געפינען היציגע טענות אַפילו געגען דער בעהויפּטונג, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער. אַזעלכע קען מען קיינמאָל דעם מויל ניט פערמאַכען.

**דער פערפאַסער.**

ניו יאָרק, אנפאנג מאי 1914.

# דיא רעליגיאן און דיא ארבייטער

## I

### קריסטענטהום און סאָציאַליזמוס — אידישקייט און סאָציאַליזמוס.

(איינלייטונג)

אידען זיינען ניט דיא איינציגע, וואָס זאָגען, אז „אַלעס גע־פינט מען אין דער תורה". אַלע גלויביגע זאָגען דאָסזעלבע וועגען זייער רעליגיאָן.

בעזאָנדערס זאָגען דאָס קריסטען וועגען דיא פאָדערונגען פון דיא סאָציאַליסטען און פון דער ארבייטער־בעוועגונג. זיי זאָגען, אז אַלעס וואָס עס איז רעכט און גוט און גלייך אין דיזע פאָדע־רונגען איז א גענבֿאָט פון דיא קריסטליכע רעליגאָן. זאָלען נאָר מענ־שען זיין עכטע פרומע קריסטען, אזוי זאָגען זיי, וועט שוין אַלעס גוט זיין.

דיא פרום־קריסטליכע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען א בעזונ־דערע בעוועגונג, דיא „קריסטליך־סאָציאַליסטישע", בויען זייער סאָציאַליזמוס אויפ'ן קריסטענטהום. נאָר זיי פֿרעדיגען אויך סאָ־ציאַליזמוס. אַלע אַנדערע קריסטליכע פרומאַקעס און גלחים זיי־נען נעגען סאָציאַליזמוס. אָבער אויך זיי זאָגען, אז אַלעס וואָס איז גוט אין סאָציאַליזמוס קען נאָר דאָס קריסטענטהום ברייגגען. זאָלען דיא מענשען נאָר זיין עכט־פרומע קריסטען, וועט מען קיין סאָציאַליזמוס ניט דארפען.

און ווירקליך, שטייט דען ניט אין דיא קריסטליכע תורה:

„ווי צו אייך איהר רייכע! וויינט און קלאָגט אויף דיא צרות, וואָס וועלען קומען אויף אייך!... דער לוין פון דיא אַרבייטער, וואָס ברייגגען אייך אריין דיא פרוכט פון אייערע פעלדער, — דער לוין פון דיא אַרבייטער, וועלכען איהר רויבט, שרייט אויף אייך, און דער געשריי

פון דיא וואָס שניידען תבואת פאַר אייך געהט אַרויף אין דיא אויערען פון דעם אַלמעכטיגען גאָט. איהר לעבט אין פערגעניגען און אין וואויל־טאָג אויף דער וועלט און איהר מאַכט פעט אייער האַרץ, אַזוי וויא צו דער שחיטה. איהר בעגייט פערברעכען, איהר טויטעט דעם אונשולדיגען און ער שווייגט, עפענט זיין מויל ניט!" (אגרת יעקב ה׳).

אזעלכע פסוקים געפינען זיך אין דיא קריסטליכע תורה א סך.

אויף דעם סמך זאָגען דאָס אַלע גוטע פרומע קריסטען, אז מען דאַרף ניט קיין סאָציאַליזמוס און קיין ארבייטער־בעוועגונג. פערשפרייט דאָס קריסטענטהום, זאָגען זיי, מאַכט מענשען פאַר גוטע פרומע קריסטען, וועט שוין אַלעס זיין גוט.

וואָס ענטפערן אויף דעם דיא פרייזיננינע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען קריסטען?

אַט איז א פאַקט:

מיט 40 יאָהר צוריק האָט אויגוסט בעבעל ארויסגעגעבען א בראָשורע, אין וועלכע ער האָט געזאָגט, אז דאָס קריסטענטהום מאַכט איין האַנד מיט דער רעגיערונג צו אונטערדריקען דאָס פאָלק. האָט זיך אָבגערופען אַ׳ן עהרליכער, אויפריכטיגער קאַטוילישער גלח, מיט׳ן נאָמען ווילהעלם האָהאָף. (דיא דייטשע סאָציאַליסטען האָבען איהם אימער הויך־געשעצט, אַלס אַ נאָבעלען מענשען, וואָס זוכט אויפריכטיג דעם אמת און דיא גערעכטיגקייט.) דיעזער גלח האָט געשריעבען אַ פּראָטעסט אין דיא סאָציאַליסטישע צייטונג „פאָלקס שטאַאט". ער האָט גע׳טענה׳ט דאָס פאָלגענדע:

„איהר בעגייט אַ גרויסע עולה, וואָס איהר בעשולדיגט דיא קריסט־ליכע רעליגיאָן אין דיא זינד פון איהרע גלויביגע. וואָס איז דיא קריסטליכע לעהרע שולדיג, ווען איהרע גלויביגע האַלטען ניט וואָס זיא הייסט? רופט מיר אָן כאָטש איין שלעכטקייט, איין פערדאָרבענקייט, איין אונגערעכטיגקייט, איין ניעדערטרעכטיגקייט, וואָס זאָל ניט זיין שטרענג פערבאָטען פון דיא קריסטליכע ספרים! רופט מיר אָן כאָטש איין זאַך, וואָס איהר סאָציאַליסטען האַלט פאַר אַ׳ן עולה און וואָס איהר ווילט אָבשאַ־פען, — וועלכעס וואָלט ניט געווען אָבגעשאַפט, ווען דיא מענשען וואָל־טען געהאַלטען וואָס דיא קריסטליכע רעליגיאָן און דיא קאַטוילישע

ספרים הייסען ! ווייזט מיר כאָטש איין גוטע זאַך, איין עדעלע זאַך, איין זאַך וואָס איז צו ווינשען, איין טוגענד, — וואָס וואָלט ניט געבליהט, ווען דיא מענשען וואָלטען געהאַלטען דיא געבאָט פון קריסטענטהום ! איהר קענט אַזוינס ניט ווייזען. אויב איהר ציינט מיר, וויא דיא פרומע טהוען שלעכטס, וויא זיי האָבען פערדרייט דיא געבאָטען פון קריסטענטהום, איז דאָך איין דעם ניט שולדיג דאָס קריסטענטהום, נאָר דיא מענשען, וואָס האָבען ניט געהאַלטען וואָס קריסטענטהום הייסט".

ווען אויגוסט בעבעל און דער דאָזיגער גלח וואָלטען זיך געפונען צווישען ניט־קריסטען, — למשל צווישען מאַהמעדאַנער, — וועלכע טענה'ן אַז קריסטענטהום איז אַלדאָס בייז, וואָלט דער גלח געווים געשריען, אַז בעבעל, דער געבוירענער קריסט, איז אַ „פעררעטהער פון זיין קריסטליכען פאָלק", אַן אַנטי־קריסט ; אַז ער ברייננט פאַר דיזעלבע „בלבולים געגען קריסטענטהום", וואָס דיא ניעדערטרעכטיגע שונאים פון דיא קריסטען מאַכען זיי...

דער גלח ברייננט אויך אַ בעוויז, דאָס אַ סך אמת־פרומע, וואָס האָבען ווירקליך געהאַלטען וואָס קריסטענטהום הייסט, האָבען אוועקגעגעבען זייער גאַנצע עשירות צו דיא אָרימע און האָבען געפיהרט אַ ריינעם, עדעלען לעבען, טהיילענדיג זיך אין זייער שיקזאַל גלייך און ברידערליך מיט אַנדערע מענשען. ער רעכענט אוים איינינע נעמען פון אַזעלכע קדושים פון דיא קריסטען.

וואָס אָבער האָט בעבעל (דער געבוירענער קריסט) גענטפערט אויף דעם ? אָט זיינען איינינע אויסצוגען פון זיין בראָשורע „קריסטענטהום און סאָציאַליזמוס", וואו ער ענטפערט דעם גלח האָהאָף :

„איך קען מיט לייכטיגקייט בעווייזען, אַז דיא רעליגיאָן פון בודדהא לערנט פונקט אַזאַ שיינע מאָראַל און שטרענגע זיטליכקייט, וויא דיא רעליגיאָן פון יעזוס, און אויך, אַז דאָס קריסטענטהום האָט אַ סך איבערגענומען פון דיא בודדהיסטישע רעליגיאָן".

„דאָס קריסטענטהום איז ניט דיא בעסטע און ניט דיא פאָלקאָמענסטע רעליגיאָן. זיא איז ניט בעסער און ניט פאָלקאָמענער וויא אַנדערע רעליגיאָנען. פאַר דעם פאָרטשריט פון דער מענשהייט איז נייטיג מען זאָל אוועקראַמען דאָס קריסטענטהום.

„אָבער דיא מאָראַל, דיא גוטע לערנונגען פון קריסטענטהום ! רופט איהר אוים. דיא מאָראַל האָט ניט דאָס קריסטענטהום בעשאַפען, און ניט קיין אַנדערע רעליגיאָן... ביי אַלע פעלקער האָבען זיך ענטוויקעלט געוויסע דינים וועגען דיא בעציהונגען פון מענש צו מענש...“

„איהר זאָגט, וואָס איז דיא רעליגיאָן שולדיג, ווען דיא גלויביגע האָבען ניט ריכטיג געהאַלטען וואָס זיא הייסט ? אַה, געעהרטעסטער, ווען דיא פרומע, וואָס האָבען געהאַנדעלט ניט נאָך דער מאָראַל פון דער רעליגיאָן, *וואָלטען געווען דיא אויסנאַהמע*, וואָלט איהר גערעכט געווען. (חוץ וואָס דיא מאָראַל האָט אין אמת'ן גאָר ניט צו טהאָן מיט רעליגיאָן, דאָס מוז איך נאָך אַמאָל זאָגען.) אָבער דער אמת איז דאָך, אַז דיא פרומע און דיא גלחים האָבען פון דיא עלטסטע צייטען אָן ביז היינטיגען טאָג קיינמאָל ניט געהאַלטען דיא גוטע, עדעלע לעהרען פון דער רעליגיאָן. דיא וואָס האָבען זיי יאָ געהאַלטען, זיינען געווען אַ זעלטענע אויסנאַהמע. און דיא אויסנאַחמע פערשטאַרקט נאָר דעם רעגעל. הייגט וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אַזאַ רעליגיאָן ?“

און ווייטער בעווייזט בעבעל, אַז דיא זאָגענאַנטע „געצען־דיענער“ האָבען אַ סך מעהר געהאָלפען דעם פאָרטשריט, וויא דאָס קריסטענטהום. ער גיט אַ ביישפּיעל וויא מען האָט בעהאַנדעלט אידען : דיא געצען־דיענער האָבען בעהאַנדעלט אידען אַ סך מענשליכער וויא דיא קריסטען האָבען אידען בעהאַנדעלט.

„דער סאָציאַליזמוס איז דיא ריינע מענשליכקייט, זאָגט בעבעל ווייטער. דער סאָציאַליזמוס בעשאַפט דיא מאַכט, וואָס וועט ברייגגען דיא אַלגעמיינע גלייכהייט, דיא אַלגעמיינע מענשען־ליעבע, דאָס אַלגעמיינע גליק, ניט דערפאַר ווייל אַ בודדהאַ, אַ יעזוס, אַ מאַחמעד (אָדער אַ גמרא, לייג איך צו) האָט דאָס געבאָטען, נאָר דיא מענשהייט האָט דאָס אימער בעגעהרט, בעוואוסט צו ניט, און וואָלט דאָס בעגעהרט, אַפילו ווען אַ יעזוס, אַ בודדהאַ, אַ מאַחמעד (אָדער אַ גמרא) וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. דיא רעליגיאָן האַלט זיך נאָר אויף בלינדען גלויבען און זיא איז דאַרום אַ טויט־פיינד צו סאָציאַליזמוס, וועלכער שטרעבט צו בילדונג און וויסען“...

„צוויי טויזענד יאָהר האָט אייער קריסטענטהום געפּרעדיגט דיא אַלע שיינע און גוטע זאַכען, וואָס איהר געפינט אין איהם, און אָט זעהט

מען דאָך, וואָס דאָס האָט אויסגעפיהרט. זאָלען מיר ווייטער וואַרטען. ביז דאָס קריסטענטהום וועט דיא מענשען מאַכען פאַר גוטע? דאַן וואָלטען מיר געקענט וואַרטען אייביג..."

„דער זאָגענאַנטער גוטער קערן, וואָס איהר — ניט איך — געפינט אין קריסטענטהום, איז ניט דוקא קריסטליך, נאָר אַלגעמיין־מענשליך; דאָס אָבער, וואָס עס איז נאָר קריסטליך, טויג צו גאָר ניט און איז א פיינד פאַר דער מענשהייט".

אָט אזוי דריקט זיך אויס וועגען קריסטענטהום דער געבוירענער קריסט אויגוסט בעבעל.

און וויא דאַרף זיך אויסדריקען וועגען אידישקייט א סאָציאַליסט א געבוירענער איד?

**אויב ער איז איבערציינגט, אז מיט אידישקייט איז עהנליכעס דער פאַל און ער קען דאָס בעווייזען** — האָט ער ניט א רעכט און א פפליכט צו זאָגען און צו בעווייזען וועגען אידישקייט עהנליכעס צו דעם, וואָס בעבעל זאָגט און בעווייזט וועגען קריסטענטהום?

וואָס פאַר א פראַגע איז דאָס? — — —

יא, אַמאָל איז דאָס ביי א פריויזיגניגען אידישען סאָציאַליסט קיין שום פראַגע ניט געווען. אָבער היינט? — היינט איז א'ן אַנדערע וועלט געוואָרען...

* * *

א טהייל אידישע סאָציאַליסטען זיינען דיא לעצטע יאָהרען געוואָרען אידישע „פּאַטריאָטען", אין דעם שלעכטען זין פון דעם וואָרט. ניט אַלע זיינען זיי דאָס אין א גלייכען גראַד. פּאַטריאָטיזמוס איז וויא בראַנפען: עס קען האָבען פערשיעדענע גראַדען שטאַרקייט. אויף פּויליש־אידיש רופט מען דאָס „טראַליעס". 100 „טראַליעס" איז „ריינער שפּירט". דאַן איז פאַרהאַנען „געשטעלטער שפּירטוס, — „געשטעלט" מיט וואַסער אויף פערשיעדענע „טראַליעס". אזוי איז מיט דעם אידישען „פּאַטריאָטיזמוס" פון יענע היינטיגע אידישע סאָציאַליסטען: ביי א טהייל פון זיי איז ער ריינער ספּירט, 100 „טראַליעס". ביי א טהייל איז

ער „געשטעלט" אויף 80, אויף 50, אויף 20. דיא וואָס זייער פּאַט־ריאָטיזמוס האָט ניט מעהר וויא, למשל, 20 גראַד, לאַכען פון דיא פּאַטריאָטען פון אַ שטאַרקערען גראַד. זיי לייקענען, אַז זיי אַליין זיינען אויך פּאַטריאָטען. אַזוי איז מיט דיא פּאַטריאָטען פון דיא פערשיעדענע גראַדען.

אָבער זיי אַלע זיינען ביז אַ געוויסען גראַד גלייך מיט דעם, דאָס עטוואָס „פּאַטריאָטיזמוס" איז דאָ אין זיי.

איך מיין דאָ מיט דעם וואָרט „פּאַטריאָטיזמוס" ניט הייסען אינטערעס פאַר דיא הילף פון מיין פאָלק און בערייטשאַפט זיך מקריב צו זיין פאַר זייער טובה. אַזאַ פּאַטריאָט איז יעדער גוטער סאָציאַליסט. נאָר דער ניט־„פּאַטריאָטישער" סאָציאַליסט איז איבערצייגט, אַז עס איז גיטאָ קיין שום גרינדליכע הילף פאַר זיין פאָלק, אָהן אַ'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאַמפּף פון דיא אונטער־דריקטע פון אַלע פעלקער צוזאַמען, געגען אַלע סאָרטען טיראַניי, פינסטערניש און פאָראורטהייל. דאַרום אינטערעסירט זיך אַזאַ סאָציאַליסט הויפּטזעכליך מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־ליסטישען קאַמפּף. ער טהוט אָבער זיין חלק פון דיעזען קאַמפּף אין זיין פאָלק. און חוץ דעם טהוט ער זיין בעסטעס, ווען נאָר ער זעהט אַ מעגליכקייט צו העלפען דיא ליידענדע פון זיין פאָלק פערבעסערען זייער לאַגע.

וואָס איך מיין דאָ מיט דעם וואָרט „פּאַטריאָטיזמוס" איז דאָס וואָס דער פּראָסטער עולם פערשטעהט אונטער דעם היינט. דאָס איז — אַ פערבלענדעטע, זינלאָזע, פּאַרטייאישע, איינזיי־טיגע פערליעבטקייט. אַ חשק צו ווערען דוקא בעהויפּטען, אַז אַלץ וואָס איז מיין פאָלק'ס איז בעסער, שענער, טייערער, קליגער, מעהר רעכטפערטיג, מעהר יושר'דיג, וויא ביי אַנדערע פעלקער. איך מיין, קורץ, דעם „אתה־בחרתנו" געפיהל; דער געפיהל, וואָס איז אויסגעדריקט אין דיא ברכה וואָס דער פרומער איד מאַכט אַלע טאָג — „געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיך ניט בעשאַ־פען אַ גוי" — אָט דאָס איז דער „פּאַטריאָטיזמוס" וועלכען איך מיין דאָ.

אַז אַ גוי איז אַ פּאַטריאָט, האָט ער צו פּאַטריאָטעווען מיט

דיא קנעפּלעך פון דיא מונדירען פון זיין לאנד'ס סאָלדאטען; מיט דיא לאנד, אין וועלכען זיין פאָלק הערשט. אידישע פּאטרי־אָטען האָבען דאָס ניט. דארום קאָנצענטרירט זיך זייער פּאטרי־אָטיזמוס אויף דיא אידישע אַלטע ספרים. זיי גלויבען ניט אין זיי וויא דיא גלויביגע. זיי האלטען אליין ניט וואָס דיא ספרים שרייבען. אָבער זיי פיהלען זיך דורך זייער פּאטריאָטיזמוס גע־נייגט צו וועלען גלויבען, אז אזעלכע גוטע, שיינע, קלוגע, עדעלע זאכען, וויא עס געפינען זיך אין דיא אידישע אַלטע ספרים, געפי־נען זיך ניט אין קיין פארצייטיגע שריפטען פון קיין אנדערען פאָלק.

און וואָס דיא גוטע און עדעלע זאכען זיינען, וועלכע זיי געפינען דאָרטען — דאָס ווענדעט זיך שוין, וואָס יעדער פּאטריאָט בעזונדער האלט פאר גוט און עדעל.

אזא אידישער פּאטריאָט, וואָס איז א געגנער פון סאָציאַליז־מוס און האלט דיא ארבייטערס קאמפּף און פאָדערונגען פאר א „מרידה“ און א „רויבעריי“, בעווייזט פון דיא אַלטע אידישע שריפטען, אז זיי זיינען שטארק ג ע ג ע ן סאָציאַליזמוס און געגען דיא ארבייטער־פאָדערונגען. פאר איהם איז ד אָ ס דער לויב און רוהם פון דיא אַלטע אידישע שריפטען. פאר איהם הייסט „שענדען“ דיא אידישע הייליגע ספרים, ווען מען זוכט צו בע־ווייזען, אז אין זיי געפינט זיך חלילה סאָציאַליזמוס און בערעכ־טיגונג פאר דיא פאָדערונגען פון דיא יונגאטשעס פון דער אר־בייטער־בעוועגונג. (זעה, למשל, דעם ארטיקעל „סאָציאַליזמוס“ אין דער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל“, דיא איינ־ווענדונג פון דעם ארויסגעבער צו מיין טייל פון דיעזען אר־טיקעל.*)

*) ביי דיעזע געלעגענהייט וועל איך בעקאַנט מאַכען, אַז דער אויס־דרוק אין יענעם ארטיקעל מיינעם, דאָס דיא אַרויסגעבער פון „פאָר־ווערטס“ „ב ע ה ו י פ ט ע ן“, אַז דער „פאָרווערטס“ האָט איבער 100 טויזענד צירקולאַציאָן, איז צוגעשריעבען פון דעם אַרויסגעבער. איך האָב נאַטירליך ניט געשריעבען, אַז זיי „בעהויפּטען“, נאָר אַז ער האָט ווירקליך (געהאַט שוין דעמאָלט) אזא צירקולאַציאָן. דער פערפאַסער.

איז אָבער אַ אידישער פּאַטריאָט אַ סאָציאַליסט און אַ פריינד פון דיא ארבייטערס פאָדערונגען, דאַן שרייט ער מיט „פּאַטריאָטישען" שטאָלץ, אַז אין דיא אַלטע אידישע ספרים געפינט זיך אויב ניט דער גאַנצער סאָציאַליזמוס, — איז אַ גוטער טייל פון איהם, — און נאָר דיא בעסטע, אויסגעהאַלטענע אַרבייטער געזעצע. און אום דאָס צו „בעווייזען", רייסט ער אַרויס ווערטער פון זייער צוזאַמענהאַנג; ברייננט ער אַ האַלבע משנה און פערשוויינט דיא אַנדערע האַלבע; מאַכט ער זיך ניט־וויסענדיג פון „זאָגעכטסען" אין דיא אַלטע ספרים וואָס בעווייזען פּונקט פערקעהרט; און ער צווינגט זיך מיט געוואַלט אויסצוטייטשען ווערטער און זעצע אויף אַ „ראַציאָנאַליסטישען" שטייגער, — אַז דאָס „מיינט מען" כלומרשט אַזוי און יענעם „מיינט מען" אַזוי, כאָטש דיא געקוועטשטע אויסטייטשונג איז פּשוט לעכערליך, ווייט פון דעם אמת'ן פּראָסטען זין, און פון דעם גייסט פון דער צייט און פון דעם כאַראַקטער פון דיא זאָגערס, וויא הימעל צו דר'ערד.

אַ שטייגער, וויא וועגעטאַריאַנער „געפינען" וועגעטאַריזמוס אין דיא „10 געבאָט": אין דעם געבאָט „לא תרצח", דו זאָלסט ניט טויטען. זיי ווילען זיך איינרעדען, אַז דאָס „מיינט מען", דו זאָלסט ניט טויטען קיין שום לעבעדיגע זאַך, אפילו ניט אַ ווערימעל אונטער קיינע אומשטענדען. וויא לעכערליך דאָס איז אַזאַ פשט אריינצוטייטשען אין אַ תורה, וועלכע איז פול מיט געבאָט וויא צו קוילענען בהמות און פויגעל פאַר קרבנות און וועלכע בעפעהלט אפילו וועגען מ ע נ ש ע ן פון געוויסע פעלקער, אַז מען זאָל קיין איין נשמה פון זיי ניט לאָזען בלייבען לעבען (לא תחיה כל נשמה)!

אָט פּונקט אַזוי אונזיננינג זיינען דיא היינט־וועלטיגע סאָציאַל־פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע אויסטייטשונגען, וואָס פּאַטריאָטען צווינגען זיך אריינצוטייטשען אין דיא אַלטע תורות פון טויזענדער יאָהרען צוריק. ניט־לערנערס הערען דאָס און מיינען דאַן, אַז עס שטייט טאַקי בפירוש אַזוי און ניט אַנדערש!

מאַנכער „פּאַטריאָט" אַזעלכער איז פּשוט אַ שווינדלער, אַ פאַקיר, ער ווייסט אַז ער שווינדעלט. ער וויל בלויז „אריינריי־

בען", אויס ניעדערטרעכטיגער יונגאַטשעסטווע, א ניט־פּאַטריאָט; אָדער ער וויל אויסנעהמען ביי דעם גרויסען ניט־אויפגעקלעהרטען עולם, ביי וועמען „פּאַטריאָטיזמוס" איז אימער א גאַנגבאַרע סחורה. אָבער א סך אַזעלכע פּאַטריאָטען טהוען דאָס „לשם שמים". זיי פּיהלען אַליין ניט, אַז זיי נאַרען זיך און אַנדערע. פּונקט וויא א מוטער פּיהלט ניט, וויא זיא נאַרט זיך און אַנדערע, ווען זיא האַלט אין איין שרייען, א נאָך אַזאַ חכם, אַזאַ תכשיט, אַזאַ קראַסאַוועץ וויא איהר יאַסעלע איז אויף דער וועלט ניטאָ...

עס איז דאָך ניטאָ קיין גרעסערע פּערבלענדעניש, וויא „פּאַטריאָטיזמוס"! דער „פּאַטריאָט" ווינשט צו קענען ווייזען וויא „מיר" זיינען — „אתה בחרתנו", און דער וואונש איז דער פֿאָטער פון געדאַנקען. איינזייטיגקייט מאַכט פּאַרטייאיש, — סיי איינזייטיגקייט פון האַס, סיי פון ליעבע.

און צייגט מען אַזאַ פּאַטריאָט דיא אַנדערע זייט פון דעם אמת — צייגט מען איהם, אַז ביי אידען זיינען אויך געוועזען קלאַסען, רייכע און אָרימע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע, און דארום האָבען זיך אויך אין זייערע ספרים אויסגעדריקט ביידע זייטען און זייערע אינטערעסען, און דיא זייט פון דיא מאַכטשטאַרקער — אַזוי גוט וויא ביי אַלע אומות; צייגט מען אַזאַ פּאַטריאָט, וויא דיא ערגסטע אונטערדריקער האָבען אויך ביי אידען, אַזוי גוט וויא ביי קריסטען און אַנדערע, זיך בענוצט מיט דער רעליגיאָן און געפונען הייליגע זאַגעכטסען, וואָס האָבען זיי רעכט געגעבען „על פי דין" — דאַן הייסט דאָס ביי דעם פּאַטריאָט, אַז מען „רייסט אַרונטער" דיא אידישע זאַכען; אַז מען איז אַ'ן „אַנטיסעמיט".

וויא געזאָגט, פערשיעדענע „טראַליעס" פון דעם פּאַטריאָטישען שפּירית געפינט מען ביי דיא פערשיעדענע פּאַטריאָטען. אָבער צו מיט א הויכען גראַד צו מיט א ניעדעריגען — פּאַטריאָטיזמוס האָבען דיא דאָזיגע סאָרטען אידישע סאָציאַליסטען אַלע. זיי אַלע פּיהלען א שטאַרקען חשק, אָנצוטהאָן דעם סאָציאַליזמוס א טלית... נאָר דיא וואָס האָבען אין זיך פּאַטריאָטיזמוס מיט הויכע „טראַליעס", וואָלטען וועלען

עס זאָל זיין אַ גראָבער וואָלענער טלית מיט אַ ברייטע עטרה און גרויס זאָל דער טלית זיין און לאַנג ביז צו דיא פיס. דיא פּאַטרי־אָטען מיט ווייניגער „מראַליעס“ זיינען יוצא מיט אַ זיידענעם טלית׳ל און אַ קליינעם, ביז צום גאַרטעל. דיא מיט נאָך ווייניגער גראַד פּאַטריאָטישע שאַרפקייט זיינען צופריעדען מיט אַ קליינ־טשיקען זיידענעם טלית׳ל איינגעוויקעלט וויא אַ שאַליקיל, בלויז אויפ׳ן האַלז.

אָבער אַ טלית טהוען זיי אַלע אָן!...

* * *

דערמיט אָבער בענוצען זיך דיא פּאַנאַטיקער: אהא, — זאָ־גען זיי, — זעהט איהר! אַט זאָגען אפילו דיא אפּיקורסים, אַז אייערע סאָציאַליסטישע חכמות געפינט מען ביי אונז אין דיא הייליגע תורה! הייגט צו וואָס דאַרף מען סאָציאַליזמוס? צו וואָס אַן אַרבייטער בעוועגונג מיט גוים צוזאַמען? מיר אידען דאַרפען דאָס ניט. אונזער אידישקייט גיט אונז אַלעס! זייט גוטע פרומע אידען; העלפט דיא גוטע פרומע לייט פערשטאַרקען אידישקייט; העלפט ווירקען, אַז מען זאָל היטען וואָס דיא אידישע רעליגיאָן הייסט, — וועט איהר דאָך האָבען אַלעס!

און צו וואָס אַ קלאַסען־קאַמפּף? אין דער הייליגונג און פאַר־געטערונג פון אידישקייט זיינען דאָך אינטערעסירט אַלע עהרליכע אידען, און מיט זיי אַלע אידישע פּאַטריאָטען, פון אַלע קלאַסען, — רייכע וויא אָרימע, קאַפּיטאַליסטען וויא אַרבייטער — טאָ זאָלען זיי אַרבייטען אין דעם צוזאַמען, האַנד־אין־האַנד. זאָל זיי־ער קאַמפּף זיין געגען דיא, וואָס רייסען זיך אָב פון אידישקייט, אַלץ איינס צו קאַפּיטאַליסטען צו אַרבייטער. „חיזוק הדת“, שטאַר־קען אידישקייט — אַט פאַר דעם אַרבייט, וועט איהר דאָך שוין ממילא האָבען אַלעס גוטעס, וואָס סאָציאַליזמוס און אַרבייטער בעוועגונג ווילען!...

דיא ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע אידישע פּאַטריאָטען זאָ־גען נאַטירליך ניט אַזוי. זיי ווילען יאָ האָבען אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג און אַן אַרבייטער בעוועגונג. אָבער וואָס העלפט זייער ווילען? ניט־ווילענדיג, פערשטאַרקען זיי דיא כחות פון דעם

רעאקציאָנערען אידישען „אתה־בחרתנו'איזמוס". ניט־ווילענדיג האָבען זיי געבראכט א ש ר ע ק ל י כ ע ר ע א ק צ י ע צ ו ו י ־ ש ע ן א י ד י ש ע א ר ב י י ט ע ר. ניט־ווילענדיג האָבען זיי געשטארקט דיא הענט פון דיא פינסטערע פאנאטיקער; און געבויט א פערבינדונגס־בריק איבער דעם קלאסען־אָבגרונד צווי־שען דיא אַלטע בעל־הבית'שע אידישקייט און דיא קעמפפענדע ארבייטער; און געגראָבען א'ן אָבגרונד פון צושיידונג צווישען דיא אידישע ארבייטער און זייערע גוים־גענאָסען. א אידישער ארביי־טער, וואָס גלויבט אין דעם „אתה־בחרתנו'איזמוס", פיהלט זיך איינגעצוויגען אין זיין אידישען „איך", זיין נשמה איז דערוויי־טערט פון דיא ניט־אידישע וועלט און ער האָט א מיסטרויען צו איהר...

* * *

דיא נייע „פּאַטריאָטען" אונזערע ווילען זיך איינרעדען, אז היינט איז שוין אזא געפאהר ניט דאָ; אז דער רעליגיעזער אבער־גלויבען און פּראָווינציאַלער האָט שוין היינט ביי אידען קיין שום מאכט ניט; אז דער „אתה בחרתנו'איזמוס" ביי אידען קען שוין היינט ניט שאדען, גיכער נוצען. דיעזע לייטע מאכען זיך פשוט בכיוון בלינד. דאָס בעסטע וואָס מען קען זאָגען וועגען זיי איז, אז אזוי וויא זיי לעבען צווישען אויפגעקלערטע אידען, דאכט זיך זיי, אז אַלע אידען זיינען שוין היינט אזוי. און זיי זעהען ניט דיא אונ־געהייערע פינסטערע מאכט, וואָס דער קלעריקאַליזמוס האָט נאָך היינט איבער דיא ברייטע מאסען, און דיא שרעקליכע געפאהר, וואָס עס סטראשעט נאָך פון דיא זייט פון דיא גאַטס־סטראַפּטשעס.

זאָלען זיי זיך דערמאָנען אָן דיא אסיפות פון דיא רבנים אין רוסלאנד און גאַליציען ערשט דיא לעצטע צייטען, און אָן זייער בעשלוס צו פאָדערען פון דיא רעגיערונג, אז זיי, דיא רבנים, זאָ־לען קריעגען א מאכט פון צענזור איבער אידישע צייטונגען און שריפטען און א כוח צו אונטערדריקען אפּיקורסת!

זאָלען זיי זיך דערמאָנען, וויא כמעט אַלע אידישע צייטונגען אין רוסלאנד, און דיא מעהרסטע אומעדום, זיינען היינט געוואָרען דיא פערטהיידיגער פון דיא רבנישע פינסטערניש.

זאָלען זיי זיך דערמאָנען אָן דיא מאַכט פון אָרטהאָדאָקסיע און פינסטערען פאַנאַטיזמוס אין אַלע אידישע קהילות אפילו אין אַמעריקא.

זאָלען זיי זיך דערמאָנען דיא שווערע פערפאָלגונגען, וואָס פרייזינניגע און סאָציאַליסטישע יונגע מענשען האָבען נאָך היינט אויסצושטיין, אפילו אין אַמעריקא, פון דיא פינסטערלינגע, וואָס האָבען נאָך אַלץ דיא אויבערמאַכט.

זאָלען זיי זיך דערמאָנען וואָס עס טהוט זיך אָב מיט דיא גרויסע מאַסען אידען ימים נוראים צייט, אפילו אין אַמעריקא...

און זאָלען זיי זיך דערמאָנען, אַז דיא גרויסע מאַסען אידישע בירגער אין אַמעריקא שטימען נאָך אַלץ פאַר טאַמאַני האָלל, ווייל דיא קאַטהאָלישע בודל־פּאָליטישענס וואַרפען זיי צו אַ „איּ־דישען" קאַנדידאַט. ווייל ער איז אַ איד, האָבען דיא מאַסען צו אַזאַ בודלער מעהר צוציהונג, וויא צו דעם „גוי" דעבס אָדער ראָ־סעל . . .

דיעזע פינסטערניש איז שרעקליך פ ע ר ש ט אַ ר ק ט גע־וואָרען, זינט אונזערע „אייגענע" פּאַטריאָטען האָבען אַליין אויך גענומען זינגען שבחים פאַר „אידישקייט" און פאַר דיא „קולטור" פון דיא רעליגיעזע אַלטע ספרים און פערטהיידיגען דעם אתה־בחרתנו'איזמוס...

* * *

דיא הויפט פראַגע איז, נאַטירליך, צו אַ י ז מיט אידיש־קייט דאָס זעלבע, וואָס בעבעל זאָגט וועגען קריסטענטהום? אָדער איז דאָס אידישע פאָלק אפשר דאָך געווען אַ ווירקליכע אויס־נאַהמע פון אַלע פעלקער, מיט דעם, דאָס ביי אידען זיינען געווען ב ל ו י ז זעלטענע גוטע לעהרען און געזעצע געגען אונטערדרי־קונג פון דיא אָרימע און דאָס ביי אידען זיינען דיעזע לעהרען און געזעצע געווען אַ ו י ס ג ע ה אַ ל ט ע ן, און דיא בעלי בתים און זייערע אינטערעסען האָבען ביי דער ענטוויקלונג פון דיעזע געזעצע קיין איינפלוס ניט געהאַט?

דער הויפט־געדאַנק פון קאַרל מאַרקס איז, אַז אַזעלכע געזע־צע קומען אַרויס פון ק ל אַ ס ע ן ־ ק אַ מ פ ף. אַז אין יע־דען פאָלק זיינען געווען צוויי קלאַסען מענשען, אונטערדריקער

און אונטערדריקטע, רויבער און בערויבטע, און זיי האָבען זיך איביג „געראַנגעלט" מיט אַנאַנדער, — יעדע קלאַסע האָט גע־וואָלט אויספיהרען, עס זאָלען זיין אַזעלכע געזעצע און איינריכ־טונגען, וויא עס האָט זיך געלוינט פאַר איהרע אינטערע־סען. און אַזוי וויא ביז אַהער האָבען ביי אַלע פעלקער דיא אונטערדריקענדע קלאַסען געהאַט געוועהנליך דיא אויבערמאַכט, זיינען געוועהנליך ׳סרוב געזעצע און איינריכטונגען געוועזען געמאַכט אַזוי, וויא עס לוינט זיך פאַר דיא אינטערעסען פון דיא אונטערדריקענדע קלאַסען. וואו עס איז אַמאָל אַ וויילע אַנ־דערש געווען, איז דאָס געקומען פון אַ קלאַסען־קאַמפף פון דיא אונטערדריקטע. דאָס, צייגט קאַרל מאַרקס, איז וויא אַ נאַטור־געזעץ ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטען.

זיינען אידען אַזוי וויט „אתה בחרתנו", אַז ביי זיי גילטען ניט דיא נאַטור־געזעצע פון אַלע פעלקער?...

ביי דעם הויך־גראַדיגען פאַטריאָט איז דאָס אויך רעכט. ער מעג זיין אפילו אַ פריידענקער, אָבער אין אַזאַ גרויסען נס איבער אַלע ניסים גלויבט ער: ער גלויבט, אַז אידען זיינען געווען אַזאַ אויסנאַהמע, אַז ביי זיי האָבען ניט געווירקט דיא נאַטור־געזעצע, וואָס ווירקען ביי אַלע פעלקער. זייער בעזאָנדערער אידישער „גייסט" האָט בעשאַפען וואונדער — אימער נאָר דיא בעסטע ארבייטער־שוץ־געזעצע, כאָטש אָהן אַ מאַכט פון ארבייטער און אָהן אַ קלאַסען־קאַמפף.

דער געמעסיגטער פאַטריאָט ווידער זוכט אַ'ן ערקלערונג אויף דיזען וואונדער. ער זאָגט אַזוי: דיא אידען זיינען געווען, אַלס אַ פאָלק, אימער אונטערדריקטע, דאַרום האָבען ביי זיי אפילו דיא הערשענדע קלאַסען אויך געהאַט אַ הארץ, אַ געפיהל פאַר דיא אונטערדריקטע.

אָבער וויא פאַלש דאָס איז!

ערשטענס, איז עס ניט אמת, דאָס אין דיא אַלטע צייטען, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דיא אידישע געזע־צע, זיינען אידען אַלס נאַציאָן אימער געווען אונטערדריקטע און קיינמאָל ניט קיין אונטערדריקער. זיי זיינען געווען וויא אַלע פעל־

קער: זיי האָבען געפיהרט מלחמות; אמאָל האָבען זיי פערלוירען און געוואָרען אונטערדריקט, אמאָל געזיעגט און אונטערדריקט אנדערע. דער פאַקט איז, אז אפילו נאָך א קורצע צייט, (פערהעלטניסמעסיג,) פאר דעם אונטערגאנג פון דיא אידישע מלוכה, האָבען אידען נאָך איינגענומען גאנצע פעלקער און זיי אונטערדריקט. (דאָס פאָלק אדום, צום ביישפיעל.)

אָט איז א ביישפיעל פון א גאנצע פעריאָדע אין אידענס היסטאָריע:

„נאָך דעם טויט פון יוחנן הורקנוס, דעם כהן גדול און הערשער, זיינען אוועק 40 יאָהר גלענצענדע אין פּאָליטישען לעבען, אין דיא פערהעלטניסע פון אידישען פאָלק צו זייערע שכנים־פעלקער. אבער גוטע הערשער און געבענשטע האָבען מיט זיין טויט אויפגעהערט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען א רייהע זעהר טיראַנישע הערשער (כהנים). זייער שטענדיגע קריעג־פיהרונג און זייער נעהמען נקמה פון זייערע שונאים האָט פערהאַרטעוועט זייערע הערצער. זיי זיינען געוועזען בלוטיגע מענשען, וואָס האָבען זיך כסדר געטשעפעט צו זייערע שכנים־פעלקער און האָבען אימער געזוכט מלחמה, וואו נאָר זיי האָבען דאָס געקענט געפינען. און וויא דער שטייגער איז מיט מלחמות, אמאָל האָבען זיי געזיעגט און איינגענומען פרעמדע פעלקער, אמאָל האָבען זיי פערלוירען“... (מונה"ז שער י')

דאָס איז געוועזען שוין ארום 150 יאָהר פאר דעם צווייטען חורבן. ביי דיא ערשטע אידישע מלוכה האָבען זיי געהאַט פיעל מעהר זיעגרייכע צייטען.

און אָט האָבען טאַקי זייערע זיעגע איבער פרעמדע פעלקער פערהאַרטעוועט זייערע הערצער און געמאַכט זיי פאר טיראַנען איבער זייער אייגענעם פאָלק אויך. געוויס, דאָס זיינען געוועזען דיא שלעכטע הערשער. אבער אזעלכע זיינען געוועזען אלע הערשער, מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמע. אָדער דאַרף מען אפשר דיא שלעכטע הערשער ניט רעכענען פאר קיין אידען?... עס וואָלט אויסגעקומען וויא יענער גלייך־ווערטעל: „קיין איד עסט ניט יום

כּפּור". — סטייטש, כ'אָב דאָך אַליין געזעהען אַ סך אידען עסען!
— „ע, זיינען זיי דאָך קיין אידען ניט!"...

געוויס, אַז מען וועט אַראָברעכענען דיא (אפשר) 95 פּראָ־צענט טיראַנישע הערשער און געבען אַ פּלאַץ אין דיא אידישע געשיכטע נאָר פאַר דיא 5 פּראָצענט זעלטענע בעסערע הערשער, וועט אויסקומען, אַז דיא אידישע הערשענדע זיינען געווען „בלויז" גוט־הארציגע...

אַזוי וויא אַ'ן אונגעהייער גרויסער טייל פון דיא הערשענדע זיינען פּאָרט געווען אונטערדריקענדע טיראַנען — קומט צוריק אונזער קשיא: איז עס דען מעגליך, אַז זייער איינפלוס זאָל זיך גאָר ניט אָנזעהן אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער געזעצ־געבונג אין פיעלע הונדערטער יאָהרען?

צווייטענס, אין גלות אין דיא פערגאַנגענע יאָהרהונדערטע זיינען דאָך אידען געווען נאָך פיעל מעהר אונטערדריקט — דאָך האָבען אַזעלכע גרויסע הייסע אידישע פּאַטריאָטען (אין גוטען זין) וויא ר' יצחק בער לעווינסאָהן און „מענדעלע מוכר ספרים" געשריעבען ביכלעך,*) אין וועלכע זיי בעקלאָגען זיך געוואַלדיג איבער דיא פּרנסים, ראשי הקהל און גבירים (און אויך רבנים) וועלכע אונטערדריקען דיא אידישע מאַסען מיט שווידערליכע טי־ראַניי און רציחות.

אויך געזעצע און תקנות וועגען אַרבייטער האָבען דיא אידי־שע קהלות און רבנים און גבאים און פּרנסים געמאַכט אין דיא פערגאַנגענע יאָהרהונדערטע, אין גלות. וואָס־זשע זיינען דאָס גע־ווען פאַר אַ סאָרט געזעצע? אַזעלכע, וויא למשל אַ שטרענגער חרם, אַז קיינער זאָל ניט זיך דערוועגען צו צאָהלען אַ בעל מלאכה מעהר ווי צוויי גילדען פאַר אַ קאַפּאָטע מאַכען... אָדער אַז בעל־מלאכות זאָלען זיך ניט דערוועגען צו קומען אין שוהל אָנגעטהאָן אין בעל־הבית'שע מלבושים... (זעה אויסציגע פון פּנקס'ן פון א. ליטווין, „פאָרווערטס", 7 דעצעמבער 1912).

---

*) לעווינסאָהן: „דיא הפקר־וועלט"; מענדעלע מ"ס: „דיא טאַקסע, אָדער דיא באַנדע שטאָדט־בעלי־טובות".

און הייננטיגע אידישע קאַפּיטאַליסטען — אויך „אונטער־דריקטע" — זיינען עפּעס אַ סך בעסער וויא גוי'אישע?...

נו, דענקען אונזערע „אויפגעקלערטע" פּאַטריאָטען ווירקליך, אַז דיא אידישע גבאים, ראשי הקהל, פּרנסים און רבנים פון אַ פּאָר טויזענד יאָהר צוריק זיינען געווען הייליגערע און בעסערע מענשען פון דיא היינטיגע?...

דריטענס, איז עס ליידער אַ פאַקט אין דער גאַנצער וועלט, אַז דוקא דיא אונטערדריקטע מענשען זיינען דיא ערגסטע טיראַנען, וואו זיי קומען אין דער לאַגע צו קענען זיין אונטערדריקער.

* * *

אַ טייל „פּאַטריאָטען" ווילען זאָגאַר זיין מאַרקסיסטען. זיי זוכען אַ'ן ערקלערונג פאַר דיא גוטע געדאַנקען וועגען דיא בע־האַנדלונג פון אַרבייטער ביי אידען אין געוויסע עקאָנאָמישע אומ־שטענדען אין אידישען פאָלק. זיי זוכען אַ בעווייז, אַז טאַקי אַ קלאַסען־קאַמפף פון דיא אונטערדריקטע און זייערע פריינד האָט בעשאַפען דיא גוטע אַרבייטער־געזעצע. וועגען געוויסע צייטען איז דאָס ריכטיג, וויא מיר וועלען ווייטער זעהען. אָבער דיא פראַגע איז, צו האָט דאָס געקענט ברייננגען דערצו, אַז ד י א ג אַ נ צ ע ל אַ נ ג ע צ י י ט, ווען דיא אידישע רעליגיעזע ספרים זיינען אָנגעקליעבען געוואָרען, זאָלען דיא גוטע אַרביי־טער־געזעצע זיין געווען קאָנזעקווענט ענטוויקעלט און דורכגע־פיהרט? צו איז עס מעגליך, אַז איבער דיא גאַנצע לאַנגע צייט, אַרום 1500 יאָהר, פון דעם אָנפאַנג פון תורת משה ביז ענדע פון דיא גמרא, האָט דער אינטערעס פון דיא הערשענדע קלאַסען קיינמאָל ניט געהאַט קיין איינפלוס אין דער געזעץ־געבונג? אַז אימער האָבען זיך דיא אידישע געזעצע „ענטוויקעלט" קאָנזעק־ווענט אין דעם זעלבען אַרבייטער־פריינדליכען כאַראַקטער? אַז ווען זייער ענטוויקלונג וואָלט ניט אונטערבראָכען געוואָרען, וואָל־טען דיעזע אידישע געזעצע זיך ווייטער ענטוויקעלט אַלץ אין דעם אַרבייטער־פריינדליכען כאַראַקטער? דאָס איז עס דאָך, וואָס דיא פּאַטריאָטען בעהויפּטען. און דאָס וואָלט שוין אויף קיין פאַל ניט געקענט ערקלערט ווערען דורך געוויסע ספּעציעלע עקאָנאָמישע

אומשטענדען ביי אידען. דען אין דיא לאַנגע 1500 יאָהר זיינען ניט איבּיג געבּליעבּען דיזעלבּע עקאָנאָמישע אומשטענדען און דיזעלבּע אַגיטאַטאָרען פאַר דיא אינטערעסען פון דיא אונטערדריקטע. אין דיעזע 1500 יאָהר האָבען זיך דיא אידישע געזעצע ענטוויקעלט אונטער זעהר פיעל פערשיעדענע אומשטענדען. א טהייל ביי א גאַנץ פּרימיטיווען צושטאַנד. א טהייל אין צייטען פון גרויסען האַנדעל. א טהייל אונטער א שטאַרקע אידישע מלוכה. א טהייל אין דער פרעמד אין בבל. א טהייל אין דער פרעמד אין מצרים, און אַזוי ווייטער און ווייטער. אויבּ אונטער אַזוי פיעל פערשיעדענע אומשטענדען האָבּען זיך אַלץ ענטוויקעלט גוטע אַרבּייטער געזעצע, אַלץ אין דעמזעלבּען אַרבּייטער־פריינדליכען כאַראַקטער און קיינמאָל האָט דער אינטערעס פון דיא בעלי בתים זיך ניט דורכגעשלאָגען אין דיא אַרבּייטער געזעצע — דאַן וואָלט דאָס געוועזען צובּראָכען אונזער גאַנצע טהעאָריע וועגען דעם קלאַסען־קאַמפּף און וועגען דיא מאַכט פון עקאָנאָמישע פערהעלטניסע.

נאָר, נאַטירליך, אויבּ עס איז פאָרט א היסטאָרישער פאַקט, העלפט ניט. דאַן וואָלט דאָס טאַקי געוועזען א בעווייז, אַז קאַרל מאַרקס האָט א טעות געהאַט.

אָבּער עס איז ניט קיין היסטאָרישער פאַקט!

נאָר דער „פּאַטריאָטיזמוס“ וויל דאָס דוקא „בעווייזען“, אַז אידען זיינען געוועזען איין וואונדערבּאַרע אויסנאַהמע פון אַלע פעל־קער מיט דעם, דאָס ביי זיי האָבּען אַרבּייטער אימער געקראָגען דעם בעסטען שוץ פון געזעץ אָהן א קלאַסען־קאַמפּף פון דיא אַר־בּייטער; אַז קיינמאָל האָט דער אינטערעס פון אויסבּויטער פון אַרבּייטער ניט געהאַט קיין איינפלוס אין דער אידישער געזעץ־געבּונג.

דער אמת איז, אַז דאָס הייבּט זיך גאָר ניט אָן!
און דאָס וועט דאָ בעוויעזען ווערען.

## II

### די גוטע לעהרען פאַר דיא אונטערדריקטע.

מען געפינט אין דער אַלטער אידישער רעליגיאָן מערקוויר־דיג גוטע לעהרען, געדאַנקען און געזעצע, פאַר דיא טובה פון דיא אונטערדריקטע. דיא עדעלע נביאים האָבען אויסגעדריקט גאָל־דענע געדאַנקען וועגען דיא פאַרברעכען פון דיא רייכע און מעכ־טיגע געגען דיא אונטערדריקטע מאַסען. איך האָב זייט 25 יאָהר שוין זעהר אָפט געבראַכט דיעזע גאָלדענע פּרעדיגטען פון דיא נביאים, אין מיינע רעדען און שריפטען.

ישעיה הנביא שרייט:

„גאָט וועט זיך אָברעכענען מיט דיא עלטסטע פון זיין פאָלק און מיט זיינע גרויסע לייט. איהר האָט דעם ווייַנגאָרטען אויסגעליידיגט (דאָס הייסט איהר האָט אַלע עשירות'ן פאַר זיך פערכאַפּט). וואָס פון דעם אָריממאַן איז אָוועקגערויבט דאָס פּוללט אָן אייערע הייזער. וואָס אונ־טערדריקט איהר מיין פאָלק און צוריייבט דאָס פנים פון דיא אָרימע? !" (ג' ט"ו ט"ז).

אויף אַן אַנדער אָרט שרייט דיעזער פאָלקס־פריינדליכער פּרעדיגער:

„אָח, איהר רייכע, איהר רוקט צו הויז צו הויז (נים לאָזענדיג קיין פלאַץ פאַר אַנדערע), איהר מאַכט איין פעלד זיך אָנריהרען אָן דעם אַנ־דערן און איהר אַ ל י י ן בעזעצט דאָס לאַנד" (און פאַר דיא מאַסען פון פאָלק, הייסט עס, פאַרבלייבט גאָר ניט). (ה' ח')

און אויף דיא רעגיערער און געזעץ־מאַכער שרייט ער:

„וויי, וויי, וויא דיא געזעץ־געבער מאַכען אונגערעכטע געזעצע און וויא דיא שרייבער שרייבען אָן טיראַנישע זאַכען, כדי אָוועקצונעהמען דיא גערעכטיגקייט פון דיא אָרימע מענשען און צו בעראַבעווען מיין פאָלקס נויט־בעדירפטיגע פון זייער רעכט, אַז אלמנות זאָלען קענען זיין זייער רויב און יתומים זאָלען זיי אויספּלינדערן". (י א—ב).

ירמיה הנביא שרייט אויף דעם קעניג שלום בן יאשיהו:

„וויי, וויי, וויא ער בויט זיין הויז אָהן גערעכטיגקייט, זיינע טהור־מען אָהן יושר, ער צווינגט יענעם צו אַרבייטען פאַר איהם און זיין לוין בעצאָהלט ער איהם ניט". (כ"ב).

אויף א'ן אנדער אָרט קלאָגט ער:

„עס געפינען זיך אין מיין פאָלק רשעים — — — אַזוי וויא אַ שטייג איז פול מיט עופות, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט פאַלשקייט, ד אַ ר ו ם זיינען זיי געוואָרען גרויס און רייך. פעט זיינען זיי געוואָרען און דיק און בעגאַנגען זיינען זיי דיא ערגסטע זאַכען; דעם משפט פון אַ יתום האָבען זיי ניט גע'משפט און דערפון האָבען זיי מצליח געווען און דעם משפט פון אביונים האָבען זיי ניט גע'משפט. (ה' כ"ו וגו')

יחזקאל הנביא בעט זיך:

„גענוג שוין איך איהר אידישע פריצים, לייגט שוין אוועק פער־ברעכען און רויב, טהוט שוין אַמאָל רעכט און גערעכטיגקייט!"

מיכה הנביא דונערט:

„הערט נאָר אויס דאָס, איהר גרויסע לייט פון אידען, איהר קצינים פון ישראל'ס הויז, איהר האָט דאָך געדאַרפט קענען דיא גערעכטיגקייט, דאָך האָסט איהר צו זיין גוט און ליעבט צו זיין שלעכט. דיא הויט רויבט איהר אַראָב פון פאָלק, דיא פעל פון זייערע ביינער. דאָס פלייש פון מיין פאָלק פרעסט איהר און זייערע ביינער גריזשעט איהר אָב". (ג' א' וגו')

און אַזוי אָהן אַ שיעור, ביי אַלע נביאים — פון דיא געוויסע פעריאָדע פון דיא פרעדיגענדע פראָפעטען.

מילא, דאָס זיינען גלאַט שטראָף־רייד. פיעל אינטערעסאַנ־טער נאָך זיינען דיא סאָציאַלע געזעצע פון תורת משה. איך האָב שוין פיעל געשריעבען און גערעדט וועגען דיעזע מערקווירדיגע סאָציאַלע געזעצע. (מיר וועלען זיי גרינדליך בעטראַכטען אין צווייטען טייל.)

נאָך היינריך הייגע האָט אָנגערופען דיעזע געזעצע „פּראַק־טישער סאָציאַליזמוס". פון סאָציאַליזמוס זיינען זיי נאַטירליך אַזוי ווייט וויא הימעל פון דר'ערד; אָדער, ריכטיגער, וויא דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען מיט 3000 יאָהר צוריק זיינען ווייט

פון דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען אין דער היינטיגער צייט פון דאַמפף, מאַשינען און גרויס־קאַפּיטאַל. אָבער דער צ ו ו ע ק פון דיא סאָציאַלע געזעצע פון תורת משה איז געווען צו בעשי־צען דיא אָרעמע פון דעם רויב און בלוטזויגעריי פון דיא רייכע און ניט צו דערלאָזען אויסוואקסען אַ שטאַרקע אונגלייכהייט אין בעזיץ.

געווירקט האָבען דיא געזעצע ניט. זיי האָבען זייער צוועק ניט ערדייכט. (וויא מיר וועלען דאָס זעהען אין צווייטען טייל.) אָבער דיא כ ו נ ה פון דעם געזעץ־געבער פון תורת משה איז געווען צו ברייגגען גלייכהייט און גערעכטיגקייט פאַר דיא אָרימע. אין דעם איז קיין שום צווייפעל ניט.

אַ׳ן אויסנאָהמע פון אַ סך אַנדערע פעלקער זיינען אידען אין דעם דערמיט, וואָס ביי אידען זיינען דיא דאָזיגע געדאַנקען און דיא דאָזיגע געזעצע אַ ר י י נ ג ע ק ו מ ע ן אין ד ע ר ר ע ל י ג י אָ ן א ר י י ן. געוויסע ספּעציעלע אומשטענדען ביי׳ם אידישען פאָלק האָבען געבראַכט דערצו, אַז ערצעהלונגען און שריפטען פון אַלטע צייטען זיינען, אין אַ געוויסער צייט, צו־זאַמענגעשטעלט געוואָרען אַלס היילינע שריפט, אַלס פונדאַמענט פון זייער רעליגיאָן; און צווישען דיזע ערצעהלונגען און שריפ־טען פון אַלטע צייטען זיינען אויך געווען דיא דערמאָנטע גאָל־דענע מוסר־רייד פון דיא נביאים איבער סאָציאַלע אונגערעכטיג־קייטען, און אויך דיא סאָציאַלע געזעצע פון תורת משה.

געפונען האָבען זיך אַזעלכע אָדער ע הנ ל יכ ע געדאַנקען און געזעצע ביי אַנדערע פעלקער אויך, נאָר ביי אַנדערע פעל־קער זיינען זיי געוועהנליך ניט געזאַמעלט געוואָרען אַלס היילינע שריפט פון רעליגיאָן. (ביי אַ טייל אַנדערע פעלקער זיינען דאָ געזאַמעלטע אַלטע היילינע שריפטען אויך.)

סאָציאַלע גלייכהייטס־געזעצע האָט איינגעפיהרט, צום ביי־שפּיעל, ליקורגוס אין ספּאַרטאַ, נאָך אַ צייט איידער דיא אידישע היילינע שריפטען פון תנ״ך זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. עס איז ניט זיכער, אויב דאָס איז ווירקליך געשעהען. עס זיינען

דאָ פערשיעדענע מיינונגען צווישען דיא היסטאָריקער וועגען דעם. א טייל זאָגען, אז דיא סאָציאַלע איינריכטונג פון ליקורגוס האָט ווירקליך עקזיסטירט 500 יאָהר.

„דאָס גאַנצע לאַנד האָט ליקורגוס פערטהיילט אין גלייכע טיילען צווישען דיא בירגער און דעם אונטערשיעד פון אָרים און רייך האָט ער אָבגעשאַפט אויף אימער... ספארטא האָט דאַן פאָרגעשטעלט אַ שיינעם, רייצענדען אַנבליק... ווען ליקורגוס איז דערנאָך דורכגעפאָהרען דורך דעם לאַנד, האָט ער אויסגערופען: גאַנץ לאַקאָניען איז גלייך צו אַ פעלד וואָס ברידער טיילען צווישען זיך ברידערליך!" (שיללער, „די געזעצגע־בונג ליקורגוס".)

א טייל היינטיגע היסטאָריקער דאַגעגען זאָגען, אז דאָס איז גאָר א לעגענדע. אָבער זיכער איז דאָך, אז אַזאַ לעגענדע, אַזעלכע געדאַנקען און ווינשונגען, האָבען עקזיסטירט ביי דיא גריכען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק.

אין אַטהען ווידער האָט סאָלאָן געמאַכט און דורכ־געפיהרט געוויסע געזעצע, וואָס האָבען אַוועקגענומען רייכקייט פון דיא רייכע און געגעבען צו דיא אָרימע.

אין רוים האָט דיא בעוועגונג פון דיא גראקכען געקעמפפט פיר סאָציאַלע גערעכטיגקייט.

ביי דיא פערסיער איז, אין דער צייט פון דער גמרא, געווען א הייליגער מאַן (לויט זייער זאָראָאַסטער־רעליגיאָן) מיט'ן נאָ־מען מאזדעק, וועלכער האָט געפּרעדיגט ממש סאָציאַליז־מוס (נאַטירליך אוטאָפּיסטישען), אים נאָמען פון זייער רעליגיאָן. ער האָט געוואונען דעם קעניג קאָבאַד אויף זיין זייט און זיי האָבען גענומען איינפיהרען סאָציאַליזמוס. אָבער דיא רייכע זיינען ארויס אין א בלוטיגען קאמפף דאַגעגען. דיא פאָר־שטעהער פון דיא אידישע רעליגיאָן האָבען זיך געשטעלט אויף דיא זייט פון דיא רייכע און דער סאָציאַליזמוס איז אונטער־דריקט געוואָרען. (זעה גרעץ, געשיכטע דער יודען.)

ווען דיא אַלטע רעליגיאָן פון זאָראָאַסטער (זאַראַטהוסטרא) וואָלט ניט, א הונדערט יאָהר נאָך דעם, אויסגעראָטעט געוואָרען

דורך דעם שווערד פון דיא מאַהמעדאַנער, וואָלטען מסתמא דיא סאָציאַליסטישע רייד פון דעם הייליגען מאַזדעק געבליעבען היי־ליגע שריפטען ביי דיא פרומע זאָראָאַסטראַנען, — ווענינגסטענס ביי אַ טייל פון זיי.

וואָס אַנבעטרעפט געדאַנקען וועגען מענשען־ליעבע און גע־רעכטיגקייט, געפינען זיך אַזעלכע געדאַנקען זעהר פיעל אין דיא אַלטע שריפטען פון דיא פאַרצייטיגע גריכען און רוימער.

אַ'ן ענגלישער געלעהרטער מיט'ן נאָמען קראָופאָרד טייט ראַמיידזש האָט צוזאַמענגעשטעלט אין צוויי דיקע ביכער שיינע געדאַנקען פון דיא פאַרצייטיגע גריכישע און רוימישע שרייבער. שרייבט ער אין זיין הקדמה צו דעם צווייטען בוך דאָס פאָלגענדע:

„ווען מען אונטערזוכט דיא רעליגיעזע און מאָראַלישע געדאַנקען פון דיא פאַרצייטיגע געצען־דיענער, ווערט מען איבערראַשט פון דער וואונדערבאַרער גלייכניס פון יענע געדאַנקען מיט דיא, וועלכע מען האַלט פאַר ספּעציעל קריסטליכע. (דאָס זיינען טיילווייז דיזעלבע, וואָס אידען האַלטען פאַר ספּעציעל אידישע, דען עס איז דער זעלבער תנ"ך — „ביבעל". — ב. פ.) מען געפינט ביי זיי אַ סך פון דיא העכסטע מאָראַלישע לעהרען און עדעלע שפּריכע פון דער ביבעל. נאָר אין יענע געצען־דיענערשע ווערטער פעהלט אימער עטוואָס, וואָס זאָל זיי אריינגעבען לעבען און זאָל זיי ברענגען צו דעם האַרץ און צו דיא געפיהלע פון מענשען. נאָבעלע וואָהרהייטען זיינען אויבּיג געפּרע־דיגט געוואָרען פון דיא חכמים פון דיא פאַרצייטיגע פעלקער, סיי אין מזרח סיי אין מערב, דאָך פעהלט אין זיי יענער קלאָהרער און פאָלשטענדיגער קלאַנג, וואָס זיי בע־זיצען, ווען מען ווייסט אַז זיי קומען פון געטליכע ליפּען".

איז דאָס ניט מערקווירדיג? אַ גרויסער געלעהרטער געפינט ביי דיא געצען־דיענער געדאַנקען פונקט אַזוי עדעל, וויא דיא געדאַנקען פון דיא אידישע און קריסטליכע ביבעל, און דאָך זיי־נען זיי פאַר איהם „עפּעס ניט דאָס", ווייל אין זיי פעהלט דאָס, וואָס ער פיהלט, ווען ער לעזט דיזעלבע געדאַנקען אין דיא רעלי־גיאָן, אין וועלכע מען האָט איהם ערצויגען; נעמליך, דאָ

„ווייסט" (?) ער, אַז זיי קומען „פון געטליכע ליפּען"! ער בערע־כענט ניט, אַז ער זאָגט דאָך אליין, דאָס דער א י נ ה א ל ט בעווייזט ניט, אַז נאָר גאָט האָט געקענט אזעלכעס זאָגען; אַלזאָ, קומט דאָך „דער געטליכער קלאַנג" ניט פון די ערדלע לעהרען, נאָר פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, — פון דעם גלויבען, אין וועל־כען מען האָט איהם ערצויגען!

גענוי אזוי פערבלענדעט זיינען אויך די אידישע „פּאַטרי־אָטען", ווען זיי רעדען זיך איין, אַז אין די אידישע אלטע ספרים זיינען אזעלכע געדאַנקען „גאָר עפּעס אַנדערש".

נאַטירליך זיינען מאַנכע פּונקטען אַנדערש. אָבער ניט די אַלגעמיינע געדאַנקען.

זיי זיינען אויך אַנדערש, ווי געזאָגט, מיט דעם, וואָס ביי אידען זיינען אזעלכע אַלטע שריפטען און געדאַנקען אריינגענומען געוואָרען אין „די הייליגע שריפט" פון דער רעליגיאָן; און דורך דער דויערהאַפטיגקייט און פּאָפּולאַריטעט פון רעליגיאָן זיינען דיעזע געדאַנקען און פּרעדיגטען געבליבען ביי אידען און קריסטען מעהר דויערהאַפט און פּאָפּולער, וויא די עהנליכע געדאַנקען ביי אַנדערע אומות, ביי וועלכע זיי זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אַלס פּראָסטע מענשליכע, ניט אַלס „געגעבען פון גאָט". (ווייטער ווע־לען מיר זעהען, אַז דויערהאַפט און פּאָפּולער בלייבט נאָר די א ו י ס ע ר ל י כ ע זייט פון רעליגיאָן. דאָס אינערליכע גוטע אין דעם האָט קיין האַפט ניט, דוקא ו ו י י ל עס איז ר ע־ ל י ג י אָ ן.)

* * *

סיי ווי סיי, דער פאַקט בלייבט, אַז אין די אידישע אַלטע הייליגע שריפטען געפינען זיך זעהר ערדלע געזעצע און געדאַנקען פאַר די טובה פון די אָרימע און אונטערדריקטע און געגען די רייכע און מעכטיגע.

פון וואַנען האָבען זיך גענומען דיעזע געדאַנקען און געזעצע?

אַז זיי זיינען ניט ארויסגעקומען פון דעם „גייסט" פון ג א נ צ ע ן אידישען פאָלק, זעהט מען דאָך דייטליך גראַדע פון דיעזע ערדלע פּרעדיגטען פון די נביאים גופא! זיי שרייען דאָך

געוואַלט, אַז אַפיציעל האָט אין אידישען פאָלק געהערשט טי־ראַניי, רויבעריי, אונטערדריקונג, רציחה'דיגע אונגלייכהייט.

„וואַנדערט דורך דיא גאַסען פון ירושלים און זעהט דאָך, און וויסט, און זוכט אין אַלע איהרע שטראַסען, אויב איהר וועט געפינען כאָטש איין מענש, וואָס טהוט גערעכטיגקייט און זוכט טריהייט, וועל איך איהר שיינקען... און איך האָב געמיינט, זיי זיינען נאָר אָרימע מענשען, נאַררען, אונוויסענדע, זיי וויסען ניט פון זייער גאָטס געבאָט... איך וועל גיין צו דיא גדולים און וועל מיט זיי רעדען; זיי וויסען דאָך גאָטס וועג, דאָס געזעץ פון זייער גאָט: אָבער זיי אַלע צוזאַמען האָבען צובראָכען יעדע פפליכט, ארויסגעריסען יעדען פונדאַמענט (פון גערעכטיגקייט)... (ירמיהו ה')

און גאַנץ דייטליך שרייט דיעזער ערעלער נביא:

„דען פון גרויס ביז קליין זיינען זיי אַלע רויבער, און פון דעם נביא ביז דעם כהן טרייבען זיי אַלע פאַלשקייט". (שם ו')

אזעלכע פסוקים געפינען זיך אַ סך, אַ סך, ביי אַלע דיעזע נביאים, אין אַ משך פון אַ הונדערט יאָהר.

איז דאָך דייטליך, אַז נאָר פון געוויסע קלאַסען פון אידישען פאָלק זיינען ארויסגעקומען דיא ערעלע געדאַנקען וועגען סאָציאַלע גערעכטיגקייט.

וועלכע קלאַסען זיינען דאָס געווען?

מיט גענויע זיכערהייט איז אונמעגליך דאָס צו דערגיין. עס זיינען ניט געבליעבען קיין דייטליכע היסטאָרישע בעריכטען וועגען דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע אין דיא אַלטע צייטען אין אידישען פאָלק. אבסאָלוטע וויסענשאַפטליכע זיכערהייט וועט מען וועגען דעם קיינמאָל ניט האָבען. מען מוז זיך דארום בענוגענען מיט סברות, מיט וואהרשיינליכקייטען.

און דיא נייעסטע און וואהרשיינליכסטע סברות וועגען דעם, לויט טיעפע פאָרשונג אין תנ"ך, ברייננט קאַרל קויטסקי („אור־שפּרונג דעם קריסטענטהומס") און אויך מאַקס מויערברעכער אין זיין ווערק „ביבלישע געשיכטען". איך וועל דאָ איבערגעבען בקצור דעם אינהאַלט פון דיעזע סברות.

## III

### וויאַזוי די גוטע לעהרען זיינען ענטשטאַנען.

די פּאַרציייטיגע געזעצע און לעהרען פון די אידישע רע־ליגיאָן קומען אַרויס פון צוויי קוועלען:

1) פון די כהנים.

2) פון די תנאים און רבנים.

פריהער זיינען די כ ה נ י ם געווען די וואָס האָבען געגעבען דעם פּאָלק די לערנונגען פון רעליגיאָן. א כהן האָט נאָר געקענט געבוירען ווערען פון די משפחה כהנים. דאָס איז אַלזאָ געוואָרען א געבורטס־אַדעל, א רעליגיעזער. אָבער פריהער איז געווען א צייט, וויא מיר וועלען באַלד זעהען, ווען זיי זיינען געווען אָרים און פערפאָלגט און זיי האָבען געהאַלטען מיט די אָרימע.

הונדערטער יאָהרען שפּעטער איז ביסלעכווייז אָבגעשאַפט געוואָרען דער ירושה־מאָנאָפּאָל, וואָס די כהנים האָבען געהאַט איבער דער רעליגיאָן, און אויף זייער אָרט זיינען געקומען די תנאים און רבנים, די תורה־לערנערס, אַלע איינס צו כהנים צי ניט. זיי האָבען דורכאויס ניט געוואָלט וויסען פון געבורטס־רעכט אין רעליגיאָנס־העררשונג. אין זייער גייסט זאָגט די גמרא, אַז אומישנע קומט געוועהנליך פון א תלמיד חכם ניט אַרויס קיין תלמיד חכם, „כדי זיי זאָלען ניט זאָגען, אַז די תורה איז ביי זיי א ירושה און זיי זאָלען ניט טיראַנעווען איבער'ן פּאָלק". (נדרים פ"א.)

יעצט וועלען מיר בעטראַכטען די עקאָנאָמישע אומשטענ־דען, אונטער וועלכע דיעזע צוויי קוועלען פון די אידישע רעלי־גיאָן זיינען ענטשטאַנען, און וואָס עס איז שפּעטער פון זיי גע־וואָרען.

* * *

גאָר אין די אַלטע צייטען האָבען די אידען געלעבט אין גרויסע פאַמיליען צוזאַמען, אַזוי וויא אַלע אַנדערע פרימיטיווע

פעלקער. קינדער און אייניקלעך זיינען געבליבען אין הויז פון זייער טאַטען און זיידען, אונטער זיין הערשונג („פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליע״); און נאָך זיין טויט אונטער דעם עלטסטען זוהן זיינעם. דאָס הויז און דאָס פעלד איז געווען שותפות־אייגענטהום פון דיא גרויסע פאַמיליע.

ארום דיא צייטען ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דיא מלוכה אונטער דוד און שלמה המלך, האָט אָנגעהויבען צו ווערען א׳ן ענדערונג: נאָך דעם פאַטערס טויט האָבען דיא זיהן צוטהיילט דאָס פעלד צווישען זיך. יעדער האָט געקראָגען א גלייכען חלק און דער בכור, דער עלטסטער זוהן, צוויי חלקים. (דיא טעכטער גאָר ניט.) דיא אַלטע גרויסע פאַמיליען־געמיינשאַפט איז צופאַלען. עס זיינען אויפגעקומען קליינע פאַמיליען מיט פּריוואַט־אייגענטהום. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז יעדע פאַמיליע האָט געהאַט א קליינע שטיקעל לאַנד. מיט דער צייט זיינען א סך פאַמיליען געבליעבען ביי זעהר אָרימע חלקים. א טייל פאַמיליען אָבער האָבען געהאַט גרויסע שטיקער לאַנד — צו ווייל זיי איז צוגעפאַלען א גרויסע ירושה, צו ווייל זיי האָבען דורך פערשיעדענע געלעגענהייטען אָבגעקויפט אָדער פערנומען שטיקער פעלד פון זייערע שכנים.

צום ערשטען מאָל האָט זיך דאַן ענטוויקעלט א גרויסע אונגלייכהייט אין פערמעגען. א טייל האָבען שוין געהאַט אזוי ווייניג פעלד, אז זיי האָבען ניט געקענט האָבען דערפון גענוג צום לעבען; א טייל האָבען געהאַט אויף זייער חלק גאָר גרויסע שטיקער לאַנד.

דיעזע רייכע האָבען געקראָגען דיא גאַנצע מאַכט אין דאָרף און אין לאַנד. צום ערשטען מאָל הערען זיך דאַן קלאַגען פון אָרימע פערלאָזענע אלמנות און יתומים. אין דיא פריהערינגע גרויסע פאַמיליע זיינען אלמנות און יתומים ניט געווען קיין פערלאָזענע, זיי זיינען געבליעבען אין דעם פאַמיליען־גוט. דיא נייע קלאַגען וועגען פערלאָזענע אלמנות און יתומים בעווייזען אלזאָ, אז דערמאָלט זיינען דיא גרויס־פאַמיליען שוין געווען אונטערגעגאַנגען און קליין־פאַמיליען האָבען פערנומען זייער פּלאַץ.

דערצו איז געקומען אַן אַנדערע לייעס, וואָס האָט פער־

מעהרט רייכקייט אויף איין זייט און אָרימקייט אויף דער אַנ־דערער זייט: דאס קעניגטהום האָט אָנגעהויבען צו נעהמען פון דיא אונטערטהאַנען געלד, אנשטאט פּראָדוקטען. שטייערען (פּאָ־דאטקעס) און שטראפען האָט מען שוין געמוזט צאָהלען אין באַארעס געלד. דאָס האָט אַלץ מעהר געצוואונגען דאָס פאָלק צו פערקויפען אַלץ וואָס נאָר מעגליך, כדי צו קריגען געלד.

א מעגליכקייט צו פערקויפען האָט זיך אַלץ מעהר ענטוויקעלט דורך דעם האנדעל מיט פרעמדע לענדער, וואָס דאָס קעניגטהום האָט איינגעפיהרט. האנדעלס־אָבמאַכונגען זיינען געשלאָסען געוואָרען מיט פרעמדע לענדער. דער האנדעל האָט אריינגעבראַכט פון אויס־לאַנד לוקסוס־סחורות. דאָס האָט געררייצט דיא רייכע און מעכ־טיגע צו א ברייטען לעבען. געלד האָט גענומען שפּיעלען א הויפּט־ראָלע... (דאָס איז אַלץ ארויסצוזעהן פון פערשיעדענע שטעלען אין תנ״ך).

וויא אימער, ווען עס ענטוויקעלט זיך מסחר און געלד־ווירטהשאַפט, האָט דאָס רייכער געמאַכט דיא רייכע און אָרימער דיא אָרימע. אַלץ מעהר און מעהר מאַסען פון פאָלק זיינען גע־וואָרען פערבאָרגט אין חובות איבער׳ן קאָפּ, זיינען גענומען גע־וואָרען אין שקלאַפעריי ביי זייערע רייכע „אחינו בני ישראל״ פאר דיא חובות, וואָס זיי האָבען ניט געקענט בעצאָהלען, (וויא אין מלכים ב׳ ד׳ א׳ און ירמיהו ל״ד) אָדער האָבען געמוזט זוכען זייער לעבען דורך פערדינגען זיך צו ארבייטען פאר טאָג־לוין.

* * *

אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטען האָט דער אויסלענדי־שער האנדעל מיטגעבראַכט אויסלענדישע מנהגים, געדאַנקען, מאָ־דעס, צוזאַמען מיט דיא אויסלענדישע סחורות. אין יענע אַלטע צייטען פלעגט דער האנדעל ברייגגען אויסלענדישע ג ע ט ט ע ר און זייערע פּריסטער. אַזוי איז עס אויך געווען ביי אידען אין אָנהייב פון דעם קעניגטהום. דיא קעניגע, דיא רייכע, דיא מעכ־טיגע זיינען געווען דיא ערשטע, וואָס האָבען גענומען דיענען דיא פרעמדע געטטער. אַלע מאָל זיינען דיא רייכע און מעכטיגע דיא ערשטע, וואָס נעהמען איבער אויסלענדישע מאָדעס. און דיא

גרויסע אָרימע מאַסען האָלטען אימער הייליג זייערע אייגענע אַלטע לאַנדס־געוואוינהייטען, וויא קליידונג, מאכלים, בעגריפען, געדאַנקען. אין יענע אַלטע צייטען איז דאָס אַלץ געווען איינגע־וויקעלט אין געטער־דיענסט. דיא פּרעמדע מאָדעס, קליידונג, מנהגים א. ז. וו. זיינען געווען איין זאַך מיט פרעמדע געטער און געטער־דיענסט.

אַ האַס צו דיא רייכע און מעכטיגע אונטערדריקער האָבען דיא פּעראָרימטע און אונטערדריקטע מאַסען שוין געפיהלט. דיא אונגליקליכע צושטענדע זיינען דאָך נאָך געווען נ י י, פּ ר י ש. האָט זיך דער האַס און צאָרן פאַר איין גאַנג אויך געווענדעט צו דיא פרעמדע געטטער, וואָס דיא רייכע און מעכטיגע האָבען אריינ־געבראַכט אין לאַנד. דער אייגענער אַלטער אידישער פאָלקס־גאָט איז געוואָרען דער גאָט פון אָרימען פאָלק און דיא פרעמדע געטער זיינען געוואָרען דיא געטער פון דיא רייכע און מעכטיגע.

גאָר פריהער זיינען געווען פיעלע פערשיעדענע אידישע פאָלקס־געטער. יעדער שבט, יעדע משפּחה האָט געהאַט אַן איי־גענעם גאָט. צווישען זיי איז געווען איין גאָט מיט דעם נאָמען „יאהו“. (אַזוי איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען דאָס וואָרט „יהוה“, — וויא עס איז דיא לעצטע צייט אויף זיכער בעוויעזען געוואָרען, דורך געפונענע איינקריצונגען אין שטיין.) יעדער גאָט איז געווען דיא לעגענדע פון אַ שבט אָדער פון אַ טייל פון אַ שבט. מען האָט דערצעהלט, אַז אין אַ געוויסען בוים, אַ שטיין, אַ בארג א. ז. וו. האָט מען אַמאָל געזעהען „וואונדער“; אַז דאָרט „רוהט“ אַ גרויסער, מעכטיגער גייסט, אַ גאָט. יעדער גאָט אַזעל־כער האָט געקראָגען מיט דער צייט אַ נאָמען. און יעדער פון זיי האָט געהאַט זיינע פּריסטער, וואָס האָבען געמעגט צוקומען צו זיין הייליגען פּלאַץ און ניט גע׳הרג׳עט ווערען... דיא פּריסטער פון יעדען גאָט האָבען דערצעהלט בעזאָנדערע גרויסע וואונדער פון איהם. (פּונקט וויא ביי פּוילישע חסידים דערציילט זיך אָן יעדע סעקטע ניסים און מופתים פון זייער צדיק און יעדע האַלט זייער צדיק פאַר דעם גרעסטען און וואונדערליכסטען. אָט אַזוי איז דאָס דעמאָלט געווען מיט דיא פערשיעדענע ג ע ט ע ר.)

פון א טייל געטער האָט מען געמאַכט בילדער, פון אַ טייל ניט.

דיא פערשיעדענע געטער האָבען ניט געהאַט אַלע א גלייכע בעריהמטהייט. וועגען א טהייל פון זיי האָט זיך פערשפרייט דער רוהם פון זייערע „וואונדער“ און זייער „מאַכט“ ווייט צווי־שען פערשיעדענע שבטים. וועגען א טייל וועניגער. (אָט פונקט וויא מיט דיא רביאים.)

איינער פון דיא דאָזיגע אַלטע אידישע געטער איז דאָס גע־ווען דער גאָט „יאהו“. געקומען איז ער פון שבט יהודה. גע־שטאַמט האָט ער פון אָנהייב פון א פייער־שפּייענדען בארג. מען האָט אמאָל, אמאָל געזעהען א בארג שפּריצען פייער, איז אריין א ציטערניש דיא מענשען אין הארצען און זיי האָבען זיך פאַר־געשטעלט, אז דאָרט איז א מעכטיגער גאָט. הונדערטער יאָהרען זיינען אוועק. דיא געשיכטען פון דיא וואונדער פון דעם גאָט זיינען פון דור צו דור געוואַקסען און געוואַקסען.

וויא געזאָגט, יעדער גאָט האָט געהאַט זיינע פריסטער. דיא פריסטער פון יעדען האָבען דערצעהלט, אז זייער גאָט איז דער גרעסטער און דער מעכטיגסטער. און יעדער סאָרט פריסטער האָט „געלערנט“ וויא אזוי זייער גאָט וויל מען זאָל איהם דיענען, כדי מען זאָל זיך מיט איהם בעפריינדען, אז ער זאָל טהון דעם מענשען גוטס און ניט קיין שלעכטס. זייער גאָט האָט זיי דאָס „אליין געזאָגט“.

און דיא פערשיעדענע פריסטער פון דיא פערשיעדענע געטער האָבען געהאַט א היציגע קאָנקורענץ צווישען אנאנדער. זיי האָ־בען איינע דיא אנדערע מאַנכע מאָל געמאָרדעט און געקווילעט, אויב זיי האָבען נאָר געקענט.

און פונקט וויא אין דיא מלחמות צווישען פעלקער זיינען א טייל פעלקער געווען גליקליכער און זיי האָבען פערשפרייט זייער מאַכט איבער אנדערע פעלקער, אזוי איז עס אויך געווען אין דיא קאָנקורענץ צווישען דיא פערשיעדענע פריסטערשאַפ־טען פון דיא פערשיעדענע געטער. אזוי איז עס געווען ביי א סך אומות, און אזוי אויך ביי אידען.

דער גאָט „יאהו“ האָט געהאַט בעזאָנדערע הצלחה. דיא

געשיכטען פון זיינע וואונדער און פון זיין מאַכט האָבען זיך גאַנץ בעזאָנדערס פערשפּרייט אין פאָלק, דורך זיינע וואַנדערנדע פּריסטער פון שבט לוי. דער גאָט „יאהו“ איז ביסלעכוויז גע־וואָרען אַלץ מעהר און מעהר דער הויפּט־גאָט פון גרויסע טיילען פון פיעלע אידישע שבטים. זיינע פּריסטער זיינען געווען בע־זאָנדערס ערפאָלגרייך. דאָס האָט זיי געהאָלפען צו זיין בעזאָנ־דערס מעכטיג און אויך פעהיג און אינטעליגענט, — וויא ווייט דאָס איז מעגליך געווען אין יענע צייטען.

אזוי וויא „יאהו“ איז געוועזן דער גאָט פון שבט יהודה, און אזוי וויא דיא גייע קעניגע פון דיא דינאַסטיע דוד זיינען גע־וועזן פון דיעזען שבט, און זיי זיינען געוואָרען דיא הערשער איבער אַלע אידישע שבטים, איז זייער שבט־גאָט „יאהו“ שוין אין גאַנ־צען געוואָרען דער גאָט פון אַלע אידישע שבטים. (פּונקט וויא יעזוס איז שפּעטער געוואָרען דער גאָט פון אַלע רוימישע פעל־קער — און דערנאָך פון גאַנץ אייראָפּאַ — אזוי געשווינד וויא דער רוימישער קייסער קאָנסטאַנטין האָט איהם אָנגענומען.)

גאָט „יאהו“ איז געוואָרען אַלץ גרעסער און מעכטיגער, ביז ער איז געוואָרען (אין דעם בעגריף פון אידישען פאָלק) דער גאָט איבער דיא גאַנצע וועלט. און העכערע געדאַנקען וועגען געטליכ־קייט האָבען זיך צו איהם צוגעפּאַסט... זיינע פּריסטער האָבען זייט הונדערטער יאָהרען דערציילט געשיכטען, אז ער, דיעזער גאָט יאהו, האָט דאָס ארויסגענומען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל פון מצרים, מיט גרויסע ניסים, און זיי געבראַכט אין דעם לאַנד כנען און זיי געהאָלפען געווינען זייערע מלחמות. דיעזע געשיכטען זיינען געוואָרען דיא הייליגע לעגענדען פון גאַנצען פאָלק.

* * *

און דאָ איז געקומען אַן אומשטאַנד, וואָס האָט געמאַכט דיא פּריסטער און נביאים פון דעם גאָט „יאהו“ פאַר פּרעדיגער פון דעמאָקראַטישע גערעכטיגקייט און שטראָפער (מוסר־זאָגער, הייסט עס) פון דיא מעכטיגע טיראַנען:

ווען נעמליך דיא מעכטיגע און רייכע האָבען אריינגעבראַכט פרעמדע געטער און זייערע פּריסטער, דאַן זיינען דיעזע פרעמדע

פּריסטער נאַטירליך געווען זעהר פּערהאַסט, אַלס געגנער, ביי דיא פּריסטער פון „יאהו". וויא שוין גערעדט, איז אין פאָלק ענטשטאַנען אַ בעגריף, אַז דיא פרעמדע געטער זיינען דיא געטער פון דיא אַריסטאָקראַטיע, פון דיא טיראַניי און אונטערדריקונג און אַז „יאהו" איז דער גאָט פון פאָלק, פון פאָלקס גערעכטיגקייט. דאָס האָט נאַטירליך ענטוויקעלט דעם בעגריף, אַז דיא טיראַנען זיינען טיראַנען וויל זיי פערלאָזען „יאהו" און זיינע לערנונגען און דיענען דיא פרעמדע געטער; און אַז ווען זיי וואָלטען זיך אומגעקעהרט צו „יאהו", וואָלטען זיי געווען גוט־הארציג צום פאָלק.

דאָס אַליין האָט שוין נאַטירליך געווירקט אויף דיא ערעל־הארציגע צווישען דיא פּריסטער פון „יאהו", אַז זיי זאָלען זיך פיהלען אַלס דיא פאָרשטייהער פון דיא אָרימע מאַסען און געגנער פון דיא טיראַנען.

דערצו האָט נאָך געהאָלפען דער פאַקט, וואָס דיא פּריסטער פון „יאהו" זיינען אַליין געווען פון אַ'ן אָרימען שבט, וואָס זיין פעלד־בעזיץ איז געווען אונטערגעגאַנגען. (דורך וועלכע אורזאַכע, קען מען ניט וויסען.) דיעזע אָרימע ארומוואַנדערנדע פּריסטער האָבען אין לאַנד גאָר ניט געהאַט, נאָר זייער פּריסטערשאַפט פון „יאהו". אַלס פּריסטער האָבען זיי געקראָגען תרומה און מעשר, און דערפון האָבען זיי געלעבט. און דאָ איז זייער פּריסטערשאַפט און איינפלוס אונטערגעגראָבען געוואָרען דורך דיא פרעמדע גע־טער און זייערע פּריסטער, וואָס דיא רייכע און מעכטיגע האָבען אריינגעבראַכט אין לאַנד. דאָס האָט מיט־געווירקט אַז דיא אָרימע פּריסטער פון „יאהו" זאָלען זיך פיהלען איינס מיט דיא אָרימע מאַסען אין דעם האַס און צאָרן געגען דיא רייכע און מעכטיגע רויבער. קורץ, עס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דיא פּריסטער און נביאים פון יאהו אַ גאַנצע פאָלקס־פריינדליכע און טיראַנען־פיינדליכע בעוועגונג פון מוסר־זאָגען...

מיט דעם גלענצענדען ישעיה הנביא איז דיעזע בעוועגונג געוואָרען זעהר שטאַרק. ווען זי האָט אָנגעהאַלטען נאָך איהם ארום 100 יאָהר (פון ארום 750 ביז ארום 630 פאַר דיא קריסט־

ליבע צייט־רעכנונג), איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציאָן אין אידען׳ס לאַנד. אין דער רעוואָלוציאָן איז געטויטעט געוואָרען דער קעניג אמון און זיין זוהן יאשיהו איז אַרויפגעזעצט געוואָרען אויפ׳ן טהראָן.

אין דיזער צייט האָט דער פּריסטער פון גאָט יאהו, חלקיהו הכהן, פאָרגעבראַכט אַ געזעץ־בוך. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס „געפונען" אין יאהו׳ס טעמפעל און אַז דאָס איז „תורת משה" (מלכים ב׳ כ"ב).

דאָס איז דאָס געווען דאָס געזעץ־בוך מיט די מענשען־פריינדליכע געזעצע, וואָס איז געבליעבען אַ טייל אין תורת משה ביז׳ן היינטיגען טאָג. דאָס האָבען די פאָלקס־פריינדליכע פּריס־טער, די קעמפּפער פאר די אינטערעסען פון די אָרימע, אויס־געגעבען אַלס די אַלטע תורה, וואָס שטאַמט נאָך פון „משה׳ן". דעם ערשטען לעגענדאַרען גרויסען פּריסטער פון גאָט יאהו, פון אכט הונדערט יאָהרען פריהער: גאָט יאהו אַליין האָט איהם דאָס געגעבען.

דאָס איז ניט געווען קיין שווינדעל. דאָס איז געווען אַזוי דער שטייגער אין יענע צייטען, אַז וואָס די פּריסטער האָבען געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל גלויבען און אָננעהמען, דאָס האָבען זיי אויס־געגעבען אַלס שטאַמענדיג פון זייער גאָט, נאָך פון די אַלטע צייַ־טען, וואָס ער האָט געגעבען צו זיינע ערשטע פּריסטער, אָדער נביאים, וועלכע זיינען געווען גאָר שטאַרק בעליעבט ביי איהם און זעהר נאָהענט צו איהם.

נאָך אַ טויזענד יאָהר שפּעטער, ווען עס איז שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, האָט נאָך אויך די גמרא געזאָגט גאַנץ אָפען, אַז ווען מען וויל אויפטהאָן אַ גוטע זאַך (למשל מאַכען שלום), איז קיין עבירה ניט מען זאָל זאָגען אַ ליגען, אַז אַ גרויסער הייליגער האָט אַזוי געהייסען... (יבמות ס"ה:) מען ברייננגט אַ ראיה פון דעם, וואָס יוסף׳ס ברידער האָבען געזאָגט יוסף׳ן, אַז זייער פאָטער האָט אַ געוויסע זאַך געבאָטען פאַר זיין טויט, כאָטש עס איז גאָר ניט געווען אמת, ער האָט גאָר ניט אַזוי געבאָטען פאַר זיין טויט.

דער געדאַנק דערפון איז, אַז ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געווים אַליין אַזוי געזאָגט...

איין תנא זאָגט וועגען עפּעס, אַז רבי יוסי האָט דאָס געזאָגט, און דערויף זאָגט דיא גמרא, אַז ר' יוסי האָט דאָס גאָר ניט געזאָגט, נאָר ווייל יענער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אַננעהמען דעם דין, דאַרום האָט ער געזאָגט, אַז דאָס האָט דער גרויסער ר' יוסי אַזוי גע'פּסק'ענט. (עירובין נ"א.)

* * *

אַלזאָ, דיא אַרבייטער־פריינדליכע געזעצע זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַ'ן אַרט פּראָלעטאַרישער בעוועגונג, וועלכע האָט געדויערט אַרום 100 יאָהר. דאָס איז געווען דער איין געשיכטליכער מאָמענט אין אידישען פאָלק, ווען עס האָבען געפּרעדיגט דיא עטליכע צעהנדליג עדעלע, דעמאָקראַטישע נביאים און געדונערט געגען דיא רציחות און נידערטרעכטיגקייטען פון דיא הערשענדע רויבער.

* * *

אינטערעסאַנט איז דיא געשיכטע, וויא דיא נביאים האָבען אָנגעהויבען אויפצוטרעטען אין דיעזער ראָלע. דיא געשיכטע ווערט דערצעהלט וועגען דעם סאַמע ערשטען פון דיעזען נייעם סאָרט נביאים — אליהו הנביא. (עס איז ניט וויכטיג, צו דיא געשיכטע איז היסטאָריש; אויב זיא איז אַ לעגענדע, איז זיא אויך כאַראַקטעריסטיש.)

אָט איז דיא געשיכטע:

איינער מיט'ן נאָמען נ ב ו ת, פון דיא שטאָט יזרעאל, האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען לעבען דעם פּאַלאַץ פון דעם אידישען קעניג אחאב. האָט זיך דעם קעניג פערוואָלט האָבען דעם וויינגאָרטען. האָט ער פאָרגעשלאָגען דעם אייגענטהימער, ער זאָל איהם דעם וויינגאָרטען פאַרקויפען. האָט נ ב ו ת געזאָגט: „זאָל מיך גאָט אויסהיטען, וויא טאָר איך פערקויפען דיא נחלה פון מיינע עלטערן?!" (דאָס איז געווען דער אַלטער בעגריף פון דער צייט פון גרויס־פאַמיליען־אייגענטהום, — אַז עס איז אַ פערברעכען צו פערקויפען דעם חלק ערד וואָס געהערט פון פאָרצייטענס צו דער

משפחה.) איז דער קעניג געוואָרען אזוי שטאַרק אויפגערעגט, אז ער האָט אַזש ניט געקענט עסען. האָט איהם דיא קעניגין גע־זאָגט: איצט ערשט מוזט דו לערנען וויא צו זיין אַ'ן אמת'ער הערשער איבער אידען! האָט זיא ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל אָנקלאָגען דעם נ ב ו ת, אז ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג און מען זאָל שטעלען פאַלשע עדות אויף דעם און מען זאָל איהם פער'משפט'ן צום טויט.

אזוי איז געשעהען: מען האָט דעם נבות פערשטיינט.

נאָך זיין טויט, איז דער קעניג אוועק צונעהמען זיין וויינ־גאָרטען.

איז געקומען צו איהם אליהו הנביא און האָט געזאָגט: „אזוי האָט געזאָגט יאהו, — ניט גענוג וואָס דו האָסט געמאָרדעט, גייסט דו נאָך צונעהמען דיא ירושה פון דעם ערמאָרדעטען?! אזוי האָט יאהו געזאָגט: אויף דעם אָרט וואו די הינט האָבען געלעקט דאָס בלוט פון נבות, וועלען די הינט לעקען דיין בלוט אויך!" (מלכים).

דיעזע געשיכטעלע שטעלט פאָר דעם אָנפאַנג פון דעם קאַמפף פון דיא נביאים געגען דיא הערשענדע רויבער, אין דער צייט ווען זיי האָבען גענומען פערניכטען דאָס אַלטע פאַמיליען־אייגענ־טהום. נאָר־וואָס האָט מען אַ מענשען פערשטיינט צום טויט פאָר דעם וואָס ער האָט כלומרשט געלעסטערט דעם קעניג, און אזא שרעקליכען טיראַנישען הערשער זאָגט דער נביא אין פנים אריין אזעלכע ווערטער!

דער פסוק דערציילט, אז דער קעניג האָט תשובה געטהאָן און דיא נבואה וועגען זיין שוואַרצען סוף איז ניט מקוים געוואָרען...

מיר ווייסען, נאַטירליך, אז טיראַנען טהוען געוועהנליך נ י ט קיין תשובה אויף זייער טיראַניי. און אזוי ווערט אויך אין תנ"ך געשילדערט, אז דיא דונערנדע שטראָף־רייד פון דיא ווייטערע פיעלע נביאים, וואָס זיי האָבען געשליידערט אין פנים פון דיא ווייטערע פיעלע טיראַנען, האָבען גאָר ניט געהאָלפען. עס איז געווען אַ בעוועגונג בלויז פון מוסר־זאָגען...

אָבער, ווען דיעזע בעוועגונג האָט ניט געווירקט אין ווירק־

ליבען לעבען — אַ געזונד־בוך האָט זיא דאָך בעשאַפען אַ פריינד־ליכען צו דיא אונטערדריקטע און בעטרויבטע.

* * *

יעצט אָבער בלייבט צו זעהען, וויא ווייט זיינען דיא גוטע אַרבייטער־געזעצע אויסגעפיהרט געוואָרען? און צו האָבען זיך דיא געזעצע ווייטער ענטוויקעלט בלויז אין דעם גייסט פון אמת'ע טובה פאַר אַרבייטער?

## IV

### אַרבייטער־געזעצע אַלס רעליגיאָן.

אַלזאָ, גוטע געזעצע פאַר אַרבייטערס טובה זיינען געשאַפען; געוואָרען אין איין געוויסען געשיכטליכען מאָמענט, דורך אַ בע־וועגונג, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דיא פערהעלטניסע פון דער צייט; דורך אַ קלאַסע פּרעדיגער, וואָס זיינען אַליין געווען אונטער־דריקטע.

אויב אזוי, איז דאָך דער שכל מחייב, אז ווען דיעזער מאָ־מענט איז געווען פאַרביי, ווען דיעזע בעוועגונג איז אונטערגעגאַנ־גען, און ווען עס זיינען געקומען אַנדערע אומשטענדען, און דיא אונטערדריקטע האָבען קיין מאַכט ניט געהאַט, און דיא אונטערדריקער האָבען געהאַט זעהר אַ שטאַרקע מאַכט — דאַן האָט אַזאַ סאָרט געזעצגעבונג ניט גע־קענט פאָרטגעזעצט ווערען, ריין אין דעמזעלבען אַרבייטער־פריינד־ליכען גייסט. אזוי, דאַכט זיך, איז דאָך דער שכל מחייב.

אָבער ניין, ענטפערט מען, — דיא איין־מאָל־בעשאַפענע גוטע אַרבייטער־געזעצע זיינען געוואָרען רעליגיאָן און רעליגיאָן ווירקט פיעל שטאַרקער וויא וועלטליכע געזעצע. רע־ליגיאָן ווירקט „אויפ'ן געוויסען“. צוליעב רעליגיאָן האַנדלען מענשען געגען זייערע אייגענע קערפּערליכע אינטערעסען. אַלזאָ, האָבען די פרומע לייט געקענט, אוים פרומקייט, האַנדלען געגען שטאַרקע מאַטעריעלע אינטערעסען און לאָזען ווייטער ענטוויקלען דיא געזעצע אַלץ אין דעם גייסט פון אַרבייטער־פריינדליכקייט.

אָט־אָ־דאָ ליגט דער גרויסער טעות!

און דיעזער גוואַלדיגער טעות, וועגען די „מאַכט“ פון רע־ליגיאָן איבער סאָציאַלע אינטערעסען, ריהרט אָן דעם סאַמע עיקר פונדאַמענט פון רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזמוס און פון דיא לעהרע פון קאַרל מאַרקס.

אויב רעליגיאָן ווירקט אויף דיא מעכטיגע, זיי זאָלען האַנד־

לען געגען זייערע אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסען, כדי צו זיין גוט און פרום — דאַן דאַרף מען מאַכען דיא ערדישער פרום, ניט דיא בעהערשטע שטאַרק און רעוואָלוציאָנער!

דאַן דאַרף מען ווידער אַזאַ בעוועגונג פון מוסר־זאָגען, וויא דיא נביאים האָבען אָנגעפיהרט.

דאַן זיינען דיא רבנים גערעכט, און דיא גלחים גערעכט, ווען זיי זאָגען, אַז מען דאַרף ניט קיין רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, נאָר אַ רעליגיעזע בעוועגונג. מאַכט דיא וועלט פרום, וועט זי זיין גוט!

און ניט נאָר דיא רבנים און גלחים: אויף אַ פרייזינניגען אופן טענה'ן דאָסזעלבע דיא פרייזינניגע מאָראַל־פּרעדיגער, — פּאָזיטיוויסטען, עטהישע קולטור בעוועגונג, טאָלסטאָיאַנער: אויך זיי גלויבען, אַז מען קען און מען דאַרף בעקעהרען דיא הערצער פון דיא מעכטיגע צום גוטען, ניט רופען צום קאַמפּף געגען זיי.

אָבער עס איז נ י ט אמת, אַז רעליגיאָן איז בכח צו זיין שטאַרקער וויא מאַטעריעלע אינטערעסען!

עס קענען זיין אויסנאַהמען, בעזאָנדערס עדעלע מענשען, כאָטש רייכע און מעכטיגע, וואָס ווילען ערנסט זיין גוט און גערעכט. אַ זעלכע זיינען געוועזען ביי אידען. און אויך ביי קריסטען. מיר האָבען אויבען געזעהען, וויא דער גלח האָהאָף דערמאָנט אַ סך נעמען פון רייכע קריסטען, וואָס האָבען זאָגאַר אוועקגעגעבען זייער גאַנצע עשירות, אוים קריסטליכע פרומקייט.

אָבער עס איז וויא בעבעל זאָגט: ד אָ ס א י ז ד י א א ו י ס נ א ה מ ע! דער רעגעל איז, אַז מאַטעריעלע אינטערעסען און מאַכט פיהרען דיא וועלט. און דאָסזעלבע וואָס בעבעל צייגט וועגען קריסטענטהום, איז אויך אמת וועגען אידישקייט.

ניין, עס איז ניט קיין מעלה, ווען גוטע געזעצע ווערען ר ע־ ל י ג י אָ ן. אדרבה, ווען גוטע געזעצע זיינען וועלטליכע, מענשליכע, ווייסט מען גיכער, אַז דער עיקר איז זייער צ ו ו ע ק, צו טהון גוטעס צו מענשען, ניט אָבי יוצא צו זיין פאַר די ו ו ע ר־ ט ע ר, פאַר דעם בוכשטאַב פון דיא געזעצע. און דאָך זעהט מען, אַז אָפּילו מיט וועלטליכע געזעצע האַנדעלט מען אַזוי: מען

איז יוצא פאַר דעם בוכשטאַב פון געזעץ. אַזוי וויא איינער האָט געטהאָן פאַרצייטענס אין ענגלאַנד מיט דעם געזעץ, אַז מען טאָר ניט נעהמען קיין צוויי ווייבער: האָט ער חתונה געהאַט מיט דריי ווייבער.

דיא קאַפּיטאַליסטישע ריכטער פּסק'ענען כסדר לויט נאָך דעם וואָרט פון געזעץ, ניט נאָכ'ן זין, — וואו נאָר עס האַנדעלט זיך וועגען קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען. — אַזוי איז עס אפילו מיט וועלטליכע געזעצע, וואָס מען קען דאָך פערשטיין זייער מענשליכען צוועק.

ווען אָבער געזעצע ווערען רעליגיאָן, און זייער צוועק ווערט אַ געטליכער, אַ געהיימניספּולער, איז דאָס נאָך טויזענד מאָל מעהר דער פאַל.

עס איז שוין אַן אַלטער כלל, ביי אַלע פעלקער, אַז פאַר דיא געטער איז מען יוצא, ווען מען איז מקיים דאָס וואָרט, דעם בוכשטאַב.

פון דיא פאַרצייטיגע רוימער ווערען דערציילט אינטערעסאַנטע שטיקלעך אַזעלכע. למשל, איינער טהוט אַ נדר צו דיא געטער, אַז ווען זיי וועלען איהם העלפען, וועט ער זיי מקריב זיין 100 „קעפּ". דער זין איז 100 קעלבער אָדער אָקסען. ווען ער ווערט געהאָלפען, ברייננגט ער צו דיא געטטער אַ קרבן 100 קעפּ — קרויט. פאַר'ן וואָרט, פאַר'ן בוכשטאַב פון זיין נדר איז ער יוצא.

דיא אידישע רעליגיאָן איז פול מיט אַזעלכע קונץ־שטיקלעך, וויא מען נאַרדט אָב דעם רבונו־של־עולם און עס איז כשר. ווייטער וועלען מיר ברייננגען אַ היבשע ביסעל אַזעלכע. דאָ וועלען מיר נאָר, פאַרבייגייענדיג, דערמאָנען: היתר עסקא, חמץ פערקויפען, פּרוזבל, מערים על הדמאי, א. ז. וו. און ווייטער.

אַ גאַנץ פּרומע אידענע ווייסט, אַז מען טאָר ניט פאַלש שווערען. עס קומט איהר אָבער ניט אויף'ן זיננען, אַז דער צוועק איז מען זאָל מענשען ניט אָבנאַררען. ביי איהר איז עס רעליגיאָן. און פאַר רעליגיאָן איז זיא יוצא, ווען זי לייגט צו דיא האַנד צו דעם קאָפּ פון אַ שפּילקע, וואָס שטעקט אין איהר טשיפּעק, און זיא שווערט: „זאָל מיר אָט דער קאָפּ אַזוי לעבען".

דער צוהערער מיינט, אַז דאָס מיינט זיא  א י ה ר  קאָפּ. פאַר איהר גאָט איז זיא יוצא מיט דעם וואָס זיא ערקלערט איהם, אַז דאָס האָט זיא געמיינט דעם שפּילקע־קאָפּ...

אין געוויסע פעללע האָבען דיא תלמודיסטען געזאָגט, אַז מען טאָר ניט דענקען וועגען קיין מענשליכען צוועק פון גאָטס געבאָט. עס איז, למשל, א געבאָט אין דיא תורה, אַז מען זאָל ניט צונעהמען פון א פויגעל־נעסט דיא מוטער פויגעל פון דיא קינדער. זאָגט דיא גמרא, אַז מען טאָר ניט זאָגען, אַז דאָס האָט גאָט געבאָטען אוים רחמנות אויף דיא קליינע פייגעלעך, „ווייל גאָטס געבאָט זיינען ניט אוים רחמנות, נאָר גזרות“... (ברכות ל"ג:)

וואָס גאָטס צוועק איז מיט זיינע געבאָט, קען מען ניט וויסען. אַלזאָ, קוקט מען ניט אויף קיין צוועק, נאָר אבי יוצא צו זיין לויט דעם בוכשטאַב. דאָס איז דער כאַראַקטער פון דעם  ר ע ל י ג־ י ע ז ע ן  געוויסען!

און דאָס וואָרט, דער בוכשטאַב, לאָזט זיך „טייטשען“. מען „פערדרייט דעם פּסוק און מען דרש'עט איהם!“... (סרס המקרא ודורשהו.)

דאַרום זאָגט שעקספּיר: „דער טייוועל אַליין בריינגט ראיות פון דער ביבעל“.

דאַרום האָט מען פון חומש  א ל ע ס  בעוויעזען.

דאַרום איז געגרינדעט געוואָרען א גאַנץ נייע רעליגיאָן מיט א גאַנץ נייעם גאָט — דיא קריסטליכע — און זייערע גלויביגע זיינען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס איז גענוי לויט נאָך דיא נביאות פון דיא אידישע תורה! אַזוי פעסט און זיכער זיינען זיי אין דעם, אַז שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר האַלטען זיי אין איין אַרבייטען צו „בעווייזען“ אידען פון דיא אידישע תורה, אַז קריס־טענטהום איז „ריכטיג דרייצעהן“ כדת משה וישראל.

אַלעס אין דער וועלט קען מען אוים'פּשט'לען פון רעליגיאָן!

דאַרום האָבען דיא פאָלקס־פריינדליכע געזעצע, פאַר דיא טובה פון דיא אונטערדריקטע, ניט געקענט  ב ל י י ב ע ן  ביי זייער כאַ־ראַקטער. דיא מאַכט פון רויב־אינטערעסען האָט פון זיי ארויסגע־נומען וואָס איהר האָט זיך געלוינט.

* * *

וואָס דיא רעליגיאָן האָט יא געווירקט, און דאָס דוקא ווייל זיא איז געווען אַ רעליגיאָן, איז געווען דאָס, אַז זיא האָט ניט דערלאָזט אויפקומען קיין געגען־מאַכט פון דיא אונ־טערדריקטע און זייערע אינטערעסען.

מען הערט אָפט ריהמען אידען, אַז זיי זיינען פון אייביג אָן רעוואָלוציאָנער, געגנער פון אונטערטהעניגקייט צו אונגערעכטע געוואַלט.

דאָס זאָגען אָפט גוי'אישע סאָציאַליסטען אויך. זיי ברייננגען אויף דעם אַ ראיה פון דיא דערמאָנטע מוסר־פּרעדיגטען פון דיא נביאים און פון דיא געשיכטען פון דער תורה. אָבער פון דיזעלבע תורה און פון דיזעלבע נביאים האָט מען זיך ארויסגענומען פּונקט פּערקעהרטע לעהרען אויך, לעהרען פון אונטערטהעניגקייט; און אין דעם אמת'ן לעבען האָבען זיי געווירקט...

אין „יוסיפון“ איז פאַרגעשטעלט, וויא יוסף בן גוריון הכהן שטעהט אויף דיא מויער פון ירושלים און רעדט צו דיא קעמפּפענדע אידען, זיי זאָלען זיך אונטערוואַרפען אונטער דיא רוימער. ער דערצעהלט זיי פערשיעדענע מעשיות און פּסוקים פון דער תורה און פון דיא נביאים און ער זאָגט צו זיי דאָן:

„דיא היילינע תורה דערציילט אונז דאָס אַלעס, כדי אונז צו לערנען, אַז מיר זאָלען זיין אונ־טערטהעניג צו דעם, וועלכער איז אין זיין צייט אַ הערשער און אַ מעכ־טיגער. דען עס איז ניט קיין חרפּה פאַר דעם קלוגען מענשען צו זיין אונ־טערטהעניג צו דעם, צו וועמען ער מוז אָנקומען, מעג ער זיין ווער עס איז...

„אַלזאָ, מיינע ברידער, זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ שאַנדע איז דאָס פאַר אייך, ווען איהר וועט זיך אונטערוואַרפען אונטער דעם רוימישען קייזער? ווער קען זיך דאָס שטעלען געגען אַ שטאַרקערען? פאַר וואָס זאָלט איהר זיין נאַררישער פון אַלע פעלקער (וועלכע האָבען זיך אונטער־וואָרפען אונטער דיא רוימישע מאַכט)? פאַר וואָס זאָלט איהר זוכען דעם טויט וויא מיט ליכט? פאַר וואָס זאָלט איהר ניט שאָנעווען אייער לעבען?... בעטראַכט אַלע לעבעדיגע בעשעפעכישען אויף דער וועלט און

זעהט, וויא ביי זיי אַלע געוועלטיגט דער מעכטיגער איבער דעם שוואַ־כען. דער אָקס און דיא ציעג האָבען מורא פאַר דעם לייב, דער באָק און דיא לעמעלע ציטערן פאַר'ן וואָלף... פאַר וואָס זאָלען זיך דיא מענשען ניט אָבלערנען ? האָט זיי דען ניט בעשאַפען דערזעלבער גאָט, וועלכער האָט דיא אַנדערע לעבעדיגע זאַכען בעשאַפען ?"

אָט דאָס „לערנט אונז" אויך דיא תורה!... ווען איינער וויל נאָר, אז זיא זאָל אזוי לערנען.

מען ווייסט ניט, ווער עס האָט דיעזען ספר פערפאַסט און ווען ער איז פערפאַסט געוואָרען. יעדענפאַלס איז ער אַלט הונ־דערטער יאָהרען און ער ווערט געלעזען פון פרומע לייט אַלס כשר'ער ספר. און יעדענפאַלס בעווייזט דאָס, וואָס מען קען אַלץ ארויסלערנען פון דיא תורה, ווען עס לוינט זיך נאָר.

דער פאַקט איז, אז דיא תנאים האָבען אויך גערופען דיא אידישע קעמפפער געגען דיא רוימער „בריוני", דאָס הייסט יונ־גאַטשעס. זיי, די תנאים, האָבען אויך געהייסען זיין אונטער־טהעניג.

און זיי האָבען אין אַלע זייערע לערנונגען געלערנט אידען האָבען „הכנעה", „אונטערטהעניגקייט". „ווער עס דערנידעריגט זיך, דעם דערהויבט גאָט אין הימעל". (עירובין י"ג.) „זעהר און זעהר זאָלסט דו זיין שפל (נידעריג) אין גייסט", האָבען זיי גע־זאָגט. (אבות.) זיי האָבען געהייסען „ליעב האָבען יסורים". (ברכות והרבה מקומות.)

מען געפינט אויך אַנדערע „זאָגעכטסען". אָבער וויא האָט דיא רעליגיאָן גֶעווירקט אין ווירקליכען לעבען ? זיא האָט צוגעהאָלפען דיא אומשטענדען מאַכען אידען פאַר מה־יפית־ניקעס, אונטערטהעניגע אונטער דעם „פריץ־לעבען". הונדערטער יאָהרען זיינען אידען דאָס געוועז. זיי זיינען דאָס געוועזן דיא גאַנצע לאַנגע צייט, ווען אידישקייט האָט געהאַט דיא שטאַרקסטע מאַכט איבער זיי ; ווען זיי זיינען געוועזן פאָלשטענדיג אונטער דעם אונגעטיילטען איינפלוס פון דיא אידישע רעליגיעזע לעהרען.

עס זיינען געוועזן אין אַלע צייטען אידישע קעמפפער, העל־דען ; אָבער אין גלות זיינען זיי געוועזן אַ זעלטענע אויסנאַהמע.

און דאָס רוב ניט פרומע. דיא פאַרשטעהער פון דער רעליגיאָן האָבען אימער — פונקט וויא היינט — פערדאמט דיא „חוצפה־ניקעס", וואָס שטעלען זיך אנטקעגען דעם רייכען, דעם גדול.

דיא מאָדערנע אידישע נאציאָנאַליסטען זאָגען דאָך אליין, אז היינט ענטשטעהט „א נייער איד", א קעמפּפער. דער נייער איד איז דאָך דער, וואָס רייסט זיך אָב פון דעם איינפלוס פון דיא אַלטע אידישקייט.

ווער קען לייקענען, אז דיא אַלטע אידישקייט האָט געהאָלפען בעשאַפען אַ'ן אונטערטהעניגען אידען, א געדולדיגען אידען, א איד וואָס האָט געקוקט אין הימעל אריין נאָך רחמנות און הילף און האָט געפאָלגט דעם פּסוק: גאָט וועט זיך שוין אָננעהמען פאַר אייך און איהר שווייגט!..

„צו ליעבען יסורים" האָט זיי דיא רעליגיאָן געלערנט. צו ליידען און צו דולדען און צו זיין אונטערטהעניג — דאָס איז געווען דיא פּעולה פון רעליגיאָן אין דער ווירקליכקייט. וואָס מאנכע „אנדערע" פּסוקים און מאמרים זאָגען, בעווייזט גאָר ניט. דיא ווירקליכקייט מוז מען נעה־מען אין בעטראַכט.

און אזוי וויא אין דיא ווירקליכקייט האָט דיא רעליגיאָן גע־מאכט דיא אונטערדריקטע אונטערטהעניג, האָבען זיי דאָך ניט געהאַט קיין גייסט און קיין מאכט צו ווירקען אויף דיא געזעצ־געבונג און אויף דיא אויספיהרונג פון דיא געזעצע, דאַרום איז עס געווען נאַטירליך, אז דיא שטאַרקע, דיא מעכטיגע, דיא רייכע, דיא בעלי־הבתים האָבען ניט געקענט בלייבען אָהן איינפלוס אין דעם.

און זיי זיינען ניט געבליעבען!
דאָס וועלען מיר יעצט בעווייזען.

## V

### „דיא אנדערע זייט" פון דיא מענשען־פריינדליכע געזעצע.

פון אָנהייב־אָן האָבען דיזעלבע פריסטער, דיא כהנים, וועלכע האָבען געגעבען דיא מענשען־פריינדליכע געזעצע, געזאָרגט פאר זיך אויך. זיי אליין, דיא פריסטער, זיינען נאָך דעמאָלט קיין ארבייט־געבער און קיין שקלאַפען־האַלטער ניט געווען. האָבען זיי לייכט געקענט זיין גוט־הארציג און מאַכען מענשען־פריינדליכע געזעצע, וויא א נ ד ע ר ע זאָלען בעהאַנדלען ארבייטער און שקלאַפען. זיי אליין, דיא פריסטער, דיא כהנים, האָבען געהאַט אנדערע אינטערעסען. ז י י ע ר ע מאַטעריעלע אינטערעסען, ז י י ע ר ע הכנסות, זיינען ניט געקומען דירעקט פון לאָזען אנדערע מענשען ארבייטען אויף זיי. זייערע „געשעפטען" זיינען געווען דיא קרבנות, וואָס דיא פרומע האָבען געבראַכט צו גאָט, און תרומות און מעשרות, וואָס מען האָט זיי געגעבען. און פאר דעם האָבען זיי גוט געזאָרגט, פון אָנהייב אָן.

צוזאַמען מיט דיא ארבייטער־פריינדליכע געזעצע האָבען זיי אויך געגעבען אַט אַזאַ שטרענגען געזעץ:

„און דו זאָלסט אַלצדינג טהון וויא זיי — דיא כהנים, דיא לויים, דער ריכטער — וועלען דיר זאָגען, פון דעם אָרט וואָס יאַהו דיין גאָט וועט זיך אויסקלייבען; און דו זאָלסט היטען צו טהון אַלץ וויא זיי וועלען דיך לערנען. לויט נאָך דיא תורה, וואָס זיי וועלען דיך לערנען און נאָך דיא געזעץ, וואָס זיי וועלען דיר זאָגען זאָלסט דו טהון, דו זאָלסט דערפון ניט אַראָבגייען ניט רעכטס ניט לינקס. און דער מענש, וואָס וועט וואַגען מוטהוויליג ניט צו פאָלגען דעם כהן, וואָס שטייט אין דיענסט פון יאַהו דיין גאָט, אָדער דעם ריכטער, דער מענש זאָל ג ע־ ט ו י ט ע ט ו ו ע ר ע ן און דו זאָלסט אויסראַמען דיא שלעכטס פון ישראַל. און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל דאָס הערען און מורא האָבען און ניט מעהר וואַגען צו זיין מוטהוויליג". (דברים י"ז י.)

ט ו י ט ־ ש ט ר א ף פאר ניט פאָלגען דעם פריסטער —

דאָס איז געווען אַ געזעץ וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דיא הארציגע מענשענפריינדליכע געזעצע. און טויטשטראָף פאַר ניט האַלטען פיעלע אַנדערע גאָטעס־דיענסטליכע געזעצע. און טויט־שטראָף פאַר אויסדריקען אַ מיינונג וועגען גאָט אַנדערש וויא זיי הייסען גלויבען.

און זעהר פאַרזיכטיג האָבען זיי געזאָרגט צו געבען שטרענגע געבאָט, וועגען מעשר און תרומה וואָס מען זאָל זיי ברייגען, און דיא בעסטע און פעטסטע טיילען פון קרבנות, וואָס עס קומט זיי.

און נאָך פיעל אַנדערע זעהר שטרענגע געזעצע האָבען זיי געמאַכט, וועלכע יעדער מענש בעטראַכט היינט אַלס באַרבאַריש. דיא צייט איז געווען אַ׳ן אַנדערע. זייער גוטהארציגקייט האָט זיי ניט אַרויפגעהויבען אריבער דיא נאַטור פון זייער צייט...

דאָס איז אַלץ געגאַנגען צוזאַמען מיט דיא עדעלסטע און הארציגסטע געזעצע וועגען מענשען־פריינדליכקייט צו די אָרימע און אונטערדריקטע.

דאָס בעווייזט ניט, אַז זיי זיינען געווען פאַלש. חלילה! זיי האָבען עס געמיינט זעהר און זעהר ערנסט מיט זייער מענשען־פריינדליכקייט, וואָס זיי האָבען געבאָטען זייערע געגנער, דיא רייכע און הערשער. אָבער זייערע אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסען האָבען זיי ניט פערנאַכלעסיגט. זיי זיינען ניט געווען איבער דיא נאַטור פון אַלע קלאַסען מענשען, פון אַלע פעלקער.

דיא גוטע, עדעלע, מענשען־פריינדליכע געזעצע זיינען געבליע־בען ר ע ל י ג י אָ ן. דיא פאַרשטייהער פון דיזער רעליגיאָן, איהרע לערנער, פערדיגער, היטער און בעשיצער, זיינען אין דיא ערשטע צייטען געווען דיא כהנים, דיא פריסטער. וויא זשע האָט דיזע רעליגיאָן און איהרע מענשען־פריינדליכע געזעצע געווירקט אויף זיי אַליין, אויף דיא כהנים, אויף דיא פריסטער, דיא היטער און פאַרשטייהער פון דעם גייסט פון דיזע רעליגיאָן?

דאָס האָט אויף זיי פונקט אַזוי פיעל געווירקט, וויא הונדער־טער יאָהרען שפּעטער האָט געווירקט דיא קריסטליכע רעליגיאָן אויף א י ה ר ע פריסטער. דיא קריסטליכע רעליגיאָן איז אויך געווען פול מיט זיסע, הארציגע, מענשען־פריינדליכע געדאַנקען.

זיא איז אין אָנפאַנג געווען דיא רעליגיאָן פון דיא אָרימע מאַסען. אָבער ווען זי איז געוואָרען אַ מאַכט און איהרע פּריסטער זיינען געוואָרען מעכטיגע הערשער, זיינען זיי אַליין געוואָרען דיא שרעקליכסטע טיראַנען. דער גייסט פון זייער רעליגיאָן האָט אויף זייער געוויסען גאָר ניט געווירקט.

גאַנץ געננוי דאָסזעלבע איז עס געווען הונדערטער יאָהרען פריהער מיט דיא אידישע כהנים.

„און אזוי גרויס איז געווען דיא אונפערשעמטהייט און חוצפה וואָס האָט אַרומגענומען דיא כהנים גדולים, אַז זיי זיינען געווען אַזוי טיראַניש, צו שיקען זייערע שקלאַפען אין דיא שפּייכלערס, אַוועקצונעהמען דיא מעשרות, וואָס עס איז געקומען דיא קלענערע כהנים. אַזוי ווייס זיינען זיי געגאַנגען אין דעם, אַז דיא אָרימסטע כהנים זיינען געשטאָרבען פון הונגער". (יאָסיפוס, אידישע מלחמות, 20, 8, 8)

דיא פעלל (דיא לעדער) פון אַלע קרבנות האָבען געהערט צו דיא כהנים (חוץ אַנדערע טיילען פון דיא קרבנות). פלעגט זיך אַמאָל פּיהרען, אַז אַלע פעלען פון דיא קרבנות האָט מען אוועקגעלייגט אין אַ געוויסער קאַמער אין בית המקדש און יעדען אבענד האָט מען זיי צוטיילט צווישען דיא כהנים, וואָס זיינען דעם טאָג געווען אין דיענסט. איז אָבער ארויסגעקומען, אַז דיא „שטאַרקע" צווישען דיא כהנים האָבען זיך צוגעכאַפּט אַלע פעללען און פאַר דיא שוואַכע גאָר ניט געלאָזען. האָט מען געמוזט איינפיהרען, אַז מען זאָל טיילען פעללען נאָר אַלע פרייטאַג, ווען אַלע אבטהיילונגען כהנים זיינען געקומען מיט אַמאָל. האָט דאָס אָבער אויך ניט געהאָלפען; וויי‍טער האָבען „דיא גדולים פון דיא כהנים" זיי געכאַפּט מיט גוואַלט. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט עס געמוזט פערקויפען און בענוצען דאָס געלד צו פערריכטען דעם בית המקדש. (פסחים נ"ז.)

אַ גאַנץ אַלטע ברייתא רעכענט אויס אַ ליסטע פון כהנים־פאַמיליען, און שרייט „וויי אונז פון זיי", דען זיי זיינען אַלראָם בייז: „זיי זיינען אַליין דיא כהנים גדולים, זייערע זיהן זיינען שאַץ־מייסטערס (טרעזשורערס, דיא בעל־הבתים איבער דיא גאָלד און זילבער פון בית המקדש) און זייערע איידעמס זיינען דיא

פערוואַלטערס פון בית המקדש און ז י י ע ר ע ק נ ע כ ט ש ל אָ ג ע ן ד אָ ס פ אָ ל ק מ י ט ז י י ע ר ע ד ו ב י נ ע ס". (שם.)

איין כהן, יוחנן בן נרבאי, האָט „אויפגעגעסען 300 קעלבער און אויסגעטרונקען 300 לאָגלען וויין און איינגעשלונגען 40 מאָסען טייבעלעך (אַלץ פון די קרבנות) פאַר א בלויזען צוביים נאָכ'ן עסען". אזוי שטייט אין א'ן אַלטע ברייתא, פון יענע צייטען. (שם.) רש"י מאַכט אויף דעם, אז דאָס מיינט מען, אז ער האָט געהאַדעוועט אזוי פיעל כהנים, וואָס האָבען אזוי פיעל אויפגעגעסען. דער מונה"ז זאָגט, אז דאָס מיינט אויסצודריקען, בדרך גוזמא, אז אַזעלכע שרעקליכע פרעסערס און וועלט־איינשלינגערס זיינען דאָס די כהנים געוועזן.

און דאָך זאָגט די גמרא אויך, אז א כהן גדול מ ו ז זיין א גביר, און ווען ער איז ניט רייך אליין, „זאָל מען איהם רייך מאַכען פון זיינע ברידער". (יומא.)

עס זיינען געוועזן אויך זעהר ערגער־האַרציגע כהנים. אזוי וויא עס געפינען זיך אימער ערגער־האַרציגע צווישען טיראַנישע קלאַסען מענשען. (די וויכטיגסטע פאַרשטייהער פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן זיינען אליין געוועזן פון „אדעליגען" קלאַס.) אָבער אַלס קלאַס, זיינען די אידישע כהנים, ווען זיי זיינען געוועזן אין מאַכט, געוועזן ניט אַנדערש וויא אַלע הערשענדע קלאַסען. זיי האָבען געהאַנדעלט לויט נאָך זייערע אינטערעסען. זייער אייגענע רעליגיאָן, וועלכע זיי אליין האָבען געלערנט דעם פאָלק, האָט גאָר ניט געווירקט אויף זייער געוויסען. אויך ניט דאָס, וואָס זיי האָבען געדיענט אין גאָטס אייגענעם בית המקדש. און אַלס הערשער זיינען זיי צייטענווייז געוועזן די שרעקליכסטע טיראַנען, מערדער, רויבער; זייערע אייגענע ברידער, מוטערס, קינדער, פרויען האָבען זיי ערמאָרדעט, הונדערטער מענשען פון פאָלק האָבען זיי אויסגעקוילעט — כדי זיך צו כאַפּען די מלוכה — פונקט וויא די רוסישע צאַרען.

דער סוף איז געווען, אז די אידען אליין האָבען געבעטען דעם רוימישען הערשער פּאָמפּעיוס, ער זאָל קומען זיי בעפרייען

פון זייערע אייגענע טיראַנישע כהנים־קעניגע. און אזוי איז דעם אידענס לאַנד אַריינגעקומען אין דיא הענד פון דיא רוימער!

איין כהן גדול און קעניג, אלכסנדר ינאי, האָט אין איין טאָג אויסגעקוילעט 6000 אידען. פון דעם איז אַרויסגעקומען א רע־וואָלוציאָנערער קאַמפּף געגען איהם, וואָס האָט אָנגעהאַלטען זעקס יאָהר. 50,000 אידען זיינען אין דעם קאַמפּף אומגעקומען. דער כהן גדול האָט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקט. דאַן האָט ער אויפגעהאַנגען 800 פּרושים און פאַר זייער טויט האָט ער פאַר זייערע אויגען אויסגעקוילעט זייערע פרויען און קינדער.

נאָך זיין טויט, זיינען דיא פּרושים געקומען צו מאַכט. זיין ווייב אַלעקסאַנדרא איז געוואָרען דיא רעגירערענדע קעניגין און איהר ברודער איז געווען דער תנא שמעון בן שטח. דאַן האָבען ווידער דיא פּ ר ו ש י ם גענומען בלוטיגע נקמה.

* * *

און דאָ קומען מיר צו דעם צווייטען קוואַל פּון דיא אידישע רעליגיעזע געזעצע.

פון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבען וואַקסען דיא מאַכט פון דיא תנאים („רבנים"), אלס דיא פאָרשטייהער פון דער רעליגיאָן. און דיא כהנים האָבען אַלץ מעהר און מעהר פערלוירען דיעזע מאַכט. דיא כהנים האָבען זיך אַלץ מעהר געמוזט אַליין אונ־טערוואַרפען אונטער דיא „רבנים". עס האָט גענומען גילטען דער רעגעל, אז „אפילו א ממזר א תלמיד חכם (א געלערנטער אין רעליגיאָן) איז גרעסער וויא א כהן וואָס קען ניט לערנען". דיא לערנערס, צו כהנים צו ניט, זיינען געוואָרען דיא בעלי־הבתים איבער דיא רעליגיאָן. און דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון אַלע געזעצע און דינים, וואָס זיינען געבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג, דיא משנה, דיא גמרא און אזוי ווייטער, שטאַמט דאָס אָט פון דיעזע לערנערס, פון דיא רבנים.

נון איז עס אמת, אז אין אָנפאַנג איז עס מיט דיעזע נייע בעלי־בתים איבער דער רעליגיאָן, מיט דיא תנאים, דיא רבנים, געווען אביסעל דאָסזעלבע, וואָס עס איז געווען אַרום 500 יאָהר פריהער, אין אָנפאַנג, מיט דיא כהנים, מיט דיא פּריסטער: אויך דיא נייע

רעליגיאָנס־פאָרשטייהער, דיא רבנים (דיא תנאים) האָבען אין אָנפאַנג געהאַט זייער הויפּטמאַכט אין דעם אָרימען פּראָסטען פאָלק. דיא רייכע אַריסטאָקראַטען זיינען געווען דיא „צאַדוקעער" (צדוקים), — דיא רעליגיעזע סעקטע, וואָס איז געווען געגען דיא תנאים און רבנים. דיא תנאים און רבנים האָט מען גערופען „פּרושים". מיט זיי האָבען געהאַלטען ס'רוב דיא אָרימע פּראָסטע מאַסען. זיי אַליין זיינען טיילווייז אַרויסגעקומען פון דיא אָרימע מאַסען. „היט זיך פאַר דיא אָרימע", האָבען זיי שפּעטער געזאָגט, „דען פון זיי קומט אַרויס תורה". (נדרים פ"א.) אַ סך פון זיי זיינען אַפילו געווען זעהר רייך, וויא מיר וועלען ווייטער זעהען. אָבער זייער מאַכט איבער דיא טיראַנישע כהנים איז אַרויסגעקומען — פּונקט וויא דיא מאַכט פון דיא כהנים מיט 500 יאָהר פריהער — פון אַ לאַנגען קאַמפּף געגען דיא אַריסטאָקראַטען און דיא טיראַנען. יעצט זיינען דאָס געווען דיא „צדוקים" און זייערע כהנים. און ווידער האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז אין דיא געזעצע פון דיא פּרושים, דיא תנאים, געפינט זיך אַ סך מענשען־פריינדליכעס, פאַר דיא טובה פון אַרבייטער און שקלאַפען.

אָבער אויך צווישען דיעזע נייע פאָרשטייהער פון דער רעליגיאָן זיינען געווען פערשיעדענע קלאַסען; און אויך זיי זיינען שפּעטער געקומען צו מאַכט. דאַרום זיינען דיא געזעצע ביי זיי אויך ניט געבליעבען קאָנזעקווענט אַרבייטער־פריינדליכע.

# VI

## דעמאָקראַטיע, קלאַסען, אַרבייט און אַרבייטער אין דער גמרא.

### א) וואָס עס איז געוואָרען מיט דיא דעמאָקראַטיע.

מיט דיא דאָזיגע נייע פאָרשטייהער פון דער רעליגיאָן, מיט דיא תנאים, דיא רבנים, איז אין יעדען פונקט געווען, טייל־ווייז, דאָסזעלבע, וואָס עס איז געוועזען מיט דיא כהנים א 500 יאָהר פריהער: אויך זיי, דיא תנאים און רבנים, האָבען זיך פון אָנפאַנג אָן פערזאָרגט מיט א שטרענגע מאכט.

דאָס וואָס אין דיא תורה שטייט, אז ווער עס וועט ניט פאָל־גען דעם כהן און דעם שופט, דעם קומט מיתה, דאָס האָבען זיי יעצט אויסגעטייטשט, אז דאָס מיינט זייער בית דין הגדול. און זיי האָבען געזאָגט, אז לויט דיעזען פסוק איז — ווען איינער וואָס האָט א רעכט צו פסק'ענען פסק'ענט אנדערש ווי זייער בית דין הגדול, קומט איהם מיתה. (זקן ממרא.)

און באַלד פון אָנהייב האָבען זיי ניט אַלע געהאַט איין מיי־נונג אין בעצוג אויף דיעזע שוידערליכע טיראַניי, וואָס זיי האָ־בען איינגעפיהרט. ר' מאיר האָט געזאָגט, אז טויט־שטראָף קומט נאָר פאַר פסק'ענען אנדערש אין אזא זאַך, וואָס פאַר דעם אי־בערטרעטען דערפון קומט כרות. ר' יהודה זאָגט, אז טויטשטראָף קומט פאַר פסק'ענען אנדערש אין יעדע זאַך, וואָס דער עיקר דערפון איז אין דער תורה און דער פשט דאַרויף קומט פון דיא רבנים. און ר' שמעון זאָגט, אז מיתה קומט פאַר פסק'ענען אנדערש אפילו אין איין קליינע „פּישטשיוועקעלע" וואָס דיא רבנים אַליין האָבען מדקדק געווען. (אפילו דקדוק אחד מדקדוקי סופרים. סנהדרין פ"ז.)

געבליבען איז, וויא עס שיינט, וויא ר' שמעון. (דדו"ד פט"ו).

און זיי האָבען געזאָגט: „בית־דין שלאָגען און שטראָפען

אפילו ניט לויט דעם דין פון דער תורה, נאָר כדי צו צווינגען מען זאָל פאָלגען". (יבמות צ'.)

ווייטער זיינען ניט אַלע תנאים און רבנים געווען פון אָרימע פאָלק, פון אָנהייב־אָן. איינער פון דיא גרעסטע תנאים, ר' שמעון בן שטח, איז (לויט דיא גמרא) געווען אַ ברודער פון דיא רעגיע־רענדע קעניגין. ער איז אָבער ניט געווען זעהר רייך. ער איז געווען אַ סוחר מיט פלאַקס. (ירושלמי ב"מ פ"ב ה"ה.)

וועגען דעם, וויא דיעזער תנא האָט זיך פערהאַלטען צו דיא קעניגליכע מאכט, ווערט דערצעהלט אין תלמוד אַ'ן אינטערעסאַנ־טער פאַקט, פערבונדען מיט אַ לעגענדע:

דעם קעניגס אַ שקלאַף האָט ערמאָרדעט אַ מענשען. לויט דיא געזעץ פון דיא תנאים איז אַ שקלאַף אין דיעזער בעציהונג געווען בעטראַכט וויא אַ'ן אָקס: ווען אַ'ן אָקס הרג'עט אַ מענשען, איז דער אייגענטהימער פון דעם אָקס פעראַנטוואָרטליך. ער האָט גע־דאַרפט זיין אָקס היטען. אַזוי איז אויך מיט אַ שקלאַף, אַז ער האָט ערמאָרדעט אַ מענשען, איז זיין בעל הבית פעראַנטוואָרטליך. ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבען אויף איהם. לויט נאָך דיעזען געזעץ, האָט ר' שמעון בן שטח געזאָגט צו דיא רבנים: לייגט אַ'ן אויג אויפ'ן קעניג און לאָמיר איהם רופען צום משפט. האָבען זיי געשיקט צו איהם ער זאָל קומען פאַר'ן סנהדרין. איז ער גע־קומען און האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט, וויא אַ קעניג. האָט ר' שמעון בן שטח געזאָגט צו איהם: שטעל דיך אויף און זאָלען דיא עדות זאָגען וואָס זיי ווייסען. דו ועסט דיך דערמיט ניט אויפ־שטעלען פאַר אונז (דיא רבנים) נאָר פאַר גאָט... האָט דער מלך געזאָגט: איך וועל זיך אויפשטעלען, ניט ווען דו איינער הייסט מיר, נאָר ווען אַלע דיינע חברים (סנהדרין) וועלען מיר הייסען. האָט דער מלך אַ קוק געטהאָן אויף דיא סנהדרין פון איין זייט טיש, האָבען זיי אַראָבגעלאָזט דיא אויגען. האָט ער אַ קוק גע־טהאָן אויף די סנהדרין פון אַנדערן זייט טיש, האָבען זיי אַראָב־געלאָזט די אויגען: — זיי האָבען מורא געהאַט צו זאָגען, אַז דער קעניג זאָל זיך אויפשטעלען פאַר זיי, „די געזעץ־געבער, „די פער־טרעטער פון גאָט און פון משה רבנו"; — ד י א ה ע ר ש ע נ ד ע

געוואלט בויגט זיך אלזא ניט פאר דיא רעליגיאָן און איהרע געזעצגעבער. זיי האָבען מורא פאר דיא טיראנישע מאכט און לאָזען אראָב דיא קעפ!... — האָט ר׳ שמעון בן שטח געזאָגט צו דיא סנהדרין: „איהר זייט פערטראכט, — איהר וואגט ניט צו זאָגען דעם מלך וויא דער דין איז, אז ער מוז זיך אויפשטעלען פאר׳ן בית־דין פון גאָט, — איהר זייט פערנומען אין מחשבות; טאָ זאָל קומען דער בעל מחשבות (גאָט) און זאָל ער אייך בעצאָהלען!“ באלד איז געקומען גבריאל המלאך און האָט זיי אלע א וואָרף געטהאָן צו דר׳ערד און זיי זיינען געשטאָרבען. אין דיעזער מינוט איז געבליעבען דער דין, אז א קעניג זאָל ניט געמשפט ווערען און געגען איהם זאָל מען ניט עדות זאָגען! (סנהדרין י״ט).

אפילו ווען דאָס וואלט געווען אין גאנצען א באָבע מעשה, וואלט דאָס אויך געצייגט זייער בעגריף, אז זייער תורה מוז זיך, נאָך אלעמען, דאָך בויגען פאר די מאכט. אָבער די מעשה מיט „גבריאל המלאך“ בעווייזט ניט, אז די גאנצע געשיכטע איז א לע־גענדע, א באָבע מעשה. פארצייטענס האָט מען אָפט אמת׳ע גע־שיכטליכע פאקטען צוגעווירצט מיט נסים־לעגענדעס. דער גרוי־סער פאָרשער אין דיא געשיכטע פון תלמוד, אייזיק הירש ווייס, אין זיין „דור דור ודורשיו“, בעטראכט די געשיכטע גופא פאר א היסטאָרישען פאקט. און ער ערקלערט, אז דעם געזעץ, דאָס א קעניג זאָל ניט מעהר קענען גע׳משפט ווערען, האָט דאָס געמאכט דער תנא שמעון בן שטח אליין, דעם קעניגס שוואָגער, און ער זאָגט דערצו:

„אויב פון איין זייט זעהען מיר פון דיעזע געשיכטע, אז ר׳ שמעון האָט ניט געשאָנעוועט אפילו דעם קעניג, זעהט מען אָבער פון דער אנדערער זייט, אז ר׳ שמעון אליין האָט איינגעזעהען, דאָס ניט אימער קען דאָס געזעץ דורכלעכערן אפילו א בארג — דאָס הייסט דורכשלאָגען דיא מאכט וואָס גע־וועלטיגט; דען צוליעב דיא דאָזיגע פאסירונג איז געוואָרען

א געזעץ, אז דעם קעניג זאָל מען קיינמאָל ניט משפט'ן" (דרו"ד שם).

דאָס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז אפילו אזא גרויסער צדיק א תנא וויא ר' שמעון בן שטח, וועלכער האָט פריהער דעם קעניג אליין ניט געשאָנעוועט, האָט אויך סוף כל סוף געמוזט צובויגען דאָס געזעץ צו דער מאכט און פסק'ענען א דין, אז דער קעניג שטייט איבער דעם געזעץ!

דאָס איז א'ן אונגעהייער וויכטיגער פאַקט. דאָס בעווייזט פאַלשטענדיג, וויא ריכטיג מיין עיקר טענה איז, אז אפילו דיא געזעצע פון דיא עדעלסטע געזעץ־מאַכער האָבען ניט גע־קענט בלייבען אָהן איינפלוס פון דיא אינטערעסען פון דיא הערשענדע מאַכט!!!

אזוי האָבען דיא תנאים באַלד אַרום יענער צייט גע'פסק'ענט, אז דער אידישער קעניג מעג דורכברעכען אַלע צוימען צו מאַכען פאַר זיך א וועג און קיינער דאַרף זיך ניט שטעלען דאַגעגען. און דער וועג פון מלך האָט ניט קיין שיעור. און ווען ער גייט אויף מלחמה, זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיינס רויבען ביי דיא גוים און איהם אָבגעבען אַללעס און ער זאָל זיך נעהמען א חלק בראש. (משנה שם כ).

די פיעל שפעטערע גמרא האָט נאָך צוגעלייגט, אז א קעניג, אַפילו ווען ער איז אמאָל מוחל זיין כבוד, העלפט דאָס ניט. דאָס הייסט, אז דער קעניג קען ניט בעגנאַדיגען איינעם וואָס ווערט גע'משפט פאַר מאַיעסטעט־בעליידיגונג. דען די תורה פערלאַנגט, אז מען זאָל האָבען א'ן אימה פאַר דעם קעניג. אזוי האָבען דיא תנאים אויסגעטייטשט (שתהא אימתו עליך. שם י"ט:).

אָט אזוי האָבען דיזעלבע תנאים, וואָס זייער מאַכט איז אַרויס־געקומען פון אָרימען פאָלק, באַלד נאָכדעם אליין געגעבען די גע־וואַלט־הערשער א שרעקליכע טיראַניי אין האַנד אריין. כּאָטש כמעט אַלע אידישע קעניגע פון נאָהענט צו זייער צייט זיינען גע־ווען געוואַלדיגע טיראַנען. אָט אזוי האָבען זיי אויסגעטייטשט

דיא בלומרשט „רעפּובליקאַנישע" לעהרע פון תורת משה און פון דיא דעמאָקראַטישע נביאים!

עס געפינען זיך אין תלמוד אויך זעהר גוטע, דעמאָקראַטישע זאַגאַכטסען וועגען דיא קעניגליכע הערשונג.

אויף איין אָרט שטייט, אַז דאָס וואָס גאָט הייסט דיא אידען מאַכען זיך אַ מלך, רעדט ער דאָס פון דיא אידענס שאַנדע. (שום תשים עליך מלך, הקב"ה מדבר בגנותן של ישראל. — ספרי.)

דאַגעגען אָבער, וואָס געפינט מען ניט אויף אַנדערע ערטער!

„ווער עס איז מעיז פנים געגען מלך, איז אַזוי וויא ער וואָלט מעיז פנים געווען געגען גאָט". (ב"ר פ. צ"ד.)

יעדע גזירה, וואָס אַ מלך גיט אַרויס, גייט פריהער אַרויס פון גאָט". (מדרש שוחר טוב.)

„גאָט אַליין גיט אָב כבוד דעם מלך' (מכילתא בא.)

„גאָט האָט בעשוואוירען דיא אידען, אַז אַפילו ווען דער מלך וועט אויף זיי מאַכען שלעכטע גזרות זאָלען זיי אָן איהם ניט מורד זיין". (תנחומא בא.)

„ווער עס צאָהלט ניט די פּאָדאַטקעס, וואָס דער מלך הייסט צאָהלען, בעגייט אַ גזלה און איז עובר אויף לא תגזול, אפילו ווען דער מלך הייסט דיא אידען מעהר צאָהלען וויא גוים". (שו"ע חו"ם ס' שמ"ט.)

„ווער עס צאָהלט ניט דעם מלך'ס פּאָדאַטקעס, איז אַזוי גוט וויא ער וואָלט אַ מענש גע'הרג'עט; און ניט נאָר וויא ער וואָלט אַ מענש גע'הרג'עט, נאָר נאָך מעהר, — וויא ער וואָלט געדיענט עבודה זרה" (שמחות פ"ב.)

„דיא מלוכה פון דעם מלך אויף ד'ערד איז אַזוי וויא דיא מלוכה פון גאָט אין הימעל". (ברכות נ"ח.)

„אַז איינער איז נאָר געוואָרען אַ מלך, געהערט שוין דיא מלוכה צו זיינע קינדער און קינדס קינדער ביז אייביג". (מסכת שמחות.)

„אַ מלך מוז מען אָפּגעבען גרויס כבוד און מען מוז אַריינברייגגען מורא און פחד אין יעדען מענשענ'ס האַרץ פאַר איהם... ווען ער שטאַרבט, טאָר קיינער, אפילו אַ מלך, ניט חתונה האָבען מיט זיין אלמנה... ער דאַרף קיין חליצה ניט געבען... קיינער טאָר ניט זיצען אין בית המקדש נאָר דער מלך מעג... אַ פ י ל ו ד ע ר נ ב י א מ ו ז ש ט י י ן

פ אַ ר ד ע ם מ ל ך א ו ן ז י ך ב ו ק ע ן פ אַ ר א י ה ם...
דיא מלכים פון ישראל טאָר מען קיין מאָל ניט משפט'ן פאַר קיין שום פערברעכען און מען טאָר זיי ניט רופען פאַר עדות ביי אַ משפט און ניט עדות זאָגען געגען זיי..."

„ווער עס איז מורד אין אַ (אידישען) מלך, דעם מעג דער מלך אומברייננגען. אַפילו ווען דער מלך הייסט איינעם גיין אַ שליחות און ער פאָלגט ניט, מעג ער איהם דעם קאָפּ אָפּהאַקען. ווען איינער רעדט אַ שלעכט וואָרט אויפ'ן מלך אָדער בעליידיגט איהם, מעג ער איהם דעם קאָפּ אָבהאַקען. דער מלך קען זעצען אין געפענגניס אַריין אָדער לאָזען שמייסען און שלאָגען פון זיין כבוד וועגען. ער מעג אומברייננגען אַפילו ווער ווייסט וויפיעל מענשען אין איין טאָג און מעג זיי לאָזען הייגגען אויף דיא תליה אַ לאַנגע צייט, כדי אַנצומאַכען אַנדערע אַ מורא פאַר איהם".

„דער מלך מעג נעהמען וואָסאַר'ע פאָדאַטקעס ער וויל און ער מעג מאַכען אַ גזרה, אַז ווער עס וועט ניט צאָהלען זאָל אומגעבראַכט ווערען. און ער מעג צונעהמען דיא שטאַרקסטע און דיא שענסטע און בעסטע יונגע מענשען פאַר שקלאַווען און דיענער, און ער מעג זיי איינשפּאַנען אין זיין רייטוואָגען. און ער מעג זיך נעהמען אַלע מיידלעך וואָס ער וויל פאר ווייבער אָדער קעבס-ווייבער, און ער מעג זיי מאַכען פאַר זייגע פרעגלערקעס, שלאַכטערקעס און קעכינס".

„ווען דער מלך הרג'עט איינעם, געהער זיין פערמעגען צום מלך. ווען ער געווינט אַ מלחמה, נעהמט ער צו דאָס אייגענטהום פון דעם בעזיעגטען מלך פיר זיך און פון דעם איבריגען געראויבטען פערמעגענס פון דעם איינגענומענעם פאָלק געהער אַ העלפט צו איהם און אַ העלפט צום מיליטער א. ז. וו.".

„אַלע לענדער וואָס זיין חיל נעהמט איין, געהערען צו איהם, און ער מעג געבען דערפון וואָס ער וויל צו וועמען ער וויל", א. ז. וו.

(דאָס שטייט אַלץ אין רמב"ם הלכות מלכים, נאַטירליך לויט דיא גמרא.)

און זיי האָבען געזאָגט:

„אַפילו אַ פוקס (אַ נידעריגע חיה ניט קיין לייב), ווען עס איז זיין צייט (ווען ער האָט מאַכט) ב ו ק ז י ך צ ו א י ה ם". (תעלא בעידנא סגיד ליה, מגילה ט"ז.)

מיט דעם אַלעם זיינען אידען ניט געווען קיין אויסנאַהמע צום שלעכטען פון אַלע אומות אין יענע ווילדע צייטען. עס זיי־נען געווען טיראַנישע הערשער ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען געהערשט נאָך גרויזאַמער, וויא דאָ איז געשילדערט. און, וויא געזאָגט, געפינען זיך אין תלמוד אויך זעהר גוטע געדאַנקען, לויט יענער צייט, וועגען די פפליכטען פון קעניג צו רעגיערען מיט רחמנות.

אָבער דאָך זיינען דיא דערמאָנטע שטרענגע סאַמאָדערזשאַווגע געזעצע זיכער ניט קיין קאָנסעקווענטע פאָרטזעצונג פון דיא פאָלקס־פריינדליכע דעמאָקראַטישע געדאַנקען פון דיא נביאים, און אויך פון דיא רעוואָלוציאָנערע פרושים. דיעזע סאַמאָדערזשאַווגע גע־זעצע צייגען געווים אַ געוואַלדיגען איינפלוס פון דיא הערשענדע געוואַלטען און זייערע אינטערעסען אויף דער געזעץ־געבונג פון דיא תנאים און רבנים. אין דעם קען קיין שום ספק ניט זיין. וויא געזאָגט, אַ טייל פון דיא אַלטע תנאים זיינען געווען קרוב למלכות.

אינטערעסאַנט איז, אַז איין רבי אין דער גמרא זוכט אויסצו־דרש'ענען, אַז דוד המלך האָט ניט געזינדיגט מיט דיא שיינע בת־שבע; זאָגט צו דעם אַ'ן אַנדערער (רב), אַז יענער רבי קומט ארויס פון דוד המלך, דערפאַר זוכט ער איהם ריין צו וואשען! (שב נ"ו).

ב) פערשיעדענע קלאַסען תנאים.

איך האָב זיך דאָ אָבגעשטעלט בלויז פאַרבייגייהענדיג ביי דיא פּ אָ ל י ט י ש ע געזעצע, וועגען דיא קעניגליכע מאכט. מעהר וועגען דעם וועלען מיר רעדען אין צווייטען טייל. דאָ וויל איך הויפּטזעכליך בעהאַנדלען ארבייטער־פראַגען: וואָס דיא רעליגיאָן איז געווען פאַר דיא א ר ב י י ט ע ר.

וויא צווישען דיא תנאים און רבנים זיינען געווען אי אָרימע, וואָס האָבען געמוזט ארבייטען, אי רייכע, וואָס האָבען אָנגעקליעבען עשירות פון אַנדערע מענשענס ארבייט, און וויא דיא ביידע צו־שטענדע האָבען געהאַט איינפלוס אויף דיא דינים, וואָס זיי האָבען גע'פסק'ענט, קען מען דייטליך זעהען פון פאָלגענדע שטיקעל גמרא:

„אין פסוק שטייט : „דיא תורה זאָל ניט אַראָב פון דיין מויל ביי־טאָג און ביינאכט“, וואָלט מען אפשר געמיינט, אַז דאָס הייסט טאָקי פשוט אַזוי וויא עס שטייט ; דאַרום זאָגט דער פסוק „דו זאָלסט אָנקלייבען דיין תבואה“, כדי מען זאָל וויסען, אז מען מוז זיך פיהרען וויא דיא וועלט פיהרט זיך : ווען מען דאַרף אַרבייטען אין פעלד, דאַרף מען ניט לערנען. אַזוי זאָגט ר׳ ישמעאל. אָבער ר׳ שמעון זאָגט פערקעהרט. ער פרעגט : ווען אַ מענש וועט אַקערן אין דער אַקערצייט און זייען אין דער צייט פון זייען און שניידען תבואה אין שניט־צייט און דרעשען ווען עס איז דיא צייט פון דרעשען, וואָס וועט זיין מיט דיא תורה ? — ווען, הייסט עס, וועט מען לערנען ? — נאָר וואָס דען ? — ווען אַ איד פיהרט זיך וויא גאָט האָט געבאָטען, ווערט זיין אַרבייט געטהאָן דורך אַנדערע ; ווען ער פיהרט זיך ניט ריכטיג לויט גאָט׳ס וויללען, מוז ער אַליין טהאָן זיין אַרבייט ; און נאָך מעהר — ער מוז נאָך אַרבייטען פאַר אַנדערע“. (ברכות ל״ה.)

דאָ איז קלאָר, אז דאָס ריידען צוויי תנאים לויט צוויי פערשיעדענע עקאָנאָמישע אומשטענדען : דער ערשטער רעדט פון דעם שטאַנדפונקט פון איינעם, וואָס מוז זיך אַליין טהאָן זיין ארבייט, און אמאָל נאָך אַרבייטען פאַר אנדערע ; דער צווייטער — פון דעם שטאַנדפונקט פון אזא רבי, וואָס אַנדערע אַרבייטען אויף איהם.

א שפּעטערער זאָגער אין דער גמרא, אביי, זאָגט, אז א סך (רבנים) האָבען געטהאָן וויא ר׳ ישמעאל — געאַרבייט ווען זיי האָבען געדאַרפט ארבייטען און געלערנט נאָר אין דיא פרייע צייט — און זיי האָבען געהאַט ערפאָלג ; א סך האָבען געטהאָן וויא ר׳ שמעון — תמיד געלערנט און ניט געאַרבייט — און זיי האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט.

פון דעם איז דייטליך, אז עס זיינען געוועזען צווישען דיא תנאים אי אַרבייטער אי ניט אַרבייטער, און וויא דיא ביידע צושטענדע האָבען געהאַט איינפלוס אויף זייער רעליגיאָן, אפילו אין דיא הייליגסטע זאַכען.

רבא האָט געזאָגט צו דיא רבנים, וואָס האָבען געלערנט ביי איהם ; „איך בעט אייך, ווייזט זיך ניט פאַר מיר ניט אין דיא טעג

פון חודש ניסן, ניט אין דיא טעג פון חודש תשרי, ווייל דעמאָלט מוזט איהר אַרבייטען אין פעלד. אז איהר וועט דעמאָלט ניט אַר־בייטען, וועט איהר האָבען אַ גאַנץ יאָהר אַ צוטומעלטען קאָפּ וועגען פּרנסה".

אָבער ר׳ נהוראי זאָגט: „איך לערן מיינע קינדער ניט קיין שום אַרבייט פון דער וועלט, נאָר תורה, ווייל פון תורה עסט אַ מענש איהר לוין אויף דער וועלט און דער קרן דערפון בלייבט פאַר יענער וועלט". (קידושין פ"ב:)

אזוי האָט נאָר געקענט זאָגען דער, וואָס האָט געזעהען לער־נערס, וועלכע האָבען נ י ט אַ גאַנץ יאָהר קיין צוטומעלטען קאָפּ וועגען פּרנסה, דען זיי „עסען פון דעם לוין פון תורה". אזוי וויא דיא תורה אַרבייט ניט פאַר קיינעם, הייסט דאָס, אז אַנדערע מענ־שען אַרבייטען אויף זיי.

עס זיינען געווען תנאים זעהר רייכע.

ר׳ טרפון איז געווען אַ׳ן „עושר גדול"; (נדרים ס"ב.) ר׳ אליעזר בן חרסום האָט געהאַט זיין אייגענס אזוי פיעל, אז דיא גמרא מאַכט דערפון אַ גוזמא, „טויזענד שטעדט אויף דער יבשה און טויזענד שיפען אויפ׳ן ים". דאָך האָט ער זיך ניט געמישט אין זיינע געשעפטען, נאָר געלערנט תורה. זיינע שקלאַפען האָבען איהם אפילו ניט געקענט. אזוי שטייט. (יומא ל"ה:) זיין מוטער האָט איהם געמאַכט אַ העמדיל, האָט עס בעטראָפען „20 טויזענד".

ר׳ עקיבא, וועלכער איז פריהער געווען אַ פּאַסטוך, איז אַלס תנא געקומען צו זעהר אַ גרויסע עשירות. דיא גמרא דערציילט פערשיעדענע „ניסים" וויא אזוי ער איז רייך געוואָרען. (נדרים נ"א.)

ר׳ יהודה אַליין, דער רעדאַקטאָר פון דער משנה און דער רע־ליגיאָנס־„פירשט" (נשיא), איז געווען אונגעהייער רייך. דיא גמרא דערציילט (נאַטירליך ווידער אַ גוזמא), אז ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן שמעון, האָט ער געלאָזט אויפשרייבען אויף דעם הויז פון דיא חתונה, אז אויף דיעזען חתונה־הויז איז אַוועק 24 טויזענד מיליאָן „גילדען". (נדרים נ׳).

דיעזער גרויסער תנא, וועלכער האָט צוזאַמענגעשטעלט דיא משנה און איז געווען איינער פון דיא סאַמע הייליגסטע פון דיא

גמרא־רעליגיאָן, איז געווען זעהר אַ שטרענגער הערשער אין דער רעליגיאָן און האָט געהאַלטען פון גדלות און שטרענגקייט געגען דעם פאָלק. צו זיין זוהן גמליאל, וועלכער האָט געדאַרפט ווערען נשיא נאָך זיין טויט, האָט ער געזאָגט: „פיהר דיין נשיא'שאַפט מיט גרויס שטאָלצקייט און מאַכט (נהוג נשיאתך ברמים), כדי דער עולם זאָל ציטטערן".

רייכע לייט האָט ער אָבגעגעבען גרויס כבוד. ווען עס איז געקומען צו איהם אַ גרויסער גביר, האָט ער געגעבען אַ בעפעהל: „מאַכט פּלאַץ פאַר אַ גביר פון הונדערט־טויזענד!" דאָס הייסט אַ בעזונדערס בכבוד'יגען פּלאַץ. (כלומר מקום חשוב. רש"י) איז געקומען אַ גרעסערער עושר, האָט דער נשיא אויסגערופען: „מאַכט פּלאַץ פאַר אַ גביר פון צוויי הונדערט טויזענד!" דאָס הייסט נאָך אַ בכבוד'יגערען פּלאַץ. (כלומר מקום חשוב יותר בין גדולים, לפי כבוד עשרו. — רש"י, ערובין פ"ו.)

עס פערשטייט זיך, אַז דאָס מיינט מען אפילו ווען דיא גבירים זיינען ניט געווען קיין גרויסע לערנערס. דען אויב יאָ, קומט זיי דאָך סיי ווי סיי כבוד, צוליעב דיא תורה.

דיא רבנים האָבען דאָס ערקלערט, אַז ווען איינער איז אַ'ן עושר, איז אַ סימן אַז ער איז ווערט ביי גאָט; אַז ניט, וואָלט ער איהם קיין עשירות ניט געגעבען. און אַז ער איז ווערט ביי גאָט עשירות, דאַרף מען איהם אָבגעבען כבוד. אַ פרומער ספר שרייבט וועגען דעם, וואָס רבי יהודה הנשיא האָט אָבגעגעבען כבוד גבירים, אַז דיא גמרא דערציילט דאָס, כדי צו ווייזען אַז כאָטש ער איז אַליין געווען אזא גרויסער עושר, האָט ער אויך אָבגעגעבען כבוד צו עשירים. „היינט אַ פּשיטא שוין אַ'ן אַרימאַן אָדער אַ קלענערער מענש, מוז אודאי האָבען דרך ארץ פאַר אַ רייכען".. אַזוי בעמערקט דער ספר.

דער פאַמיליע פון דיזען רייכען און שטרענגען תנא און נשיא האָבען דיא תנאים צוגע'פּסקענט, אַז זיי מעגען וואָס אַנדערע אידען און אידענעס טאָרען ניט. דריי זאַכען אַזעלכע ווערען דערמאָנט: זיי מעגען לאָזען לערנען זייערע קינדער גוי'אישע חכמות און זיי מעגען קוקען אין שפּיעגעל און זיך מאַכען אַ געוויסע פריזורע, וואָס

אנדערע איז פערבאָטען (ירושלמי שבת). אויך א סאָרט „קלאסען־געזעצגעבונג" !

אויך צווישען דיא פיעל שפּעטערע בעל־גמרות, אין טיעפען גלות, זיינען געווען זעהר רייכע. ר' הונא האָט מען געטראָגען אין א „גאָלדענע" טראָג־קארעטע. (תענית כ'.) ר' חסדא און ר' פּפּא זיינען רייך געוואָרען פון האנדעל מיט אזא משקה, וואָס מען פלעגט מאכען פון טייטלען. (פסחים קי"ג.) דערזעלבער ר' פּפּא, וואָס איז געוואָרען א גביר פון האנדעל מיט טייטעל־וויין, האָט גע'פּסק'־ענט א דין, אז ווען איינער קען טרינקען טייטלען־וויין און טרינקט דאָך טרויבען־וויין, בעגייט ער א'ן עברה, געגען דעם פּסוק אין דער תורה, וואָס זאָגט, אז מען טאָר ניט איבערפיהרען ווערטהפולע זאַ־כען, ווען עס איז ניט נויטיג (בל תשחית). (שבת ק"מ.)

און נאָך א סך אנדערע גרויסע גבירים זיינען געווען צווישען זיי.

א טייל האָבען אזוי שטארק געהאלטען פון רייכקייט, אז זיי האָבען געזאָגט, אז משה רבנו אליין איז געווען א רייכער מאן, און אז אלע נביאים זיינען געווען רייכע, און אז גאָט'ס שכינה רוהט נאָר אויף א רייכען (נדרים ל"ח.) אָט דאָס איז ביי זיי געוואָרען פון דעם „גאָט פון דיא אָרימע", וואָס דיא נביאים האָבען געזאָגט, אז זיין שכינה רוהט דוקא אויף אָרימע ! (שוכן את דכה ושפל רוח).

און דיא רייכע תנאים און רבנים האָבען אלע געהאלטען שקלאַ־פען און געדונגענע ארבייטער. א טייל פון זיי זיינען געווען רייך פון מסחר, וויא געזאָגט. אָבער פעלדער האָבען זיי געהאט און דיא פעלדער האָבען זיי געלאָזט בעארבייטען פון שקלאַפען און געדונגע־נע ארבייטער.

### ג) קלאַסען־געזעץ־געבונג.

יעצט ווילען מיר זעהען, וויא דיא רבנים פון דיא גמרא זאָגען אליין בפירוש, אז זיי זיינען פּארטייאיש צו זייער קלאַס, און וויא זיי זיינען ניט פריי פון קלאַסען־געזעץ־געבונג.

נאָר פריהער מוזען מיר געבען א שטיקעל הקדמה און ער־קלערען, וואָס מען מיינט מיט „קלאַסען־געזעץ־געבונג".

דאָס מיינט: מאַכען געזעצע — און אויסלייגען געזעצע — פאַרטייאיש, פאַר דיא טובה פון איין קלאַס מענשען, — געוועהנליך דיא רייכע און מעכטיגע, וועלכע האָבען אַ שטאַרקען צד צווישען דיא וואָס מאַכען און פסק'ענען דיא געזעצע און אַ'ן איינפלוס אויף זיי.

מען דאַרף דאָס אָבער ניט פאַלש פערשטיין. דאָס הייסט ניט, אַז ווייל אַ טייל תנאים זיינען געווען עשירים און געהאַלטען אַרבייטער, דעריבער האָבען זיי מ י ט אַ כ י ו ן געמאַכט „קלאַסען־געזעצע" און אויסגעדריקט געדאַנקען וואָס זיינען גוט פאַר בעלי בתים און שלעכט פאַר אַרבייטער. חלילה! דאָס איז זעהר אַ'ן אוטוויסענדער און וואולגאַרנער בעגריף פון דעם געדאַנק מכוח דיא ווירקונג פון קלאַסען־אינטערעסען! מען מיינט דערמיט ניט, אַז אַלע רייכע טהוען שלעכטעס מיט אַ נידערטרעכטיגע כ ו נ ה, ו ו י ס ע נ ד י ג, אַז זיי טהוען שלעכטעס. ניין, זיי קענען זיין זעהר ערלע מענשען, זאָגאַר אמת'ע הייליגע. אָבער זייער קלאַסען־לאַגע, און דער איינפלוס פון מאַכט, ווירקען אויף זייער אַרט דענקען און פיהלען א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט ע ר ה י י ט. זיי בערעכענען ניט און פיהלען ניט, אַז דאָס איז שלעכט פאַר דיא ברייטע מאַסען.

צווישען דיא שקלאַפען־האַלטער, וואָס האָבען געקעמפפט אין אַמעריקאַ מיט זייער גאַנצער ענערגיע, אַז שקלאַפעריי זאָל ניט אָבגעשאַפט ווערען, זיינען געווען אַ טייל אמת'ע איידעלע מענשען, מיט גאָלדענע הערצער. נאָר זייער לאַגע אַלס שקלאַפען־אייגענטהימער האָט זיי געמאַכט דענקען אַזוי, וויא עס האָט זיך געלוינט פאַר שקלאַפען־האַלטער און קוקען אויף אַלעם דורך זייערע ברילען.

דאָס דאַרף מען גוט אין זינען האָבען!

ווען אין דיא גמרא זיינען דאָ אי גוטע געזעצע פאַר אַרבייטער, אי שלעכטע, דאַן ווייזט דאָס, אַז ביידע אינטערעסען, אי דיא אינ־טערעסען פון דיא אַרבייטער, אי דיא אינטערעסען פון דיא בעלי בתים, האָבען געהאַט א י י נ פ ל ו ס אויף זייער בליק און אויף זייער געפיהל פון גערעכטיגקייט. זיי זיינען זיך אָבער ניט געווען בעוואוסט דערפון. דיא, וואָס האָבען געגעבען קלאַסען־געזעצע, פאַר דיא טובה פון דיא בעלי בתים און געגען דיא אַרבייטער, האָבען געמעגט זיין אין רעליגיעזען זין אמת'ע הייליגע, — ניט חלילה קיין

מאַסקירטע, נאָר טאַקי קדושים אין פולען (רעליגיעזען) זין פון דעם וואָרט. אָבער דיא קלאַסען־פערהעלטניסע האָבען דעם מעכטיגסטען איינפלוס, אפילו אויף היילינע. דאָס איז עס וואָס איך בעווייז דאָ: *רעליגיאָן איז ניט קיין בעשיצער פאַר דיא אַרבייטער!* אַפילו דיא גרעסטע און עהרליכסטע רעליגיעזע היילינקייט אויף דיא זייט פון דיא גרינדער פון רעליגיאָן האָט זיי ניט אָבגעהאַלטען פון מאַכען טיילווייז קלאַסען־געזעצע, צום שאַדען פון דיא אַרבייטער. און אַפילו דיא גוטע געזעצע זיינען אויך אויסגעטייטשט געוואָרען אַזוי, אַז זיי האָבען דיא אַרבייטער קיין שום טובה אין ווירקליכען לעבען ניט געבראַכט. דער איינפלוס פון דיא אָרימע תנאים און רבנים האָט נאָר געקענט ווירקען, אַז *אין ספר* זאָלען אַריינגעשריעבען ווערען טיילווייז גוטע געדאַנקען און געזעצע פאַר אַרבייטער, אָבער ניט, אַז זיי זאָלען אויסגעפיהרט ווערען אין *ווירקליכען לעבען*. דען דערצו האָבען דיא אָרימע און אונטערדריקטע ניט געהאַט קיין *בעזאָנדערע מאַכט* און ניט געפיהרט קיין קאַמפף.

איבערהויפט איז ביי יענע תנאים און רבנים נאַטירליך ניט געוועזען קיין *קלאַסען־בעוואוסטע שיידונג* צווישען דיא אַרבייטער און דיא בעלי בתים. זיי האָבען גאָר ניט געטראַכט פון קיין געגנערישע אינטערעסען צווישען זיי. עס האָט געטראָפען, אַז דוקא א רייכער תנא האָט אַמאָל געזאָגט א גוטען געדאַנק אָדער דין פאַר אַרבייטער און דוקא אַ'ן אָרימער א שלעכטען. דען פון דעם קלאַסען־געגענזאַץ האָבען זיי ניט געטראַכט. דיא רייכע און דיא אָרימע האָבען צוזאַמען געלערנט תורה, זיך און אַנדערע. מיט *רעליגיאָן* האָבען זיי זיך בעשעפטיגט און ניט אין זיננען געהאַט קיין סאָציאַלען קאַמפף.

אויך האָבען זיי ניט אָנגעהויבען צו האָבען קיין *סיסטעמאַטישע* סאָציאַלע פרינציפען, וועלכע זאָלען זיין אימער אויסגעהאַלטען אין אַלצדינג וואָס זיי האָבען געזאָגט און גע׳פסק׳ענט. מען געפינט אָפט, אַז אין איין פונקט זאָגט איינער וואָס עס איז גוט פאַר אַרבייטער און אין אַ'ן אַנדערען פונקט —

פאַר דיא בעלי בתים. דען זייערע מיינונגען בויען זיי ניט מיט קיין בעוואוסטזיין אויף קיין בעשטימטען ס י ס ט ע ם פון יושר און שכל. דאָס זעהט מען דייטליך אין דער גמרא אין זייערע פיעלע דיסקוסיאָנען און טענות, וואו זיי האָבען מחלוקות: דיא אַרגו־מענטען אין דיעזע ויכוחים זיינען ניט לויט יעדען תנא'ס אויסגע־האַלטענע סאָציאַלע „פּרינציפּען", און אָפט אפילו ניט אין אַלגע־מיין לויט שכל, לויט יושר. דאָס זיינען זעהר אָפט טענות וועגען „פּשט" אין פּסוקים און אין דיא רייד פון פריהערינגע תנאים; דאָס זיינען דרשות און פּלפּולים אין ו ו ע ר ט ע ר. דען דאָס איז ביי זיי ר ע ל י ג י אָ ן!

געווים, דערביי האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ געפיהל פון יושר אויך. דיעזער געפיהל אָבער האָט אַ'ן אַנדער פּנים ביי אַרבייטער און אַ'ן אַנדער פּנים ביי אַרבייט־געבער — אַפילו ווען זיי זיינען אמת'ע רעליגיעזע צדיקים. און אַפילו אָרימע רעליגיאָנס לערנערס, וואָס זייער קאָפּ ליעגט אין הימעל, זיינען אָפט אַליין אויך בעאיינ־פלוסט מעהר פון דעם ש ט אַ ר ק ע ר ע ן צד, פון דיא רייכע. סיידען ווען דער אינטערעס און דער יושר פון דיא אָרימע מאַסען לאָזט זיך פ י ה ל ע ן; דאָס איז ווען זיי פיהרען אַ ק אַ מ פּ ף. אַז ניט, האָט דער יושר פון דיא רייכע אַ'ן איינפלוס און זייער אינ־טערעס ווירקט אויף זייערע געדאַנקען.

קיין מלאכים זיינען דיא תנאים און רבנים ניט געווען. זיי זיינען געווען מענשען, בשר ודם.

און דאָס זעהט מען פון זייערע אייגענע רייד.

מיר האָבען געזעהען, וויא אַ תנא, וואָס איז רייך געוואָרען פון האַנדלען מיט טייטלען־ווייין, פּסק'ענט אַ רעליגיעזען דין, אַז ווער עס קען טרינקען טייטלען־ווייין טאָר ניט טרינקען קיין טרויבען־ווייין.

פון אַ'ן אַנדערן תנא, ר' אבוהו, זאָגט דיא גמרא, אַז ער האָט זיך ערלויבט אַ געוויסע זאַך, וואָס מען טאָר ניט, און אַז דאַרום האָט ער געזאָגט, אַז דער גרויסער ר' יוחנן האָט גע'פּסק'ענט, אַז מען מעג דאָס, כאָטש עס איז גאָר ניט אמת געווען, ר' יוחנן האָט גאָר אַזוי ניט גע'פּסק'ענט. (ירושלמי פאה פ"א ה"א).

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, דאָס זיי זאָגען אַליין גאַנץ בפרוש, אַז זיי זיינען פּאַרטייאיש! דער גרויסער „תנא“ רבא איז זיך גאַנץ אָפען מודה, און ר י ה מ ט זיך דערמיט, אַז ווען א לערנער קומט צו איהם אויף א דין תורה (מיט א ניט-לערנער), קען ער זיין קאָפּ אויפ'ן קישען ניט לייגען ביז ער טראַכט ניט אויס א זכות פאַר דעם לערנער, אַז ער זאָל איהם קענען צו'פסק'ענען!

דאַגעגען זאָגט מר־בר־רב־אשי: איך בין פסול צו פּסק'ענען א דין תורה פאַר א לערנער, ווייל איך ליעב איהם וויא זיך אַליין און קיינער זעהט ניט אויף זיך אַליין אַז ער איז אומגערעכט“!!! (שבת קי"ט).

דאָ איז אָפען צוגעגעבען, אַז עס איז דאָ א קלאַסען-גערעכ־טיגקייט! אַז אין א קלאַסע מענשען — מעגען זיי זיין אפילו הייליגע תורה-לערנערס — האַלט איינער מיט'ן אַנדערן און זעהט ניט איין וואו ער איז אונגערעכט און איז גענייגט איהם צו־צו'־פסק'ענען פאַר זיין טובה, פאַר זיין אינטערעס, געגען דעם אינטע־רעס פון א מענשען פון א'ן אַנדערע קלאַסע!

פון דער אַנדערער זייט ווערען דערציילט אין דעם תלמוד מעשיות, וויא דיא רבנים האָבען ניט געשאָנעוועט רייכע און מעכ־טיגע. למשל, זיי דערציילען פון א רייכען גוטסבעזיצער מיט'ן נאָמען מ ר י ב ר א י ס ק, וועלכער איז געווען אַזאַ שרעקלי־כער מאַכט-מענש (אלים) אַז עדות האָבען מורא געהאַט פאַר איהם, צו קומען זאָגען דעם אמת אין א משפט פון זיין ברודער געגען איהם. האָט ר' חסדא געמאַכט אין דעם משפט א'ן אויסנאַהמע פון דעם דין צו זיין אונגונסטען, גראַדע ווייל ער איז א מעכטיגער. (ב"מ ל"ט.) אָבער יעדענפאַלס צייגט דאָס, אַז אויך דאַן זיינען געווען רייכע מיט א גרויסע מאַכט, וואָס האָבען געמאַכט ציטערן. און פון דעסטוועגען זיינען דיא גרעסטע רבנים פון דער גמרא געווען איינגייהער ביי דיעזען רייכען, מעכטיגען געוואַלט-מענש, ביי דיעזען מרי בר איסק (אמימר, מר זוטרא ור' אשי. שם כ"ב).

דיא גמרא דערציילט אויך אַליין, אַז דער „תנא“ ר' דימי האָט געבראַכט אין שטאָדט אריין א שיף מיט פייגען צו פערקויפען, האָט דער ריש גלותא (דער אידישער רעליגיעזער „קעניג“ אין

גלות) געזאָגט צו א תנא: „געה זעה, אויב ער איז א לערנער, דאַן לאָז קיין אנדערע סוחרים ניט פערקויפען קיין פייגען, ביז ער וועט פריהער פערקויפען זיינע! (ב"ב כ"ב).

מיר האָבען אויך אויבען געזעהען, וויא דיא גמרא אליין זאָגט אויף איין גרויסען תנא א צדיק, אז ער דרשן'ט אוים פון דיא פסוקים א פערענטפער פאַר דוד המלך, אז ער האָט כלומר'שט ניט געזינדיגט — ווייל ער, דער דאָזיגער תנא, קומט אַרוים פון דוד המלך, וויל ער איהם פערטהיידיגען און ריין וואשען!

אז א מענשענס אינטערעסען און אומשטענדען האָבען א מאכט און איינפלוס אויף זיין פיהלען און דענקען, ווערהענד ער ווייסט דאָס גאָר ניט, — דאָס האָבען איינגעזעהען גרויסע און טיעפע דענקער ניט קיין סאָציאַליסטען אויך. דער פילאָזאָף שאָפענהויער, צוםביישפיעל, זאָגט:

„אונזער אינטערעס האָט א געהיימע קראַפט איבער אונזער אורטהייל. וואָס עס איז גוט פאַר אונז, דאָס דאכט זיך אונז צו זיין רעכט, גלייך, פערשטענדיג. וואָס עס איז געגען אונזער טובה, דאָס דאַכט זיך אונז זעהר ערנסט צו זיין אונגערעכט און העסליך, אָדער אונזינניג און ניט צוועקמעסיג. פון דעם קומען דיא פיעלע פאָראורטהיילע פון דיא קלאַסען, נאַציאָנען, פּראָפעסיאָנען, סעקטען, רעליגיאָנען". (דיא מענשען פון יעדע פון זיי דענקען הייסט עס דאָס בעסטע וועגען זייער אייגענע קלאַס, נאַציאָן א. ז. וו. און דאָס ערגסטע וועגען דיא אַנדערע.)

דאָס איז אלזאָ ניט דוקא קאַרל מאַרקס'עס געדאַנק. ער האָט דאָס נאָר גרינדליך ערקלערט און אויסגעארבייט.

און דאָס ציינט זיך אויך אין דיא געזעצע און געדאַנקען פון דיא אידישע רעליגיאָן, און איבערהויפּט אין זייער ווירקונג אין ווירקליכען לעבען.

### ד) עהרע פאַר אַרבייט.

וועגען אַרבייט האָבען מעהרערע פאַרצייטיגע תנאים אויסגעדריקט זעהר גוטע מיינונגען. אָבער דאָך האָט דאָס אין ווירקליכען לעבען ניט געווירקט אויף זייערע גלויביגע, דען מיר ווייסען זעהר גוט, אז זייט הונדערטער יאָהרען איז א'ן ארבייטער אין דער משפחה געוועזען ביי דיא פרומע אידען א פלעק אין דער משפחה. פאַר וואָס?

ווייל אידענס עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען געוועזען אזעלכע, אַז מסחר איז געוואָרען ביי זיי דיא „עהרענהאַפטע" בעשעפטיגונג, ווייל עס האָט זיך בעסער געלוינט. דאַרום האָבען שוין ניט גע־האַלפען אַלע גוטע געדאַנקען וועגען אַרבייט, וואָס דיא תנאים האָבען אויסגעדריקט. פרום איז מען געווען, וויא דער רוח, גע־האַלטען האָט מען וואָס דער תלמוד זאָגט פאַר קודש קדשים; אָבער אין ווירקליכען לעבען האָבען דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען געהאַט דיא מעכטיגסטע ווירקונג. אַלע גוטע געדאַנקען פון דיא הייליגע תורה האָבען זיך געבויגען פאַר דיא מאַכט פון דיא עקאָ־נאָמישע אומשטענדען.

מיט פרומע התלהבות האָט מען זיך געשאָקעלט איבער דיא גמרא, וואו עס שטייט:

„האָב ליעב דיא מלאכה און האָב פיינט דאָס רבנות". (אָבות א׳)

„גאָט אַליין האָט ניט פריהער געמאכט רוהען זיין שכינה איבער אידען, ביז זיי האָבען געטהאָן אַ מלאָכה". (אדר"נ י"א)

„איך (דער לערנער) בין גאָטס בעשעפעניש און מיין חבר, דער אַר־בייטער, איז גאָטס בעשעפעניש; פונקט וויא ער האַלט זיך ניט גרויס מיט זיין אַרבייט, אַזוי דאַרף איך מיך ניט גרויס האַלטען מיט מיין בע־שעפטיגונג". (ברכות י"ז).

איינער זאָגט, אַז עס איז אַ געבאָט פון גאָט, דאָס 6 טעג אין וואָך מוז אַ מענש אַרבייטען (אדר"נ י"א).

און אַ׳ן אַנדערער זאָגט גאָר בפרוש:

„גרויס איז מלאָכה, דען זיא גיט כ ב ו ד דעם וואָס בעשעפטיגט זיך מיט איהר!" (נדרים מ"ט)

ווייטער האָבען דיא פרומע געלערנט מיט פערגעניגען:

„אַ פרוי מוז טהאָן עפּעס אַן אַרבייט, אפילו ווען זיא האָט הונדערט דיענסטען; דען ליידיג גיין ברענגט צו לייכטזיניגקייט". (כתובות נ"ט)

„ווער עס לערנט ניט זיין זוהן אַ׳ן אַרבייט, איז וויא ער וואָלט איהם געלערנט זיין אַ רויבער". (קדושין כ"ט).

דאָס זאָגט איין תנא. אַ׳ן אַנדערער אָבער זאָגט: איך לערן מיין זוהן קיין שום האַנדווערק אין דער וועלט ניט. וויא שוין אוי־בען גערעדט.

„אַזוי וויא דיא תורה איי געגעבען געוואָרען דורך אַ בונד מיט גאָט (בברית), אַזוי איז מלאָכה געגעבען געוואָרען דורך א בונד מיט גאָט".
(אדר"נ י"א.)

און ווייטער האָבען דיא פרומע געלערנט מיט בעגייסטערונג וועגען א תנא אַ טאָג־ארבייטער (הלל), אַ תנא אַ טרעגער (ר' ששת), א תנא אַ קאָוואַל (ר' יצחק), אַ תנא אַ שוסטער (ר' יוחנן), א תנא א מילנער (ר' יוסף גיטין ס"ו).

און דאָך — אין ווירקליכען לעבען איז אַ בעל מלאָכה פאַרט געווען אַ פלעק אין דער משפחה, ביי דיזעלביגע פרומע לערנערס!

איבריגענס, האָבען זיי אויך אין דיא גאַנץ אַלטע צייטען גע־זאָגט פערקעהרט אויך. אין ספר בן סירא (פון וועלכען דיא גמרא בריינגט פסוקים אַזוי וויא פון דער תורה, מיט דעם זעלבען אויס־דרוק — כתוב בספר בן סירא — ) שטייט אַ גאַנצער קאַפּיטעל פול מיט טיעפער פעראַכטונג צו ארבייט.

„דער וואָס אַרבייט דיא ערד, דעם ליעגט זיין קאָפּ אין דר'ערד און צו דענקען איז איהם אונמעגליך. צווישען אַנשטענדיגע מענשען איז פאַר איהם קיין פּלאַץ ניט" א. ז. וו. א. ז. וו.

און וועגען דיא פּראָסטע ארבייטער מ א ס ע ן איז אין תלמוד גערעדט מיט אונגעהייערען האס און פעראַכטונג.

דאָ קומען מיר צו אַ בעזונדערן פּונקט.

ה) אַ'ן „עם הארץ", —

וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאָט.

וועגען דעם „עם הארץ" איז גערעדט אין דיא גמרא מיט אַ שרעקליכען האס.

„אַ'ן עם הארץ מעג מען דער'הרג'ענען אום יום כפור". (פּסחים מ"ט) דאָס מיינט מען נאַטירליך ניט טאַקי טויטען. דאָס איז נאָר אַזאַ איבערטריעבענער אויסדרוק פון האס.

„אַ'ן עם הארץ מעג מען צורייסען וויא אַ פיש".

„קיינער זאָל ניט נעהמען קיין טאָכטער פון אַ'ן עם הארץ פאַר א וויב, ווייל דיא עמי הארצים זיינען עקעלהאַפט און זייערע טעכטער זיי־נען עקעלהאַפט. און ווער עס וואוינט מיט דיא טאָכטער פון אַ'ן עם

האַרץ, אויף דעם זאָגט דער פסוק : פערפלוכט זאָל זיין דער וואָס זינ־דיגט מיט אַ בהמה".

„אַ'ן עם הארץ טאָר קיין פלייש ניט עסען".

און נאָך, און נאָך אַזעלכע זאָגאַכטסען.

דיא ניעדערטרעכטיגע אנטיסעמיטען ברייגגען אָפט דיא דאָ־זיגע גמרות צו ווייזען, וויא שלעכט דיא גמרא־רעליגיאָן איז אין פערגלייך מיט דיא קריסטליכע. דארום בעמיהען זיך דיא אידישע פערטהיידיגער אויסצוטייטשען, אַז מיט „עם הארץ" מיינט מען כלומרשט ניט גלאַט אַ ניט־לערנער, נאָר מען מיינט דערמיט אַ באַנדיט, אַ פערברעכער, אַ פערדאָרבענעם מענשען.

אָבער פאַר דיא קריסטען דאַרף מען ניט אַזאַ פערענטפערונג. דער ענטפער צו דיא קריסטליכע אַנטיסעמיטען איז :

„איהר, שווייגט בעסער ! איהר האָט געווים קיין רעכט ניט פאָרווירפע צו מאַכען דיא אידישע רעליגיאָן, דען אייער קריסט־ליכע רעליגיאָן האָט געגוג געצייגט מעהר וויא פעראַכטונג צו דעם פראָסטען פאָלק. אין אייער קריסטליכע תורה שטייט :

„ווען עס וועט קומען צו אייך אַ מענש, וואָס ברייגגט ניט מיט זיך דיעזע תורה (דיא קריסטליכע), זאָלט איהר איהם אין אייער הויז ניט אַריינלאָזען און איהר זאָלט איהם ניט בעגריסען. דען ווער עס בעגריסט איהם, דער מאַכט זיך פאַר אַ שותף צו זיינע שלעכטע מעשים" (אגרת יוחנן השנית).

און אייער „מענש־גאָט" יעזוס אַליין פלוכט וויא אַ מאַרק־אידענע גאַנצע שטעט, ווייל זיי גלויבען ניט אין זיינע ניסים. (מתי י"א 20).

„און ביי אַלע אייערע פעלקער האָבען אייערע פרומע קריס־טען און גלחים בעהאַנדעלט דאָס פּראָסטע פאָלק, דאָס אַרבייטער פאָלק, ערגער וויא בהמות. זיי אַליין האָבען זיי געהאַלטען אין דומהייט און אונוויסענהייט און דאַן זיי פעראַכטעט און אויסגע־בויטעט. דיא אידישע גייסטליכע האָבען דאָך ווייניגסטענס געזוכט צו לערנען דיא פּראָסטע מענשען זייער תורה. ביי אייך אָבער, האָבען דיא גלחים גאָר פ ע ר ב א ט ע ן דעם עולם צו לערנען זייער תורה. דיא פּראָטעסטאַנטישע רעפאָרמאַציאָן האָט, אמת,

געבראַכט אַ׳ן ענדערונג אין דעם. איהר ברייננט דאָך אָבער אַלטע, פּאַרצייטיגע זאַגאַכטסען פון דיא אידישע רעליגיאָן; און אַלטע, פּאַרצייטיגע האַנדלונגען זיינען אין אייער רעליגיאָן געוועזן נאָך פיעל ערגערע. 1500 יאָהר האָבען אייערע גלחים פערבאָטען אייערע פעלקער צו לערנען אייער תורה און דערמיט זיי געצוואונגען צו זיין „עם־הארצים“ און דאַן זיי פעראַכטעט און אויסגעבויטעט. דארום, ווער — ווער: איהר קריסטען האָט געווים קיין רעכט ניט צו קריטיקירען דיא אידישע תנאים פאַר זייער שלעכטע מיינונג וועגען אַ׳ן עם הארץ!“

אָט דאָס איז דער ריכטיגער ענטפער צו דיא קריסטליכע אַנטיסעמיטען. מיט דעם ווערט זייער פּיסק פערשטאָפּט.

אָבער צו זאָגען, אַז מיט „עם הארץ“ האָט דער תלמוד געמיינט נאָר אַ פערדאָרבענעם מענשען, אַ פערברעכער, איז מעשה אדוואָקאַט.

אמת, עס ווערט אין מאַנכע ערטער אין תלמוד גערעדט וועגען פערשיעדענע סאָרטען „עם הארץ“. איינינע אויסדריקע זיינען דאָ גוטע וועגען אַ גוטען „עם הארץ“. און אויך איינינע ערטער וואו עס ווערט גערעדט וועגען אַ׳ן „עם הארץ“ איז ווירקליך דיא רייד וועגען אַ פערברעכערישען „עם הארץ“. אָבער דאָס איז פונקט וויא דאָס וואָרט „זשיד“ אין דעם מויל פון אַ ריקשטענדיגען גוי: ער מיינט אויך דערמיט אַ פערברעכערישען, שווינדלערישען זשיד, אַ מאַשעניק. און אפילו אַ קריסט אַ מאַשעניק רופט ער אויך „זשיד“. אָבער קומען קומט דאָס פון דעם, וואָס ער האָט אַזאַ העסליכען פאָראורטהייל וועגען אידען אין אַלגעמיין, אַז „זשיד“ איז ביי איהם געוואָרען סינאָנים (גלייך־בעדייטענד) מיט מאַשעניק. כאָטש ער רעדט אַמאָל אויך אַ גוט וואָרט וועגען אַ גוטען אנשטענדיגען איד.

אָט פונקט אַזוי איז עס מיט דעם וואָרט „עם הארץ“ אין דעם מויל פון דיא תנאים און רבנים: אין גרונד מיינט דאָס פשוט אַ פּראָסטער מענש, אַ בעל מלאכה, ניט קיין תורה־לערנער — וויא מיר וועלען באַלד בעווייזען. נאָר זייער טיעפער האַס צום עם הארץ און זייער פאָראורטהייל וועגען איהם האָט געבראַכט דערצו, אַז

„עם הארץ“ איז ביי זיי געוואָרען סינאָנים מיט רשע, גנב, רוצח. כאָטש זיי רעדען אמאָל אויך אַ גוט וואָרט וועגען אַ גוטען אַנ־שטענדיגען עם הארץ.

סתם „עם הארץ“ מיינט מען נאָר דאָסזעלבע, וואָס אַ היינטי־גער לערנער מיינט מיט דעם וואָרט: אַ ניט־געלערנטער אין תורה, אַ פּראָסטער אַרבייטער. דאָס קען מען זעהען דייטליך פון פיעלע זאָגאַכטסען אין תלמוד. צום ביישפּיעל:

„ווען אַ|ן עם הארץ איז אַ פרומער, זאָלסטו ניט וואוינען מיט איהם אין שכנות“.

אַלזאָ, איז ער דאָך אַ פרומער, ניט קיין פערברעכער. און דאָך הייסט ער אַ'ן עם הארץ.

וואו עס שטייט, אז אַ'ן „עם הארץ“ טאָר קיין פלייש ניט עסען, ווערט געגעבען אַ טעם דערצו, ווייל „נאָר ווער עס לערנט תורה, מעג עסען פלייש. דער עם הארץ טאָר ניט עסען קיין פלייש, ווייל ער איז ניט עוסק אין תורה“. אַלזאָ, ניט ווייל ער איז אַ רשע, אַ גנב, אַ לומפּ!

ר' עקיבא זאָגט: „ווען איך בין געווען אַ'ן עם הארץ“, א. ז. וו. און אַ רשע, אַ גנב, אַ לומפּ, איז ר' עקיבא קיינמאָל ניט גע־ווען. ער איז געווען אַ פּראָסטער מענש, אַ פּאַסטוך, וואָס האָט ניט געקענט לערנען. דאָס איז אַלעס.

און דאָ קום איך צו דעם אינטערעסאַנטסטען פּונקט.

עס שטייט אין דער גמרא, אַז ר' יהודה הנשיא, דער רייכער רבנישער אויבער־הארר איבער דיא רעליגיאָן, האָט אין אַ הונגער־צייט געעפענט דיא שפּייז־מאַגאַזינען פון צדקה און האָט געטיילט צו הונגעריגע. האָט ער ניט געוואָלט אריינלאָזען קיין עם הארץ. אויב ער איז אַ'ן עם הארץ, זאָל ער שטאַרבען פון הונגער!

ווען איך האָב דערמאָנט דיעזען פאַקט אין אַ'ן אַרטיקעל, האָט מען מיר דרייסט געענטפערט: „ווער הייסט אייך פערטייטשען דעם אמאָליגען תלמודישען „עם הארץ“ פּראָסטער מענש? אזוי טייטשט דער מיסיאָנערישער גלח“. וואָס דען? מיט עם הארץ מיינט מען כלומרשט אַ באַנדיט, אַ לומפּ. (און אַזעלכען איז רעכט צו לאָזען שטאַרבען פון הונגער...)

די דרייסטקייט פון דיעזער בעמערקונג גייט איבער אַלע גרע־נעצען! דאָס הייסט אביסעל שיטען זאמד אין דיא אויגען! גראָדע ביי דיעזער געשיכטע שטייט דאָך אויסדריק־ליך, אז „עם הארץ" הייסט נאָר ווער עס האָט ניט געלערנט; און דערביי שטייט דאַרטען אַ פאַקט, אז אַ תנא אַ צדיק איז גע־קומען נאָך ברויט, האָט ער ניט געוואָלט אויסגעבען זיך ווער ער איז, האָט דער נשיא געמיינט, אז ער איז אַ'ן עם הארץ און האָט בעדויערט, וואָס ער האָט געגעבען ברויט צו אַ הונגעריגען עם הארץ! איז דאָך דייטליך, אז מיט „עם הארץ" מיינט מען אַפילו דעם אַרענטליכסטען מענשען, אויב נאָר ער האָט ניט געלערנט! דער אָרימער צדיק דער תנא איז דאָך זיכער ניט געווען קיין רשע, קיין לומפּ, קיין פערברעכער און ניט אויסגעזעהען אזעלכער!

אָט איז דיא געשיכטע ווערטערליך:

רבי (ר' יהודה הנשיא) האָט געעפענט דיא אוצרות אין הונגער יאָהרען און האָט געזאָגט: זאָלען אַריינגייען דיא וואָס האָבען געלערענט חומש, דיא וואָס האָבען געלערנט משנה, גמרא, דיא וואָס האָבען גע־לערנט אגדה, הלכה, אָבער אַ'ן עם הארץ זאָל ניט אַריינגיין. האָט זיך אַריינגעשטופּט רבי יונתן בן עמרם און האָט געזאָגט: רבי, גיט מיר צו עסען. האָט דער רבי איהם געפרעגט: מיין זוהן, האָסט דו געלערנט חומש? האָט ער געזאָגט ניין. האָסט דו געלערנט משנה? — ניין. האָט דער נשיא געזאָגט, אויב אַזוי, פאַר וואָס זאָל איך דיר געבען צו עסען? האָט ער איהם געענטפערט: שפּייז מיך וויא אַ הונד, וויא אַ קראָה. האָט ער איהם געשפּייזט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז געזעסען ר' יהודה און האָט זיך מצער געווען: „וויי איז מיר, וואָס איך האָב געגעבען מיין ברויט צו אַ'ן עם הארץ!"

דערנאָך האָט מען אויסגעפונען, אז דאָס איז געווען דער צדיק, דער תנא ר' יונתן בן עמרם, וועלכער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען אז ער איז אַ למדן, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט הנאה האָ־בען פון דעם כבוד פון דיא תורה. פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אַריינגעלאָזט אַלע. (ב"ב ח.)

דאָ איז אַלזאָ גאַנץ דייטליך, אז דער רייכער נשיא האָט ניט געוואָלט געבען צו עסען אַ הינגעריגען עם הארץ אפילו ווען ער

האָט זיכער ניט אויסגעזעהען וויא אַ באַנדיט, אַ לומפּ, דען ער איז דאָך גאָר געווען דער הייליגסטער צדיק פון דער וועלט! ער האָט איהם ניט געפרעגט: „צו ביזטו אַ רשע, אַ באַנדיט?" ווען ער וואָלט איהם ד אָ ס געפרעגט, וואָלט דאָך יענער נאַטירליך ניט געזאָגט, אַז ער איז דאָס. ער האָט איהם נאָר געפרעגט: „צו האָסטו געלערנט?" און ווען ער האָט געזאָגט „ניין", האָט ער שוין געהייסען ביי דעם רייכען תנא אַן „עם הארץ", וועלכער מעג שטאַרבען פון הונגער! און וועגען דעם האָט מען דיא אַרוואַזש־נאַסט צו זאָגען, אַז עס איז „פאַלש" צו טייטשען עם הארץ — ניט־געלערנטער!!!

געוויס האָבען זיי אָנגענומען, אַז אויב נאָר אַ'ן עם הארץ, איז ער שוין „מסתמא" אַלדאָס בייז. דאָס אָבער צייגט דאָך טאַקי, וואָס זיי האָבען געהאַלטען פון אַ פּראָסטען מענשען, אַ'ן אַרביי־טער.

און דאָס האַלטען זייערע גלויביגע, די פרומע בעלי בתים, פון די אַרבייטער ביז'ן היינטיגען טאָג. אַ שניידער־„יונג", אַ שוס־טער־„יונג", אַ בעקער־„יונג" איז ביי זיי אַלדאָס בייז. אַ סך זיי־נען דאָס טאַקי געווען — עבען ו ו י י ל די בעלי בתים האָבען זיי געהאַלטען פאַר אַזעלכע... מיר זעהען אָבער, אַז ווען דיא „שניידער־יונגען" און „שוסטער־יונגען" הויבען אויף דיא קעפּ און רייסען זיך אַוועק פון דיא רעליגיעזע „מאָראַל" פון די בעלי בתים און גייהען אַרוים אין קאַמפּף, קענען זיי זיין ד י א ע ד ע ל־ס ט ע א י ד ע א ל י ס ט ע ן פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט!

דיא ר ע ל י ג י אָ ן אָבער האָט דיא אַרבייטער געהאַלטען פאַר יונגאַטשעס און זיי דערמיט גופא טאַקי געמאַכט פאַר גאָר־נישטען!

דאָס איז זיכער ניט געווען קאָנסעקווענט דורכגעפיהרט דיא אַרבייטער־פריינדליכע און דעמאָקראַטישע בעגריפען און געזעצע, וועלכע זיינען ענטשטאַנען אין מאָמענטען פון קלאַסען־קעמפּפע! אין דיא תורה זיינען דיא גוטע געדאַנקען געבליעבען, אָבער אין לעבען — ניט. וואָרום? ווייל דיא מ אַ כ ט האָבען געהאַט דיא מיוחסים, און ניט דאָס „ניעדעריגע" פאָלק!...

און דאָ קומען מיר צום עיקר.

# VII

## אַרבייטער־געזעצע אין דער אידישער רעליגיאָן.

וויא מיר האָבען שוין גערעדט, איז אין תלמוד ניט דאָ קיין אַלגעמיינער גרונד־פּרינציפּ וועגען דיא רעכטע פון אַר־בייטער, אין זייערע פערהעלטניסע מיט דיא בעלי בתים — קיין גרונד־פּרינציפּ פיר אַרבייטערס שוץ און טובה, וואָס זאָל גילטען ביי אַלע פערהעלטניסע. עס זיינען דאָ פערשיעדענע געדאנקען און מיינונגען. און דער דין בלייבט ביי אַ טייל זאַכען גוט פאַר אַרבייטער, אין אַלגעמיינען אָבער — גוט פאַר דיא בעלי־בתים.

דער תלמוד איז צוזאַמענגעשטעלט פון דיא זאַגאַכטסען פון טויזענדער פערשיעדענע מענשען, אין פערלויף פון אַרום טויזענד יאָהר, אונטער פיעל פערשיעדענע אומשטענדען. דיא אינטערעסען פון דיא אָרימע און שוואַכע האָבען זעלטען געהאַט איינפלוס. דיא אינטערעסען פון דיא רייכע און מעכטיגע האָבען זיך זעהר אָפט דורכגעשלאָגען מיט גרויס מאַכט, — וויא מיר האָבען שוין גע־זעהען.

דאָ קומט מיר אויפ'ן געדאנקען נאָך אַ בעוויז דערצו:

איינע פון דיא טענות פון יעזוס'ן איז דאָך געווען, — פאַר וואָס דיא תנאים (דיא „פרושים“) האָבען דערלאָזט דיא געלד־מענ־שען האָבען איינפלוס אין זייער רעליגיאָן און אריינדרינגען אין כאַמע בית המקדש און מאַכען פון איהם אַ בערזע... אמת, צו זאָגען, וויא דיא פרום־קריסטליכע סאָציאַליסטען, אז דאָס איז גע־ווען „דער עיקר“, געגען וואָס יעזוס איז געקומען קעמפּפען, איז אַבסאָלוט פאַלש. זיין עיקר תורה איז געווען אַ פאַק פינסטערער פאַנאַטיזמוס און ניסים־מאַכעריי. זיין „תורה“ איז ניט קיין שום פערבעסערונג אין פערגלייך מיט דיא תורה פון דיא תנאים. זיין געשריי וועגען דיא מאַכט און איינפלוס פון דיא געלד־מענשען אין דער תורה פון דיא תנאים איז נאָר געווען אַ צופעלליגע נעבען־

זאַך אין זיינע דרשות. אָבער יעדענפאַלס צייגט דאָך דאָס, אַז עס איז געווען אויף וואָס צו שרייען — אַז די געלד־מאַכט האָט זיך אַריינגעריסען אין סאַמע בית המקדש און געמאַכט פון איהם אַ בערזע...

נו, ווילען אָבער „פּאַטריאָטען" דוקא איינרעדען, אַז עס איז יאָ דאָ אין תלמוד אַ גרונד־פּרינציפּ וועגען אַרבייטערס רעכטע. עס געפינט זיך נעמליך אין תלמוד אַ'ן אויסדרוק: „יד פּועל על העליונה", „די האַנד פון דעם אַרבייטער איז פון אויבען"; ער האָט „די אויבערהאַנד" איבער דעם בעל־הבית, הייסט עס. זאָגען די „פּאַטריאָטען", אַז אָט דאָס איז דער אַלגעמיינער גרונד־פּרינציפּ פון תלמוד וועגען אַרבייטערס רעכטע.

אָבער דערמיט נאַררען זיי אייך (אָדער זיך אויך) אונגעהייער! דען דאָס איז ניט געזאָגט אין תלמוד אַלס אַ כּלל פאַר אַ ל ל ע סכסוכים צווישען אַרבייטער און זייערע בעלי בתים. אַבסאָלוט ניט! דאָס בעציהט זיך בפירוש נאָר אויף איין איינציגען פּונקט.

דאָס איז נעמליך אין תלמוד געזאָגט וועגען דעם איינעם פאַל, ווען דער אַרבייטער האָט חרטה אין מיטען די אָנגענומענע אַרבייט און וויל ניט מעהר אַרבייטען, אָדער דער בעל הבית האָט חרטה און וויל ניט מעהר לאָזען אַרבייטען. די משנה זאָגט וועגען דעם, אַז דער וואָס האָט חרטה, דער האָט „די אונטערהאַנד" („כל החוזר בו ידו על התחתונה"). דאָס הייסט: אין פאַל דער אַרבייטער קריעגט חרטה און לייגט אַוועק די אַרבייט (סטרייקט), האָט ער „די אונטערהאַנד" און ער מוז ליידען דעם שאַדען. האָט דער בעל הבית חרטה, איז דער שאַדען זיינער. נעמליך: ווען דער אַרבייטער לאָזט שטיין די אַרבייט אין מיטען און דער בעל־הבית נעהמט אָן אַ'ן אַנדערען אַרבייטער צו ענדיגען די אַרבייט און דער אַנדערער אַרבייטער קאָסט איהם טייערער, קען ער דאָס, וואָס דער ניט־פאַרענדיגטער טייל אַרבייט קאָסט איהם יעצט טייערער, אַראָבנעהמען פון דעם ערשטען אַרבייטערס לוין. קריעגט דער בעל־הבית וויעדער יעצט אַרבייט ביל̈יגער, איז עס זיין גליק. האָט אָבער דער בעל־הבית חרטה געקראָגען, דאַן האָט ער „די אונטער־

IN MEMORY OF
MORRIS LOMANITZ
1888 — 1958



האנד״ : ווען עס איז דאָ צו פערליערען, איז עס זיין היזק, ווען צו געווינען, איז עס ניט זיין געווינס. אזוי זאָגט דיא משנה. אָט געגען דעם זאָגען דאָס אַנדערע, אין אַ ברייתא, אַז ניין, עס דאַרף ניט זיין, אַז ווער עס האָט חרטה, דער האָט „דיא אונטערהאנד״, נאָר דער אַרבייטער דאַרף אין דיעזען פאַל האָבען דיא אויבערהאַנד, אַפילו ווען ער האָט חרטה ; ווייל אַ׳ן אַרבייטער דאַרף קענען אַוועקלייגען דיא אַרבייט ; אַז ניט, ווען ער וואָלט געווען געצוואונגען צו בלייבען אָבאַרבייטען דיא פערדונגענע צייט, וואָלט דאָס געווען שקלאַפעריי. דאַרום, ווען דער אַרבייטער האָט אָבגעטהאָן אַ האַלבע אַרבייט און ער וויל ניט מעהר אַרבייטען, קומט איהם פאַר זיין האלבע אַרבייט אַ העלפט פון דעם אָבגעמאכטען פּרייז, אַפילו ווען צו ענדיגען דיא אַרבייט מוז יעצט דער בעל־הבית בעצאָהלען טייערער.

פערשטייט זשע גוט : דעם אויסדרוק „דער אַרבייטער האָט דיא אויבערהאנד״ (יד פּועל על העליונה) געברויכט דיא גמרא ביי דעם איינעם פאַל, זאָגענדיג דערמיט, אַז דיא רבנים פון דיא ברייתא האַלטען ניט וויא דיא משנה, וועלכע זאָגט, אַז אַלץ איינס וועלכער צד עס האָט חרטה, האָט דער צד דיא אונטערהאנד (כל החוזר ידו על התחתונה). אַז נאָך זייער מיינונג האָט ביי דעם פאַל דער אַרבייטער דיא אויבערהאנד, ער מעג חרטה האָבען.

דיא שפּעטערע רבנים (רב) פּסקענען אין דיעזען פּונקט וויא דיא ברייתא. אָבער אז דאָס איז ניט קיין „גרונד־פּרינציפּ״ פיר אַללע סכסוכים צווישען בעל־הבית און אַרבייטער, קען מען זעהען דערפון, וואָס באַלד ביי דיעזען פאַל גופא איז שוין דאָ, אין דיזעלבע ברייתא, אַ׳ן אַנדערער דין צום גרויסען שאַדען פון דעם אַרבייטער ! נעמליך, עס שטייט דאָרטען, אַז ווען דאָס איז אַזאַ סאָרט אַרבייט, ביי וועלכע דער בעל הבית האָט שאַדען דורך דעם וואָס דער אַרבייטער לייגט אַוועק דיא אַרבייט אין מיטען, מעג דער בעל הבית אַפילו מיט אַ שווינדעל (אַזוי שטייט בפירוש — „מטען״) אַרויסקריגען זיין שאַדען פון דיא אַרבייטער : ער מעג זיי כלומרשט נאָכגעבען וואָס זיי פאָדערן

מיט זייער סטרייק און צו־זאָגען מעהר פאר ענדיגען דיא ארבייט און נאָכדעם דאָך ניט בעצאָהלען זיי מעהר וויא דעם ערשטען מאָל אָבגעמאכט; אָדער, ווען ער קען ביי זיי ארויסקריעגען זיין שאדען — למשל ווען זיי קומט ביי איהם געלד — מעג ער דינגען אַנדערע ארבייטער פאר וועד־וויסט־וויא טייער (אויב ביליגער קען ער ניט קריעגען), צו ענדיגען דיא שוין־געלאָזענע ארבייט, און וואָס עס קאָסט איהם טייערער, מעג ער זיך אָבנעהמען פון יענע ארבייטער, פון דיא „סטרייקערס", „אפילו ביז פירציג און פופציג גילדען". אָט אזוי איז בפירוש דער דין, שוין אין דיזעלבע ברייתא. לויט וועלכער אין דעם איינעם פאַל פון חרטה קריעגען (ביי אנדערע ארבייט) האָט דער ארבייטער „דיא אויבערהאַנד" ! (זעה דאָס אַלעס ב"מ ע"ו און ווייטער.)

זעהט איהר וויא מען נאַררט אייך אָב, ווען מען דערציילט אייך, אז עס איז „אַ גרונד־פּרינציפּ" אין תלמוד, אז דער אַרביי־טער האָט דיא אויבערהאנד — וואָס איהר קענט מיינען, אז דאָס איז ביי אלע סכסוכים צווישען ארבייטער און בעל הבית !

און נאָך אַ זאַך : ביי דעם איינעם פּונקט זאָגט דיא ברייתא, אז דער ארבייטער האָט דיא אויבערהאנד. מיר האָ־בען געזעהען, אז דיא משנה אָבער זאָגט, אז ניין, אויב דער אר־בייטער סטרייקט, ביי יעדע ארבייט, האָט ער דיא אונטער־האנד אין דעם פאַל אויך. נו, וואו עס פּאַסט דיא פּאטריאָטען צום „רומעל", זאָגען זיי, אז דער עיקר גייסט און פּרינציפּ פון תלמוד דריקט זיך אוים נאָר אין דער משנה ; וואָס אין אַ ברייתא שטייט, איז כלומרשט נאָר אַ פּריוואט־מיינונג. דאָ אָבער לוינט זיך זיי פּאָרצושטעלען דיא מיינונג פון דער ברייתא אַלס כלומרשט דער „גרונד־פּרינציפּ" פון תלמוד, כאָטש דאָס איז פּונקט פערקעהרט פון דיא משנה !

סיי ווי סיי : אַ וואָרט, וואָס בעציהט זיך אויף איין בע־שרענקטען פאַל, מאַכען זיי פאר כלומרשט אַ „גרונד־פּרינציפּ" פיר אַלע אנגעלעגענהייטען צווישען ארבייטער און בעל הבית ! —

דער אמת איז, אז אין אלגעמיינען האָט דער תלמוד

געעפענט טירעלעך פאַר דיא בעל־הבתים, אַז זיי זאָלען זיך קענען אַרויסדרעהען אפילו פון דיא בעסטע אַרבייטער־געזעצע, וואָס זיינען אין געוויסע מאָמענטען ענטשטאַנען.

דאָס ווילען מיר יעצט בעווייזען.

א) וועגען צאָהלען לוין דעם זעלבען טאָג.

דאָס האַרציגסטע געזעץ וועגען אַרבייטער איז אָט דער געזעץ פון „תורת משה“:

„דו זאָלסט ניט רויבען דעם לוין פון דעם אָריממאַן און דעם אביון פון דיינע ברידער אָדער פון דעם פרעמדען וואָס וואוינט אין דיין לאַנד. אין דעם אייגענעם טאָג זאָלסט דו איהם בעצאָהלען זיין לוין און דיא זונן זאָל ניט פריהער אונטערגיין, דען ער איז אַ'ן אָריממאַן און אָן דעם לוין הייגגט אָב זיין לעבען. זאָל ער ניט האָבען צו קלאָגען אויף דיר פאַר גאָט און אויף דיר וועט זיין אַ זינד“ (דברים כ"ד.)

און נאָך אויף אַ'ן אָרט אין תורת משה שטייט:

„דו זאָלסט ניט לאָזען איבערנעכטיגען דעם לוין פון דעם געדונגענעם אַרבייטער מיט דיר ביז אין דער פריה“. (ויקרא י"ט.)

קומט אָבער דיא גמרא און פסק'ענט וועגען דעם אָט אַזוי:

„ווען איינער שיקט אַ'ן אַנדערן צו דינגען אַרבייטער פאַר איהם, האָבען ביידע קיין זינד ניט אויף זיך, ווען מען בעצאָהלט דעם אַרבייטער ניט דעמזעלבען טאָג, ווייל דער האָט איהם ניט געדונגען און יענער האָט איהם ניט בעשעפטיגט“. (ב"מ קי"א.)

דער פּסוק גילט נאָר דאַן, זאָגען זיי, ווען דער וואָס דינגט דעם אַרבייטער דאַרף איהם אַליין בעצאָהלען. ווען געדונגען האָט איהם איינער און בעצאָהלען דאַרף איהם אַ'ן אַנדערער, מעג מען אָבהאַלטען דעם לוין וויא לאַנג מען וויל.

עס פערשטייט זיך, אַז לויט דעם צוועק פון דעם געזעץ — גערעכטיגקייט פאַר דעם אָרימען אַרבייטער — איז קיין שום אונטערשיעד ניט, צו דער בעל הבית האָט איהם אַליין געדונגען, צו אַ'ן אַנדערער. אָבער דאָס איז דאָך ר ע ל י ג י אָ ן, דאַרף מען נאָר יוצא זיין לויט דעם וואָרט!

און אַזוי האָבען געטהאָן די רבנים פון דער גמרא אַליין.

דיא גמרא אַליין דערציילט פאַקטען, אַז אַזוי האָבען געטהאָן

דיא הייליגע בעלי־גמרא: ר׳ יהודה בר מרימר פלעגט שיקען זיין דיענער דינגען ארבייטער און הייסען איהם זאָגען, אז דער בעל הבית וועט זיי בעצאָהלען, — כדי אז ער זאָל מעגען ניט האַלטען דעם פסוק, צו בעצאָהלען זיי דעם זעלבען טאָג. און דיא צוויי רבנים מרימר און מר זוטרא האָבען אָבגעמאַכט צווישען זיך, אז ווען מרימר דאַרף אָננעהמען ארבייטער, זאָל מר זוטרא זיי דינגען פאַר איהם און ווען מר זוטרא וועט דאַרפען ארבייטער, זאָל מרימר זיי דינגען פון זיינעט וועגען, כדי זיי זאָלען אימער זיין פריי פון דעם געזעץ, צו מוזען בעצאָהלען דעם לוין דעמזעלבען טאָג!

אזוי האָבען זיי זיך ארויסגעדרייט פון דעם גוטען געזעץ און געמאַכט דערפון גאָר ניט!

דאָס איז איינער פון דיא בעווייזע, וויא געזעצע, וואָס זיינען רעליגיאָן, האָבען נאָך וועניגער ממשות, וויא וועלטליכע געזעצע, אָהן א׳ן אינטערעסירטע מאַכט הינטער זיי. ביי רעליגיאָן, — וויא אויבען גערעדט, — פיהלט מען, אז מען איז יוצא, ווען מען האַלט זיך ביי דעם בוכשטאַב, ביי דעם וואָרט פון געזעץ. דאָס וואָרט פון דיעזען געזעץ זאָגט, האַלט ניט אויף דעם לוין פון „דיין" ארבייטער, — לאָזט דער רבי א׳ן אַנדערען דינגען דעם ארבייטער און האָט זיך א תירוץ: איך האָב איהם ניט געדונגען, איז ער ניט „מיין" ארבייטער... דאָס קען נאַטירליך יעדער טהון — און אוים גאָלדענער געזעץ פאַר ארבייטער!

און נאָך א זאַך: אזוי וויא עם שטייט: „דו זאָלסט ניט אויפהאַלטען דעם לוין פון דיא ארבייטער ביז אין דער פריה", דרש׳ענט דיא גמרא, אז אויף דיעזען פסוק איז מען נאָר עובר ביז צו מאָרגענס אין דער פריה. האָט מען אָבער שוין איינמאָל ביז דעם ערשטען אין דער פריה ניט בעצאָהלט, איז עס שוין ניט מעהר געגען דיעזען געזעץ אויפצוהאַלטען, דעם לוין נאָך ווייטער! ביז אין דער פריה ניט, אָבער לענגער יאָ!

דאָך זאָגט דיא גמרא, אז מען זינדיגט דערמיט געגען א מוסר־פסוק פון משלי. אָבער דאַן קען מען שוין ניט צווינגען קיינעם צו האַלטען דאָס. קיין מלקות קומט שוין ניט פאַר ניט

האלטען. סיי ווי סיי צייגט דאָס ווידער וויא זיי טײַטשען א גוטען געזעץ ניט נאָך זיין צוועק, נאָר נאָך דעם וואָרט. עס שטייט „ביז אין דער פריה“; נאָכ'ן זין און נאָך דעם צוועק איז דאָך וואָס לענגער אַלץ ערגער. אָבער נאָכ'ן וואָרט איז „ביז אין דער פריה“ — ניט, אָבער לענגער יאָ!

און ווייטער זאָגט דיא גמרא, אז אין יאריד־צייט איז מען ניט עובר אויף דעם פסוק, ווען מען בעצאָהלט דיא ארבייטער ניט דעם זעלבען טאָג; ווייל דיא ארבייטער ווייסען, אז ביי דעם יאַריד צאָהלט מען ניט דעמזעלבען טאָג, הייסט עס, אז זיי בעשטייהען דארויף ווען זיי נעהמען אָן דיא ארבייט. און דאָס איז א כלל, אז ווען נאָר דיא ארבייטער בעשטייהען מוחל צו זיין דיא גוטע געזעצע פאַר זייער טובה, גילטען שוין דיא גוטע געזעצע ניט — וויא מיר וועלען ווייטער רעדען. מיר וועלען דאַן זעהען, אז אזוי וויא ארבייטער זיינען אימער געצוואונגען צו בעשטיין אויף אַלצדינג, לאָזט זיך אויס גאָר ניט פון אלע גוטע געזעצע! עס דארף נאָר זיין דער מנהג, אז קיינער צאָהלט ניט דעם לוין דעמזעלבען טאָג, הייסט דאָס שוין, אז דיא ארבייטער ווייסען דאָס פריהער און „בעשטייהען דערויף“, איז שוין רעכט!

ווייטער איז דער דין, אז ווען דער ארבייטער מאָהנט ניט זיין לוין דעמזעלבען טאָג, זינדיגט דער בעל הבית שוין אין גאַנצען ניט געגען דעם פסוק ווען ער האלט אויף דעם לוין איבער נאַכט.

און אויך איז א בפרוש'ער דין אין דיא משנה, אז אויב דער בעל הבית האָט דעם ארבייטער געגעבען א'ן אַנווייזונג, ער זאָל נעהמען אויף זיין חשבון לעבענסמיטלען ביי א קרעמער, איז שוין דער בעל הבית פריי און מוז שוין ניט צאָהלען דעמזעלבען טאָג.

עס פערשטייט זיך, אז ווען דיא רבנים וואָלטען געמיינט אימער קאָנזעקוועגט און פּרינציפּיעל צו בעשיצען דיא ארבייטערס טובה, וואָלטען זיי ניט געעפענט אזוי פיעל טירעלעך פאַר דעם בעל הבית זיך ארויסצודרייהען פון דיעזען גוטען ארבייטער געזעץ פון תורת משה.

זיי האָבען אָבער אויך ניט געמיינט פּרינציפּיעל צו העלפען דעם בעל הבית צו קענען בעסער אויסזויגען דיא ארבייטער.

חלילה! זיי האָבען איבערהויפּט ניט געזוכט דאָ קיין סאָציאַלע פּרינציפּען און קיין פּרינציפּיעלע קאָנזעקווענץ. ניט בעוואוסט־זיניג! ביי זיי איז דאָס געווען רעליגיאָן און זיי פּסק'ענען דיא אַלע דינים לויט זייערע אייגענטהימליכע רעליגיעזע דרשות אין דיא ווערטער פון פריהעריגע הייליגע.

אָט איז איין ביישפּיעל, וויא זייערע טעמים, פאר וואָס זיי פּסק'ענען אַזוי אָדער אַזוי, זיינען ניט קיין פּרינציפּיעלע, לויט יושר און מענשליכקייט, נאָר לויט זייער פּשט אין ווערטער: מיר וועלען נעהמען דעם ביישפּיעל אָט טאַקי פון דיעזען אָרט, וואו עס שטייט וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, — אז ווען דער בעל הבית גיט דעם אַרבייטער א'ן אָנווייזונג צו א קרעמער אויף לעבענסמיט־לען, איז ער — דער בעל הבית — שוין ניט מעהר עובר אויף דעם פּסוק, וואָס זאָגט, אז מען זאָל ניט פערהאַלטען אַרבייטער'ס שכירות איבער נאַכט.

דאָס שטייט אין דיא משנה. אויף דעם פרעגט די גמרא א שאלה: וויא איז, אז דער קרעמער וויל דעם אַרבייטער ניט גע־בען וואָס דער בעל הבית האָט איהם געהייסען, צו קען דער אַר־בייטער צוריקגיין צום בעל הבית זיך מאָהנען זיין שכירות, צו ניט? זאָגט ר' ששת, ער קען ניט צוריקגיין; רבה זאָגט, ער קען יאָ צוריקגיין.

און דאָ גיט יעדער פון זיי זיינע טעמים. וואָסזשע זיינען דאָס פאַר טעמים? צו טענה'ט רבה, סטייטש, מיט וועלכען יושר זאָל דער אַרבייטער פערליערען זיין אַרבייטסלוין? אָדער ענט־פערט ר' ששת, אז דער אַרבייטער האָט אָנגענומען דיא אָנוויי־זונג און דערמיט האָט דער בעל הבית יוצא געווען? ניין! ניט מיט אַזעלכע טענות דיסקוטירען זיי דאָ. נאָר וואָס דען? אָט הערט:

„זאָגט רבה, פון וואַנען ווייס איך דאָס? פון דעם וואָס דיא משנה זאָגט, אז ווען דער בעל הבית גיט דעם אַרבייטער א'ן אָנווייזונג צו א קרעמער, איז דער בעל הבית שוין ניט עובר אויף ניט איבערנעכטיגען דיא שכירות: הייסט דאָך דאָס, אז עובר אויף דעם איז ער ניט, אָבער בעצאָה־

לען די שכירות מוז ער יאָ. ענטפערט אָבער ר׳ ששת, ניין, ד י א מ ש נ ה מ י י נ ט, אז ער איז ניט עובר אויף דעם פסוק טאקי דארום, ווייל ער דארף שוין דעם ארבייטער דאן איבערהויפט גאָר ניט בעצאָהלען״. (ב״מ קי״ב.)

דאָ איז דייטליך, אז זיי דריידלען זיך בלויז וועגען פשט אין דיא ו ו ע ר ט ע ר פון דיא משנה, ניט וועגען יושר און ניט וועגען סאָציאַלע פרינציפען. און דאָס איז נאָר איין ביישפיעל פון הונדערטער אזעלכע ויכוחים אין תלמוד.

און ווייטער איז דער דין, אז ווען איינער גיט א׳ן ארבייטער שטאָף צו מאכען עפּעס דערפון, אָדער צו פערריכטען, איז ער ניט עובר אויף דעם פערבאָט פון ניט איבערנעכטיגען דיא שכירות, „אפילו צעהן נעכט ניט״, אזוי לאַנג וויא ער נעהמט דיא זאך ניט אָב. וואָס איז דער „טעם״? אָט אזא מין דריידעל: דער בעל מלאכה ווערט כלומרשט דער „אייגענטהימער״ פון דער זאך וואָס ער האָט מיט זיין ארבייט אויסגעבעסערט. (ווען דער בעל הבית נעהמט דאָס אָב און בעצאָהלט איהם, הייסט עס, אז ער קויפט דיא זאך צוריק, כלומרשט). אלזאָ, הייסט דאָס כלומרשט גיט, אז דער בעל הבית איז שולדיג דעם ארבייטער שכירות, און דארום גילט דאָ ניט דער גוטער פסוק וועגען בעצאָהלען דעם אר־בייטערס לוין דעמזעלבען טאָג!

יעדע איינע פון דיעזע טירעלעך, וואָס דער תלמוד עפענט פאַר דעם בעל הבית איז געגוג, אז דער בעל הבית זאָל זיך דורך דעם קענען פון דעם איידעלען פסוק ארויסדרייהען.

און דאָס איז שוין אפילו ביי אזא פסוק, וואו עס איז דייט־ליך אָנגעגעבען דער מענשען־פריינדליכער טעם. עס שטייט דאָך בפרוש: „דען ער איז א׳ן אָרימאַן און אָן דעם לוין הייננט אָב זיין לעבען״. דייטליך גענוג! און ביי דיא אלע אויסגערעכענ־טע פעלע, וואו דער תלמוד זאָגט, אז עס איז כשר ניט צו האַלטען דעם פסוק, בלייבט דאָך אלץ דערזעלבער רחמנות אויף דעם אר־בייטער, בלייבט דאָך אלץ זיין לעבען הייננען אָן דעם ארבייטס־לוין. וואָס איז ער געהאָלפען, ווען געדונגען האָט איהם ניט דער בעל הבית אליין, נאָר זיינער א שליח אָדער א פריינד? און וואָס

איז דער אַרבייטער געהאָלפען, ווען די געמאַכטע זאַך ליעגט ביי איהם און דער בעל הבית נעהמט זיא ניט אָב ? א. ז. וו. אָבער עס איז געטליכע ר ע ל י ג י אָ ן, ניט קיין מענשליכע סאָציאַ־ לע פּרינציפּען, און מיט רעליגיאָן דריידעלט מען, ווען עס לוינט זיך...

**ב) פּעאָנאַזש (מאַסקירטע שקלאַפעריי) אין תלמוד.**

וועגען פערקויפטע שקלאַפעריי רעדען מיר דאָ ניט. דאָ האַנ־ דעלט זיך וועגען אַרבייטער. וועגען שקלאַפעריי ביי אידען האָב איך אַמאָל געשריעבען אין דיא „צוקונפט" (1902, זייטע 538). דאָרטען האָב איך געצייגט (לויט צדק כהן) דיא מענשען־פריינד־ ליכע געדאַנקען פון דיא גמרא וועגען שקלאַפען. (דאָס איז אויך נאָר איין זייט, און עס איז דאָ אַ'ן אַנדערע). נאָר וואו מען רעדט וועגען אַ ר ב י י ט ע ר לויט דעם אידישען דין, איז דאָך ניט קיין רייד וועגען געזעצליכע שקלאַפען.

אידישע שקלאַפעריי האָט דער תלמוד ערקלערט אָבגעשאַפט. (דאָס שטייט ב י ט אין מסכת עבדים, נאָר אין ערכין כ"ט, קדושין ס"ט און אַנדערע ערטער). דאָך האָבען זיי געפונען אַ מיטעל צו בענוצען אידישע אַרבייטער אַזוי וויא שקלאַפען.

אָט וואָס דיא גמרא דערציילט (ב"מ ע"ג):

„אין בבל זיינען געווען רבנים, וועלכע פלעגען מאַכען אָט אַזאַ קונץ, צו קריגען אידישע אַרבייטער פאַר שקלאַפען, אַז זיי זאָלען מעגען מיט זיי טהאָן וואָס זיי ווילען: דאָרטען איז געווען אַ געזעץ פון דיא גוי'אישע רעגיערונג, אַז יעדער איד האָט געמוזט צאָהלען צום מלך (דעם גוי'אישען) קאָפּ־שטייער (פּער קאַפּיטאַ טעקס). האָבען רבנים אויפגעזוכט אידען, וואָס האָבען דיעזען פּאָדאַטעק ניט בעצאָהלט, און האָבען פאַר זיי בעצאָהלט „אַ גיל־ דען" (זוזי). דערפאַר האָבען דיא רבנים געקראָגען פון „גוי'איש־ קע הענד" דאָס רעכט צו האַלטען אַזעלכע אידען פאַר זייערע שקלאַ־ פען. זאָגט דיא גמרא בפרוש, אַז דיא רבנים פלעגען מיט דיעזע אידישע שקלאַפען אַרבייטען זעהר שווער. („ומשעבדי בהו טפי"), און אַז דיא דאָזיגע רבנים האָבען דערמיט גאַנץ ריכטיג געהאַנ־ דעלט, ווייל דיא אידען, וואָס צאָהלען ניט קיין קאָפּ־שטייער, זייי־

נען, לויט דעם דין פון מלכות, שקלאַפּען צום מלך, און „דינא דמלכותא דינא" — דאָס געזעץ פון מלכות גילט פאַר דיא אידישע רעליגיאָן אויך אַלס דין. „און דער קעניג זאָגט, ווער עס צאָהלט ניט קיין קאָפּ־שטייער זאָל זיין אַ שקלאַף צו דעם וואָס צאָהלט". דארום זיינען אַזעלכע אידען דאָס כשר'ע אייגענטהום פון דיא רבנים און זיי האָבען אַ רעכט מיט זיי צו ארבייטען און זיי ניט צו בעצאָהלען.
אָט אזוי ערקלערט די גמרא !

* * *

ביי דיעזען פּונקט — און אויך ביי איינינגע וויטערע פּונקטען — וועל איך צייגען דעם לעזער אַביישפּיעל, וויא דיא פּאַטריאָטען, דיא אתה־בחרתנו'ניקעס, קריכען אויף גלייכע וועגד, פערמומלען דיא קעפּ זיך און אַנדערע, אום צו וואַרפען בלבולים אויף דיא, וואָס זאָגען אוים דעם אמת וועגען אַזעלכע זאַכען. דאָס איז וויכטיג דאָ צו דערמאָנען, ווייל עס כאַראַקטעריזירט „דעם אַנדערן צד", דעם „פּאַטריאָטישען" צד ; עס צייגט, מיט וועלכע מיטלען דער אידישער פּאַטריאָט „געפינט" כלומרשט ב ל ו י ז דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע אין דער אידישער רעליגיאָן !

די דאָזיגע שטיקעל גמרא האָב איך דערמאָנט אין אַ'ן ארטיקעל אין „פּאָרווערטס". דערפאַר איז דער פּאַטריאָטישער גרימצאָרן אָנגעפּאַלען אויף מיר שרעקליך : סטייטש, איך בין וויא „פּראַנייטים", איך לערן כלומרשט פאַלשען פּשט אין דיא גמרא, כדי „אָנצוזאַלצען אידישקייט" ! וואָס איז ? די דאָזיגע אידישע שקלאַפען האָבען גאָר ניט געהאַט דעם „דין פון שקלאַפען". פאַר אַ בעווייז דערצו ברייננגט מען אַ'ן אַנדער גמרא (יבמות), וואו עס ווערט דערציילט פון פּונקט אַזאַ מענשען־מסחר, נאָר מיט גוים, און דאָרטען שטייט בפרוש, אַז זיי האָבען ניט אין גאַנצען דעם דין פון שקלאַפען.

ווייטער טענה'ט מען געגען מיר, אַז ביי דיא דאָזיגע שטיקעל גמרא, וואָס איך ברייננג דאָ, האַנדעלט עס זיך כלומרשט ניט וועגען מאַכען דיא דאָזיגע אידען פאַר שקלאַפען, נאָר וועגען פּראָצענטנעהמען : דאָס געלד, וואָס דיא רבנים האָבען בעצאָהלט פאַר דיא דאָזיגע אידען שטייער, האָבען זיי בעטראַכט פאַר אַ חוב, און וואָס

זיי האָבען געאַרבייט מיט זיי — האָבען זיי בעטראַכט פאַר פּראָ־צענט פון דעם חוב („אַ באָנוס“...).

עס וואָלט ניט כדאי געווען צו ענטפערן אויף דעם, דען צו דעם, וואָס איך וויל דאָ ארויסברייננגען, איז אַבסאָלוט קיין שום אונטערשיעד ניט, צו איז דאָס געווען „על פי דין“ שקלאַפעריי, צו ניט; דען איך האָב דאָס גאָר ניט אָנגעהויבען צו ברייננגען וועגען דעם, צו ווייזען, אַז עס איז געווען פאַלשטענדיג יורידיש שקלאַפעריי! אָבער דער לעזער וועט פשוט הנאה האָבען, ווען ער וועט הערען וואָס דאָ איז. ער וועט זעהען, וויא מיינע „פּאַטריאָטישע“ אָנגרייפער זיינען אריינגעפאַלען מיט עס הארצות אויף אַ קאָמישען אופן. נעמליך:

אויב אין די דאָזיגע שטיקעל גמרא איז די רייד וועגען אַ חוב מיט פּראָצענט (דאָס איז דער פשט פון איין ראב"ד), דאַן וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אַ קשיא, וויא־זשע טאָרען „תנאים“ נעה־מען פּראָצענט? איז דער תירוץ: לויט דיעזען פשט פרענט דאָס די גמרא דאָרטען טאַקי; און וועגען דעם ענטפערט זיא דאָס: עס איז ניט קיין פּראָצענט, ווייל די אידען, וואָס פאַר זיי האָבען די רבנים בעצאָהלט זייער קאָפּ־שטייער, זיינען דערמיט געוואָרען זייער איינענטהום, דארום איז דאָס, וואָס זיי האָבען מיט זיי געאַרבייט, ניט קיין פּראָצענט, נאָר שקלאַפעריי, און שקלאַפעריי איז כשר!

אַלזאָ, גראַדע ווען די רייד איז דאָרט וועגען פּראָ־צענט, איז דאָס ערשט רעכט אַ בעוויז, אַז דאָס איז ערקלערט געוואָרען כשר, ווייל עס איז שקלאַפעריי!!!

וואָס זאָגט מען עפּעס צו אַזאַ אריינפאַל פון מיינע „פּאַט־ריאָטען“?! — — —

אָבער די גאַנצע צוטשעפּעניש איז איבערהויפּט ניט מעהר וויא געשיט זאַמד אין די אויגען פון ניט־תלמודיסטען. דען, וויא געזאָגט, עס האָט מיר גאָר ניט אָנגעהויבען איינצופאַלען, ברייננגענדיג די דאָזיגע שטיקעל גמרא, צו בעווייזען דערמיט, אַז עס איז דוקא געווען אַ יורידישע שקלאַפעריי, אין

י ע ד ע ן פּונקט. איך ברייננ דאָס אויסדריקליך אין פערבינ־דונג מיט דיא דינים וועגען אַ ר ב י י ט ע ר — ניט וועגען שקלאַ־פען — און נאָר אַלס איינעם פון דיא פאַקטען פון דער גמרא, וואָס פרומע ארבייטער־אויסזויגער קענען בענוצען פאַר ז י י ע ר ע ן אַ שולחן ערוך. אין דעם ענדערעט נאַטירליך גאָר ניט דאָס, וואָס י ו ר י ס ט י ש הייסט דאָס ניט קיין שקלאַפעריי. דאָס איז נאָר ווידער אַזאַ דריידעל פון פרומע ארבייטער־שינדער, צו מאַכען זייער רויבעריי כשר נאָכ'ן וואָרט, נאָכ'ן בוכשטאַב.

דאָס איז גאַנץ גענוי דאָסזעלבע וואָס „פּעאָנאַזש" („פּיאָ־ניידזש") אין אַמעריקאַ. שקלאַפעריי איז פערבאָטען, מאַכט מען אַ שווינדעל און מען ארעסטירט שוואַרצע מענשען כלומרשט פאַר איבערטרעטען געזעצע און דערנאָך דינגט מען זיי אָב ביי דער רע־גיערונג צו ארבייטען מיט זיי. שקלאַפעריי אין געזעצליכען זין איז דאָס ניט, אָבער פאַקטיש איז דאָס פאָלשטענדיגע שקלאַפעריי, דען דיא אונגליקליכע קענען ערשטענס ניט אַוועקוואַרפען דיא אַר־בייט און גיין פריי און צווייטענס זיינען זיי ג ע צ וו אונ ג ע ן צו ארבייטען און זיי קריגען פאַר זייער ארבייט ניט בעצאָהלט. דיא צוויי פּונקטען זיינען נאַטירליך ד ע ר ע י ק ר פון שקלאַ־פעריי. אָבער שאַט ניט, אַבי אין „געזעצליכען זין" איז עס „ניט" קיין שקלאַפעריי! יעדער עהרליכער מענש אין אַמעריקאַ שרייט אָבער געוואַלט, אַז דאָס איז מאַסקירטע שקלאַפעריי!

אין מעקסיקאָ, פון וואַנען דאָס וואָרט „פּעאָנאַזש", „פּעאָנס", שטאַמט, זיינען דיא „פּעאָנס" געמאַכט פאַר שקלאַפען טאַקי דורך „אַ חוב", וואָס מען מאַכט זיי שולדיג זיין. אין יוקאַטאַן זיינען דאָ הונדערט־טויזענדער אַזעלכע חוב־שקלאַפען, וואָס ארבייטען אויף דיא באַמוועל פעלדער. געזעצליך זיינען זיי אויך דאָרט כלומרשט „נישט קיין שקלאַפען", אָבער אין דער ווירקליכקייט טאָרען זיי ניט אַנטלויפען. ווען זיי לויפען אַוועק, כאַפּט מען זיי, כלומרשט פאַר דעם חוב, וואָס זיי זיינען שולדיג דעם בעל הבית. און עס איז שוין אַזוי געמאַכט, אַז דעם חוב קענען זיי קיינמאָל ניט בעצ־אָהלען. (זעה „באַרבאַרישעס מעקסיקאָ", פון דזשאָהן קעננעטה טוירנער.) און גענוי דאָסזעלבע איז געוועזען מיט יענע „ניט־שקלאַ־פען" אין דיא גמרא.

אויב דיעזע „ניט־שקלאַפּישע" שקלאַפּען האָבען זיך געקענט צו יעדע צייט אויסקויפען פון דיא רבנים, בעצאָהלענדיג דעם „חוב", האָט זיי דאָס אודאי א סך געהאָלפען ! פון וואַנען האָבען זיי געהאַט צו בעצאָהלען ? אויסקויפען האָט זיך „געקענט" א יוריס־טישער שקלאַף אויך : ער האָט „געקענט" בעצאָהלען דעם פּרייז פון א שקלאַף. ער האָט זיך דאָך אַליין „געקענט" קויפען אַזוי גוט ווי אַ'ן אַנדערער האָט איהם געקענט קויפען. עס האָט איהם „בלויז" געפעהלט צו האָבען דעם פּרייז. און דאָס איז איהם קיינ־מאָל ניט מעגליך געווען. דען ער האָט פאַר זיין אַרבייט ניט גע־קראָגען בעצאָהלט. נו, גאַנץ גענוי דאָסזעלבע איז געווען מיט דיא דאָזיגע ניט־יוריסטישע שקלאַפען, די תלמודישע „פּעאָנס" פון דיא רבנים.

דאָס איז דיא מיינונג פון איין ראב"ד, אז דאָ האָט זיך נאָר געהאַנדעלט וועגען אָבאַרבייטען דעם חוב (פון דיא קאָפּ־שטייער) מיט פּראָצענט. און אפילו ער זאָגט אויסדריקליך, אז דערוויל האָט דער, וואָס בעצאָהלט שטייער פאַר אַ אידען, דאָס רעכט איהם צו בענוצען פ א ר א ש ק ל א ף ביז דער שקלאַף צאָהלט צוריק. (דאית ליה רשות לזבוני להו כ ע ב ד י עד דפרעי).

נאָך דיא מיינונג אָבער פון אַזא ערהאַבענעם תלמודיסט וויא דער רמב"ם, האַנדעלט זיך דאָ נ י ט וועגען אָבאַרבייטען דעם חוב מיט פּראָצענט, נאָר טאַקי אז ער בלייבט צו איהם פערקויפט און „ער מעג מיט איהם אַרבייטען זעהר שטאַרק" (יותר מדאי). נאָר מענשען־פריינדליך לייגט צו דער רמב"ם : „אָבער ניט וויא מיט א שקלאַף". און דאָך זאָגט ער ווייטער : „אויב ער פיהרט זיך ניט אויף וויא געהעריג, מעג מען מיט איהם אַרבייטען ו ו י א מ י ט א ש ק ל א ף"... וואָס עס הייסט „ער פיהרט זיך ניט אויף וויא געהעריג", דאָס ווענדעט זיך נאַטירליך אין דיא מיי־נונג פון דעם רבנישען בעל־הבית...

אז דאָ האַנדעלט זיך נ י ט וועגען אָבאַרבייטען פאַר דעם חוב מיט פּראָצענט, נאָר אז דער איד איז פ ע ר ק ו י פ ט צו דיא רבנים וואָס בעצאָהלען זיין שטייער — דאָס איז דיא מיינונג ניט בלויז פון רמב"ם, נאָר פון אַלע מפרשים ארום איהם. און רש"י

זאָגט אויך, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען א ח ת י מ ה פ ו ן ש ק ל א פ ע ר י י (חותם עבדות) און אז די אידען זיינען ש ק ל אַ־פ ע ן ביי'ם קעניג (והרי כולם ע ב ד י ם) און אז דיעזעס רעכט, צו האַלטען זיי פאַר ש ק ל א פ ע ן, גייט דאָס איבער צו דיא רבנים, וואָס בעצאָהלען פאַר זיי. אַלזאָ דורכאויס טאָקי ש ק ל אַ־פ ע ר י י, צו מיט אַלע דינים פון שקלאַפעריי צו ניט.

איך ווידערהאָל: פאַר מיין אויפגאַבע דאָ, איז עס אבסאָלוט ניט דער מינדעסטער אונטערשיעד, צו הייסט עס יוריסטיש שקלאַ־פעריי מיט אַלע שקלאַפען־דינים. סיי וויא סיי איז דאָס דאָך גע־ווים א דין, וואָס פאַסט פאַר דיא אינטערעסען פון אויסזויגער פון ארבייטער. און נאָר אין דעם גייט עס מיר. מען וויל דאָס נאָר אָבנאַררען זיך און אַנדערע און איינרעדען, אז אויב דאָ האנדעלט זיך „נאָר" וועגען אָבאַרבייטען דעם חוב מיט פּראָצענט איז דאָס כלומרשט ניט קיין בעוויז פאַר מיר. נאָר ווען אפילו דאָס וואָלט געווען אזוי, — האָב איך דען ניט דאָס רעכט צו לערנען דעם פשט וויא דער רמב"ם און אַלע זיינע מפרשים און רש"י? בין איך א פּראַנייטיס, ווען איך נעהם אָן דעם רמב"ם'ס און רש"י'ס פשט? זיינען זיי אבי ווער אין דער תלמודישער וועלט? זיינען ז י י פּראַנייטיסעם?

## ג) אַ חכשר אויף שקלאַפעריי.

איבריגענס, באַלד נאָך דעם שטיקעל גמרא קומט דאָס פאָל־גענדע:

„ר' סעורם, דער ברודער פון רבא (א גרויסער און מעכטיגער „תנא") פלעגט פאַנגען אידען, וואָס האָבען זיך ניט גוט געפיהרט און פלעגט זיי ברייננען צו זיין ברודער רבא אין א רייטוואָגען און זיי נעהמען צו דער ארבייט מיט געוואַלט („תקיף"). האָט רבא גע־זאָגט, ד ו ה אָ ס ט ג ו ט ג ע ט ה אָ ן.

אַ וואָס אין תורת משה שטייט, אז אַ איד טאָר מיט א אידי־שען שקלאַף ניט שווער ארבייטען? זאָגט דער תנא, אז דאָס מיינט נאָר, ווען דער שקלאַף פיהרט זיך „כשורה" (וויא געהעריג). פיהרט ער זיך אָבער ניט „כשורה", מעג מען מיט איהם ארבייטען אַלס שקלאַף.

און אויף דעם טייטשען זיי ווידער אויס א פסוק פון חומש אויף א מערקווירדיגען אופן. אין פסוק שטעהט נעמליך אזוי:

„פון גוים זאָלט איהר קויפען שקלאַפען און שקלאַפינען. אויך פון דיא, וואָס זיינען איינגעזעסען אין אייער לאַנד... אויך פון דיא, וואָס זיינען אין אייער לאַנד געבאָרען געוואָרען... אייביג זאָלט איהר זיי בענוצען אַלס אייערע שקלאַפען — און מיט אייערע ברידער דיא קינדער פון ישראל איינער מיט'ן אַנדערען זאָלט איהר ניט שווער ארבייטען". אזוי שטעהט אין פסוק. דרש'ענען זיי, אז דיעזע ווערטער קען מען לייענען אָט אזוי: „א י י ב י ג ז אָ ל ט א י ה ר ב ע נ ו צ ע ן אַ ל ס ש ק ל אַ פ ע ן ז י י א ו ן א י י ע ר ע ב ר י ד ע ר ד י א ק י נ ד ע ר פ ו ן י ש ר א ל" — א ו י ך... (לעולם בהם תעבודו ובאחיכם.)

אזוי האָבען גע'דרשן'ט דעם גוטען פסוק דיא רבנים וואָס האָבען אַליין געגעבען דיא דינים פון דער גמרא. דאָס איז ווידער איינע פון דיא קונץ־שטיק, וויא מען מאכט מען זאָל כלומרשט יוצא זיין פאַר דעם וואָרט, כאָטש עס איז דייטליך געגען דעם עיקר זין פון דעם געזעץ. עס איז דאָך ר ע ל י ג י אָ ן, איז מען יוצא פאַר'ן וואָרט...

וואָס ביי דיא רבנים קען הייסען אז א'ן „ארבייטס יונג" פיהרט זיך ניט „וויא געהעריג", קען מען זיך שוין פאָרשטעלען.

סיי וויא סיי, איז דאָ דייטליך, אז דיא גמרא אַליין רעדט דאָ טאַקי פון שקלאַפעריי, לויט דעם פסוק וואָס האַנדעלט אויסדריקליך וועגען שקלאַפעריי, — און רעכטפערטיגט דאָס.

איך זאָג ניט, און האָב ניט אָנגעהויבען אָנצודייטען, אז דער־מיט האָבען זיי צוריק איינגעפיהרט דיא גאַנצע יוריסטישע שקלאַ־פעריי פון אידישע שקלאַפען. דאָס האָט אבסאָלוט ניט דאָס מיינ־דעסטע צו טהאָן מיט מיין ענין. איך רעד דאָ וועגען ארבייטער. איך וויל בלויז צייגען, אז דיא תנאים און רבנים האָבען זיכער ניט דורכגעפיהרט קאָנסעקווענט ארבייטער־פריינדליכע געדאַנקען. פון רבנים, וואָס בענוצען אַזעלכע קונץ־שטיק, צו כאַפען אידען און זיי צו צווינגען צו ארבייטען פאַר זיי אָהן געצאָהלט „ק ע ן מ ע ן נ אַ ט י ר ל י ך ע ר וו אַ ר ט ע ן ד י נ י ם וו ע ג ע ן

אַרבייטער וועלכע פּאַסען זיך זעהר פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישען געזעץ־בוך". (אַזוי האָב איך אויסדריקליך געשריעבען.) אַט דאָס האָב איך פון דעם שטיקעל גמרא אַרויסגעבראַכט. און אין דעם ענדערט ניט איין האָר דער פּשט, אַז דיעזע געפאַנגענע אידען ביי דיא רבנים האָבען „על פּי דין" ניט געהייסען קיין שקלאַפען אין יעדער בעציהונג!

ד) וואָס דאַרף מען געבען אַרבייטער צו עסען?

פונדעסטוועגען האָבען אַזעלכע רבנים אויך גערעדט וועגען רחמנות און גערעכטיגקייט צו אַרבייטער. הייגטיגע קאַפּיטאַליסטען רעדען אויך אַזעלכע זיסע רייד.

מען געפינט, צום ביישפּיעל, אין דער משנה אַזאַ מעשה:

ר' יוחנן בן מתיא האָט געזאָגט צו זיין זוהן: געה און דינג אונז אַרבייטער. איז ער געגאַנגען און האָט זיך מיט זיי אויסגערעדט „מיט עסען". ווען ער איז געקומען צו זיין פאָטער, דעם תנא, האָט דער תנא געזאָגט: „מיין זוהן, אַז דוא האָסט מיט זיי אָפּגעמאַכט סתם „מיט עסען" וועסט דוא ניט יוצא זיין, אַפילו ווען דוא וועסט זיי געבען צו עסען וויא שלמה המלך'ס סעודה, וואָרים זיי זיינען דיא קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. געה זשע געשווינד, איידער זיי הייבען נאָך אָן צו אַרבייטען, און רעד זיך אויס מיט זיי בפירוש, וואָס זיי זאָלען קריגען צו עסען".

דאָ האָבען מיר ווידער אַ כאַראַקטעריסטישען ביישפּיעל, וויא אַזוי דער „פּאַטריאַט" „בעווייזט", אַז אין תלמוד געפינען זיך „בלויז" אַרבייטער־פריינדליכע געזעצע. ער ברייינגט דיעזע משנה, און דאָ שטעלט זיך דער פּאַטריאָט אָב. וואָס ווייטער שטייט הייבט ער ניט אָן צו דערמאָנען.

וועגען אַזאַ פּאַטריאָטישע פערבלענדעניש האָב איך געזאָגט:

ווען מען ברייינגט דאָס, און דאָ שטעלט מען זיך אָב, און וואָס ווייטער שטייט זאָגט מען ניט אויס, זעהט עס אויס זעהר מענשענפריינדליך. אָבער דאַן נאַררט מען אָב דעם לעזער! דען ווייטער שטעהט אַז דער תנא האָט געזאָגט צו זיין זוהן: „געה און רעד זיך אויס מיט זיי בפרוש, אַז עסען וועלען זיי קריגען ניט מעהר ווי ברויט מיט אַר־

ב ע ס". (קטנית). אויב נאָר אזוי אויסגערעדט, איז מען שוין יוצא זיי צו געבען עסען ניט מעהר וויא ברויט מיט אַרבעס. אבי זיי, דיא אַרבייטער „בעשטעהען" אויף אַ'ן אָבמאַך, איז שוין אַלץ כשר, וויא מען גיט זיי.

פאַר־וואָס זיי בעשטעהען ? ניט קיינעמס עסק. מעג זיין פון גרויסער נויט. בעשטאַנען איז בעשטאַנען.

* * *

פאַר דיעזע בעמערקונג מיינע האָט זיך ווידער צולאָזט דער מאָרד־פּאַטריאָטיזמוס געגען מיר. און ווידער איז דאָס זעהר כאַראַקטעריסטיש.

איין שרעקליכער פערברעכען מיינער איז, וואָס דאָס וואָרט „קטנית" האָב איך איבערזעצט „וויא דער רבי טייטשט" — אַ ר־ ב ע ס ; וועהרענד פילאָלאָגיש מיינט דאָס גאָר סתם הילזען־פּרוכט, אלזאָ, ניט בלויז אַרבעס אליין, נאָר אויך בעבלעך און לינזען.

זאָל מיך גאָט שטראָפען, צי איך וויים וואָס דיא נפקא־מינה איז ! און אז אַרבעס אליין, זיינען דען ניט דאָ פערשיעדענע מינים אַרבעס ? עס זיינען דאָ גרינע אַרבעס און געלע אַרבעס, צושפּאָל־טענע אַרבעס און גאַנצע אַרבעס, און געקאָכטע אַרבעס און גע־זאָטענע אַרבעס, און מאַלע וואָס פאַר אַ'ן אַרבעס ! אָבער וואָס איז דער אַרבייטער דערמיט געהאָלפען, אויב זיין מאכל איז ברויט מיט אַרבעס ? וועט ער דען קריעגען פ ע ר ש י ע ד ע נ ע אַר־בעס ? אויב ער וועט קריעגען גרינע, וועט ער ניט קריעגען קיין געלע — און אַזוי ווייטער. טאָ וואָס געווינט ער פון דער פילאָלאָ־גיע, וועלכע טייטשט איהם נאָך צו בעבלעך מיט לינזען אויך ? ווידער דאָס אייגענע : וועט ער דען קריעגען אי אַרבעס אי בעב־לעך אין לינזען ? אויב מען וועט איהם אָנפּילען דעם מאָגען מיט בעבלעך, וועט ער דאָך קיין אַרבעס ניט קריעגען, אויב מיט אַרבעס, וועט ער דאָך ניט קריעגען קיין לינזען ! דאָס זיינען דאָך ניט קיין פערשיעדענע סאָרטען געריכטען !

אָבער דאָ קומט נאָך אַ'ן אינטערעסאַנטערער פּונקט, וויא מיין „פּאַטריאָטישער" געגנער זוכט צו צוטומלען דיא לעזער. ער האָט נעמליך געמאַכט אַ געשריי, און דאָס ווידערהאָלט, אַז איך

האָב איהם כלומרשט פאַרגעוואָרפען, „פאַר וואָס ער האָט ניט איבערזעצט דאָס וואָרט „קטנית" — ארבעס!"

ער ווייסט נאַטירליך זעהר וואויל, אז דאָס הויבט זיך ניט אָן. ער ווייסט זעהר גוט, אז ניט וואָס ער האָט ניט איבערזעצט דאָס וואָרט „קטנית", — נאָר ער האָט דאָס גאָר ניט דערמאָנט, ווייל ער האָט דעם גאַנצען זאַץ, דיא גאַנצע ענדע פון דיא משנה פערשווייגען, וואו עס שטייט בפרוש, אז דער תנא זאָגט זיין זוהן, וואָס פאַר א שפּייזען ער זאָל פערשפּרעכען דיא ארבייטער. לויט וויא דער פּאַטריאָט האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען, זעהט עס אויס, אז דער תנא הייסט מסתמא אויסרעדען זיך, צו געבען דיא ארבייטער צו עסען גאַנץ פיינע מאָהלצייטען, אָבער נאָר ניט „וויא שלמה המלך'ס סעודה". וועהרענד אין אמת'ן זאָגט ער אויסדריקליך, אז ער זאָל זיי פערשפּרעכען נאָר ברויט מיט „קטנית"! דאָס פערשווייגט דער פּאַטריאָט אין גאַנצען. און דאָס האָב איך איהם פאַרגעוואָרפען! ניט וואָס ער האָט דאָס וואָרט קטנית ניט „איבערגעזעצט" ארבעס! מיינעטוועגען, וואָלט ער דאָס געמעגט איבערזעצען אפילו קיהבעבע. אָבער ער האָט זיך אין גאַנצען ניט־ווייסענדיג געמאַכט פון דעם סוף פון דיא משנה. און דאָך וואגט ער עס צו ווידערהאָלען, נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, אז מיין טענה צו איהם איז כלומרשט געווען, פאַר וואָס ער האָט ניט איבערזעצט דאָס וואָרט „קטנית" וויא איך!

ח) וואָס האָט אַ'ן ארבייטער געקענט קריגען צו עסען יענע צייטען?

אָבער — „ברויט מיט ארבעס" איז פיעללייכט „דעמאָלט אין יענע מקומות ניט געווען אזא שלעכטע אכילה"?

לאָמיר זעהען, וואָס דיא רבנים אליין האָבען „דעמאָלט אין יענע מקומות" געגעסען און וויא זיי האָבען געהאַלטען פון דער אכילה.

ווען זיי פלעגען זיך זעצען עסען, פלעגט זיין אויפ'ן טיש א ליסטע („סגמוס") מיט געקעכטסען („מיסא"), וואָס זיינען אָנגעגרייט. (א „מעניו".)

אויף דעם טיש פון דעם דערמאָנטען תנא ר' יהודה הנשיא

(דער וואָס האָט געמאַכט דיא משנה) האָט קיינמאָל ניט אויסגע־פעהלט אַלערליי פיינע גרינצייג, ווייל עס איז זעהר געזונד. („צנון וחזרת וקישואין" — ברכות נ"ז:)

פון קליינע פישעלעך האָבען זיי געהאַלטען זעהר שטאַרק. „דאָס איז געזונט און מאַכט פריש און געזונד דעם גאַנצען קערפּער". (שם).

„אַ סעודה אָהן סירופּ („שריף"), האָבען זיי געזאָגט, איז קיין סעודה ניט". (ברכות מ"ד.)

אָבער דיא אַרבייטער האָט דער תנא ניט געהייסען געבען כאָטש סירופּ צו דיא ברויט מיט — בעבלעך!

עס איז געווען אַ מאכל „לפת", האָבען זיי דערפון געהאַלטען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען געזאָגט: „וועה צו דעם הויז, וואו עס גייט אוים לפת!" אָבער דער גוטער תנא האָט ניט געהייסען געבען זיינע אַרבייטער כאָטש אַ ביסעל לפת!

ווען איינער פון דיא מיוחסים איז אַראָבגעקומען און אָרים געוואָרען, האָבען זיי איהם אַרויסגעהאָלפען ער זאָל קענען האָבען אַלץ וואָס ער איז פריהער געוואוינט געווען צו האָבען, „אפילו אַ פערד צו רייטען און אַ שקלאַף וואָס זאָל לויפען פאַר איהם". שטייט דערציילט אין אַ'ן אַלטע ברייתא, טאַקי פון יענע צייטען און יענע מקומות, אַ מעשה מיט אַ יחסן וואָס איז געוואָרען אַ'ן אָרימאַן (עני בן טובים), האָט מען איהם געגעבען אַ פונט פלייש אַלע טאָג. פרעגט דיא גמרא: וואָס פאַר אַ רבותא איז דאָס, אַ פונט פלייש אַ טאָג? איז דער ענטפער: עס איז געווען זעהר טייערע פלייש. (כתובות כ"ז.) — אַלזאָ, איז הפנים אין יענע צייטען אין יענע מקומות גאָר קיין רבותא ניט געווען אַ פונט פּראָסטע פלייש יעדען טאָג פאַר אַ מענשען! — פאַר אַ מענשען, אָבער ניט פאַר אַרבייטער! וואָס „קטנית" זאָל ניט מיינען — פלייש געווים ניט!

אין שפּעטערע צייטען דערציילט דיא גמרא פון אַ יחסן אַ'ן אָרימאַן, וואָס איז געקומען צום „תנא" רבא; פרעגט איהם דער תנא, וואָס עסט דו? זאָגט ער: „ג ע ש ט אָ פּ ט ע ה י ה נ ד־ל ע ך א ו ן אַ ל ט ע ן ו ו י י ן". זאָגט ער: בערעכענסט דו גאָר ניט, אַז ווען דו עסט אַזעלכע טייערע מאכלים, אונטערדריקסט

דו דעם עולם? ענטפערט יענער: עס איך דען זייערס? איך עס גאָט'ס"... (כתובות ס"ז:)

נאָך'ן מאָהלצייט פלעגען זיי עסען פערשיעדענע נאַשערייען און פרוכטען. (מינא תרגומא. יומא ע"ט.)

דער זעלבער ר' יהודה הנשיא דערציילט: „ווען מיר זיינען געזעסען און געלערנט תורה פאר ר' אליעזר בן שמוע, האָט מען אונז געבראַכט טייטלען און וויינטרויבען און מיר האָבען געגעסען". (שם.)

טייטלען פלעגען זיי דאַמאָלס עסען אונגעהייער פיעל. „ביז דער שוויים איז אזש אראָבגערונענען פון שטערען".

שפּעטערע צייטען האָבען זיי אויך געוואוסט וואָס גוט איז. זיי האָבען, צום ביישפּיעל, געזאָגט:

„ווער עס עסט געדערים אנשטאַט פלייש איז גאָר קיין מענש ניט". (נדרים נ"ד).

„ווען איינער עסט און טרינקט ניט עפּעס דערצו, איז זיין עסען בלוט". (שבת מ"א).

אָבער פאר דיא ארבייטער? — א גלעזעל משקה מיינט „קטנית" אודאי ניט! ניט נאָר קיין וויין, אפילו ניט א גלעזעל טייטלען־וויין.

דיא אידען פון בבל זיינען נאַראָנים, זאָגען זיי, ווייל זיי עסען „ברויט מיט ברויט". דאָס הייסט, זיי האָבען געהאַט א מין מעהל־שפּייז, וואָס זיי פלעגען עסען מיט ברויט. האָבען דיא רבנים פון אנדערע ערטער געלאַכט פון זיי. מיט ברויט דאַרף מען עסען אנדערע מאכלים, ניט מעהל־שפּייז. דאָס איז ברויט מיט ברויט. (נדרים מ"ט).

„אויב דו האָסט מיט וואָס, זאָגט די גמרא, לאָז דיר וואויל־גיין... כאַפּ אריין און עס, כאַפּ אריין און טרינק, כל זמן מען לעבט"... (עירובין נ"ד).

ר' נתן זאָגט: „כל זמן איך טרינק ניט אויס א פערטיל מאָס וויין, איז מיין געדאַנק ניט קלאָר". (עירובין נ"ח).

„וואו עס איז ניטאָ קיין וויין, איז דאָ מעדיצין". דאָס הייסט, אז וויין מאַכט געזונט. (באתר דלית חמר תמן מתבעין סממנין.)

עס איז געווען אַ מין משקה, געמאַכט פון אספּאַרגוס (אַזוי הייסט עס טאַקי אין דיא גמרא אויך, פּונקט וויא אין ענגליש) איינגעווייקט אין ווייַן. פלעגען זיי דאָס טרינקען יעדען אין דער פריה און דיא גמרא זאָגט, אַז עס איז גוט צום האַרץ. (ברכות נ"א.)

„האָניג, זאָגען זיי, און אַלע מינים זיסקייטען מאַכען ליכטיג אין דיא אויגען". (יומא פ"ג).

אָבער דיא אַרבייטער הייסט דער תנא ניט געבען כאָטש ברויט מיט האָניג.

ארץ ישראל איז דאָך געווען אַ לאַנד פון מילך און האָניג! ניט ברויט מיט האָניג און ניט אַרבעס —אָדער בעבלעך— מיט מילך הייסט ער זיי געבען, נאָר פּראָסט ברויט מיט אַרבעס, אָדער מיט בעבלעך!

דיא קינדער פון דעם תנא ר' פּפּא פרעגען איהם: „מיר, וואָס מיר עסען פיש און פלייש אַלע טאָג, וואָס קענען מיר אויפ־טהאָן לכבוד שבת?" (שבת קי"ט).

ר' פּפּא און ר' הונא האָבען געגעסען צוזאַמען. איידער ר' הונא האָט אויפגעגעסען איינס, האָט ר' פּפּא אויפגעגעסען פּיער. איז ר' הונא געגאַנגען עסען מיט רבינא — אַ'ן אַנדערען „תנא" — האָט רבינא געגעסען אַכט פאַר זיינע איינס. האָט ר' הונא גע־זאָגט: שוין בעסער הונדערט פּפּא'ס איידער איין רבינא. (פּסחים פ"ט:)

אַזעלכע זאַכען שטייען אין דיא היילינע תורה.

הפּנים, אַליין האָבען זיי געהאַלטען פון אַ גוטען ביסען.

אַ ווערטיל איז געווען ביי זיי: „אַ ווייַן־טרינקער זיי מכבד מיט ווייַן, אַ גראָז־עסער זיי מכבד מיט גראָז". (קמי דשתי חמרא חמרא, קמי דפיקא גרידי דובלא. סוטה י')

„צו יעדע צייט עפען דיין מויל און עס". (שרי שקיך ועייל נהמא. שבת קנ"ב).

אָט אַזעלכע זאַגאַכטסען געפינען זיך אין תלמוד אָהן אַ שיעור. זיי האָבען, אַלזאָ, „אין יענע צייטען און יענע מקומות", אַליין גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס אַ גוטע אכילה איז.

אָבער דיא ארבייטער האָבען זיי געהייסען געבען ברויט מיט מיט — נו, מיט בעבלעך, ארבעס אָדער לינזען. אויב דיא ארבייטער זיינען נאָר בעשטאַנען אויף דעם, איז געווען כשר. נאַטירליך, „בע־שטאַנען", ווייל זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען; נאָר דאָס גייט קיינעם ניט אָן.

* * *

און נאָך אַלע מעשיות איז דאָס, וואָס ר' מתיא בן חרש זאָגט, נאָר דיא מיינונג פון איין איינצעלנעם. דער דין בלייבט ניט אזוי. דען ווייטער שטייט:

און ר' שמעון בן גמליאל זאָגט, אז מען דאַרף זיך אפילו ניט אויסרעדען מיט דיא ארבייטער אויך ניט, ווייל מען דאַרף זיי סיי ווי סיי ניט געבען צו עסען מעהר וויא עס איז „דער מנהג פון דער מדינה" צו געבען ארבייטער! און אזוי בלייבט דער דין!

דער פונקט וועגען דעם „מנהג פון דער מדינה" איז זעהר א'ן אינטערעסאַנטער. דיעזער דין, אז אַלעס ווענדעט זיך וויא דער מנהג איז אין דער מדינה, מאַכט מיט איין מאָל א בארג אש פון אַלע גוטע ארבייטער געזעצע! נאָר וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווייטער.

ו) נאָך וועגען סטרייק אין תלמוד.

דער תלמוד גיט דיא ארבייטער דאָס רעכט אוועקצולייגען דיא ארבייט צו יעדער צייט און צו פערלאַנגען מעהר לוין. אָבער אויך אין דעם פונקט איז ניט דער תלמוד קאָנזעקווענט אימער פאַר דעם ארבייטער'ס אינטערעס. עס ווערט, צום ביישפּיעל, פאָרגעשטעלט אַט אזא פאַל: ארבייטער האָבען אָנגענומען ארבייט פאַר א גע־ויסען פּרייז. אין מיטען דער ארבייט האָבען זיי זיך דערוואוסט, אז דער פּרייז פון זייער ארבייט איז טייערער געוואָרען; זיינען זיי ארויס אין סטרייק (ואימרו פּועלים). איז געגאַנגען דער בעל הבית און האָט זיי צוריק געבעטען, פערשפּרעכענדיג זיי צופריעדען צושטעלען. איז דער דין, אז די ארבייטער האָבען ניט קיין רעכט צו זאָגען: „ווען דו האָסט אונז צוריק געבעטען, איז עס נאַטיר־ליך געווען אויף דעם העכערען מאַרק־פּרייז"; נאָר ער דאַרף זיי

ניט מעהר בעצאָהלען וויא דעם פּרייז, וואָס ער האָט מיט זיי אָב־געמאַכט צום ערשטען מאָל. דאָס, פאַר וואָס זיי האָבען געסטרייקט, קומט זיי ניט. דער בעל הבית האָט נעמליך אַ רעכט צו זאָגען: „ווען איך האָב אייך צוריקגעבעטען צו דער אַרבייט און האָב געזאָגט, אַז איך וועל אייך צופריעדען שטעלען, האָב איך ניט גע־מיינט, אַז איך וועל אייך צאָהלען דעם נייעם העכערען מאַרק־פּרייז, וואָס איהר האָט געפאָדערט, נאָר איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אייך צופריעדען שטעלען אויף אַ'ן אַנדער אופן (מיט עסען און טרינקען)". (ב"מ ע"ז).

ז) וויא הויך דאַרף זיין דער אַרבייטס־לוין?

— דער רעכטער עיקר!

דאָ זיינען מיר געקומען צום רעכטען עיקר פון דער אַרבייטער־פראַגע. מיר זעהען דאָ, אַז אפילו ווען דער מאַרק־פּרייז פון אַר־בייט שטייט העכער, וויא דער בעל הבית האָט זיך בעדונגען מיט דעם אַרבייטער, גיט דאָס, לויט דער גמרא, דעם אַרבייטער אויך ניט קיין רעכט צו פאָדערן כאָטש זיין מאַרק־פּרייז. אויב ער האָט זיך בעדונגען ווייניגער אפילו וויא דער מאַרק־פּרייז, האָט ער צו דעם פרומען בעל הבית קיין שום טענה ניט. בעדונגען איז בע־דונגען.

מיר האָבען געזעהען, אַז דער „מנהג המדינה" שפּיעלט אַ ראָ־לע. מיר וועלען נאָך זעהען ווייטער, וויא דער „מנהג המדינה" בעפרייט דעם בעל הבית פון געזעצליכע פפליכטען צום אַר־בייטער. אָבער דער מנהג המדינה **ליגט ניט ארויף דעם בעל הבית קיין פפליכטען וועגען לוין**, אויב נאָר ער רעדט זיך אויס מיט דיא אַרבייטער ווייני־גער. אַז ער זאָל זיין **מחויב** צו צאָהלען דעם אַרבייטער כאָטש לויט דעם מנהג־לוין, לויט דעם מאַרק־פּרייז און ניט טאָרען אָבמאַכען ביליגער — דאָס ניט.

נאָך מעהר: עס איז אַ בפרוש'ער דין אזוי:

„ווען אַ בעל־הבית שיקט זיין דיענער דינגען אַרבייטער און זאָגט איהם בפירוש, ער זאָל זיי צוזאָגען פיער גילדען אַ טאָג, און דער דיענער איז אזוי געטריי זיין בעל־הבית, אַז ער בעדינגט זיך מיט

דיא ארבייטער בלויז דריי גילדען, איז דער דין, אפילו ווען זייער ארבייט איז ווערטה פיער גילדען (דאָס הייסט נאַטירליך נאָכ'ן מארק־פרייז, נאָכ'ן „מנהג המדינה"), האָבען אויך דיא ארבייטער קיין רעכט ניט צו מאָהנען זיך ביי דעם בעל־הבית מעהר וויא דריי גילדען, — ווייל זיי זיינען בעשטאַנען. („סבור וקיבול" — ב"מ ע"ו. רמב"ם שכירות פ"ט ג' עפ"י הגמרא בזה.)

פאַר וואָס זיי זיינען בעשטאַנען, פרעגט מען ניט. מעג זיין אוים ביטערער נויט. בעשטאַנען איז בעשטאַנען. „פרייער קאָנ־טראַקט" !...

דאָס אַליין איז שוין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּרינ־ציפּ! דאָס אַליין מאַכט שוין כּשר דיא פרייע אויסבויטונג פון ארבייטער, דיא פרייע פּראָפיט־מאַכעריי פון ארבייטערס פּראַצע. וויפיעל קומט דעם ארבייטער פון יושר וועגען? וויפיעל איז מחויב א בעל־הבית צו בעצאָהלען דעם ארבייטער? אויף דעם איז ניט פאַרהאַנען קיין געזעץ. אויף וויפיעל דער ארבייטער בע־שטייט! עס איז ניטאָ אין ערגעץ אין תלמוד קיין שום דין געגען צאָהלען דעם ארבייטער א רציחה'דיג־קליינעם לוין, אויב ער איז בעשטאַנען. לויט דיא רעליגיאָן מעג אַלזאָ דער בעל־הבית צאָהלען דעם ארבייטער אַזוי ווייניג, פאַר וויפיעל ער קען דעם ארבייטער נאָר קריגען.

דער „יושר" דערביי איז — דער ארבייטער איז אַליין בע־שטאַנען.

דאָס איז גענוי דער „יושר" פון דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפט. דאָס איז דיא בעוואוסטע טענה פון „פרייען קאָנטראַקט".

ח) דער קאַפּיטאַליסטישער „פרייער קאָנטראַקט" און דער תלמוד.

דיא העכסטע „גערעכטיגקייט" ביי דיא קאַפּיטאַליסטישע גע־זעלשאַפט איז דער „פרייער קאָנטראַקט". דאָס הייסט, אַז אַלע מענשען זאָלען זיין פריי, זיך משוה צו זיין, וויפיעל דער פערקויפער וויל קריגען און וויפיעל דער קויפער וויל געבען. וויא זיי ווערען דאָן משוה, אַזוי איז דיא העכסטע גערעכטיגקייט. אַזוי לאַנג

וויא מען האַלט וויא אָבגעמאַכט, טהוט שוין קיינער קיין שום עולה ניט.

דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האַלט דעם פרייען קאָנ־טראַקט פאַר אַזוי הייליג, אַז יעדער פאָרשלאַג, דאָס דיא געזעצע זאָלען זיך אַריינמישען, צו בעשטימען, אַז קיינער זאָל קיינעם ניט בערייסען, איז ביי איהר אַ פערברעכען. ווייל יעדער געזעץ אַזעל־כער שטערט דאָך דיא פרייהייט פון קאָנטראַקט, דיא פרייהייט צו קענען אָבמאַכען און משוה ווערען וויא מען וויל.

ווען דיא סאָציאַליסטען פאָדערן אַ געזעץ וועגען אַ מינימום־לוין — אַז פאַר ווייניגער וויא אַ געוויסען לוין זאָל מען אַ'ן אַר־בייטער ניט טאָרען בעשעפטיגען, — אָדער אַ געזעץ וועגען אַ מאַק־סימום אַרבייטס־טאָג — אַז מעהר וויא אַ געוויסע צאָהל שטונדען אין טאָג זאָל מען מיט אַ'ן אַרבייטער ניט טאָרען אַרבייטען, — שרייט דיא קאַפּיטאַליסטישע וועלט, אַז דאָס טאָר ניט זיין, ווייל עס וואָלט געשטערט דיא פרייהייט פון קאָנטראַקט. עס מוז זיין פריי פאַר יעדען אָבצומאַכען, משוה צו ווערען, לויט וויא ער קען ביי יענעם אויספיהרען.

דער געדאַנק דערפון איז, אַז אַלע מענשען האָבען עפּעס צו פערקויפען און אַלע מענשען מוזען קויפען. איינער האָט צו פער־קויפען סחורה, איינער אַרבייט. דאָס איז „אַלץ איינס". אַרבייט איז אויך סחורה. איז ווען אַלע מענשען זיינען פריי ביי'ם משוה ווערען, קריגט יעדער פאַר זיין סחורה „וואָס ער וויל" און קיינער רויבט ניט ביי קיינעם.

אויף דעם ענטפערט דער סאָציאַליזמוס, אַז דאָס איז אַ שרעק־ליכער שווינדעל, דען דער „פרייער קאָנטראַקט" איז ניט קיין פריי־ער. פריי ביי'ם אָבמאַכען דעם קאָנטראַקט איז נאָר דער רייכער, וואָס האָט דיא ברירה ניט צו וועלען, און צו וואַרטען, ביז יענער וועט זיין געצוואונגען. אָבער דער אָרימער, וואָס דיא נויט און דער הונגער צווינגען איהם, איז ניט פריי. ער מ ו ז בעשטיין.

בעזאָנדערס איז ניט פריי דער אַרבייטער. דער פערגלייך פון זיין פערקויפען זיין אַרבייט מיט סוחרים וואָס פערקויפען סחורה, איז אַ שענדליכע גענאַרעריי. אַרבייט איז ניט קיין סחורה

וויא אַלע סחורות. ארבייט בעשאַפט ערשטענס אַלע סחורות, און צווייטענס איז דיא ארבייט לעבעדיגע קראַפט פון א לעבעדיגען מענשען, און דער לעבעדיגער מענש מוז עסען, אז ניט וועט ער ניט האָבען זיין „סחורה“, זיין ארבייט. דעריבער איז ער גע־צוואונגען צו בעשטיין אויף בעדינגונגען, אויף וועלכע ער וואָלט ניט בעשטאַנען, ווען ער וואָלט זיך געקענט העלפען. דארום איז עס רויבעריי, ניט גערעכטיגקייט, ווען מען בענוצט זיך מיט דעם אָרימען מענשען געצוואונגענערהייט. דערי־בער מוז זיך (דערווייל אין דער היינטיגער אָרדנונג) דיא מאַכט פון דער רעגיערונג אריינמישען, צו בעשיצען דעם שוואַכערען און צו שטערען דיא איינזייטיגע „פרייהייט“ פון קאָנטראַקט. דיא רעגיערונג דאַרף בע־שטימען געוויסע בעדינגונגען פאַר ארבייטער, וואָס קיינער זאָל ניט קענען איבערטרעטען. (דערצו מוזען נאַטירליך דיא ארבייטער האָבען א מאַכט אין דער רעגיערונג).

דיא „פרייהייט“ ביי'ם משוה ווערען איז נאָר א פרייהייט לויט'ן געזעץ, אָבער ניט לויט דעם ווירקליכען לעבען. אין ווירק־ליכען לעבען איז ניטאָ ביי דעם משוה ווערען קיין פרייהייט פאַר אַלע, ווייל עס איז ניטאָ קיין גלייכהייט. דער אָרימער איז ניט פריי געגען דעם רייכען. דער הונגעריגער איז ניט פריי געגען דעם זאַ־טען. דער שוואַכערער מוז נאָכגעבען דעם שטאַרקערען — וואו זיי דאַרפען משוה ווערען.

דיא גערעכטיגקייט, וואָס איז צופריעדען מיט דעם „פרייען קאָנטראַקט“ צווישען דיא ניט־גלייכע, איז א פאַלשע גערעכטיג־קייט. זיא איז א גערעכטיגקייט בלויז פאַר דיא רייכע און זאַטע. ווייל ביי דעם „פרייען קאָנטראַקט“ קומען זיי אוים אימער פון אוי־בען. דיעזע איינזייטיגע „גערעכטיגקייט“ איז דארום דיא שענד־ליכסטע רויבעריי פאַר דיא אָרימע, הונגעריגע און שוואַכע, כאָטש זיי „בעשטייהען“. זיי מ ו ז ע ן. די נויט צווינגט זיי!

דאָס איז דער סאַמע א׳ ב׳ פון דיא ארבייטערס טענה.

דער תלמוד אנערקענט דאָס ניט. ער אנערקענט דיא קאַפּי־

טאַליסטישע „גערעכטיגקייט“ פון „פרייען קאָנטראַקט“. דעם סאַמע עיקר פון קאַפּיטאַליזמוס.

ביי דעם תלמוד קומט גאָר אויס, אַז דער בעל־הבית איז געצוואונגען צו דינגען אַרבייטער, נאָר דיא אַרבייטער זיינען „אויך“ געצוואונגען זיך צו פערדינגען. (בעל הבית בעל כרחו אגר. שכיר נמי בעל כרחו אתגר. ב"מ קי"ב).

ביי דיא גמרא איז אַ קשיא: „צו דען כדי דער אַרבייטער זאָל האָבען גענוג צום לעבען, זאָל מען דעם בעל הבית אויסברייגען? (ומשום כדי חייו דשכיר מפסדנא ליה לבה"ב?“ — שם).

געווים איז דעמאָלט ניט געווען אַזא טיעפע קלאַסען־צוטהיילונג וויא היינט. עס זיינען געווען פיעל מעהר מיטעל־קלאַס מענשען, וואָס האָבען געהאַט זייערע אייגענע שטיקלעך פעלד און געקענט לעבען אָהן אַרבייטען פאַר יענעם. אָבער דאָך זיינען געווען זעהר רייכע און זעהר אָרימע, וויא מיר האָבען געזעהען. און פאַר דיא פרייע אָרימע איז געווען נאָך שווערער צו קריעגען אַרבייט, ווייל דיא רייכע האָבען געהאַט אייגענע שקלאַפען.

דער גערונגענער אַרבייטער ווערט אָנגערופען „עני“, דער אָרימאַן.

מען זעהט דאָך, אַז אַפילו נאָך הונדערטער יאָהרען פריהער האָט תורת משה גערעדט מיט הארציגע רחמנות אויף דעם אָרימען לוין־אַרבייטער, וואָס „זיין לעבען איז אבהייננגיג פון זיין לוין“ (כי עני הוא ואליו הוא נושא נפשו). אַז שוין אין דער צייט פון תורת משה איז דער לוין־אַרבייטער געווען אין אַזא ביטערע געצוואונגענע לאַגע, — אָרים און אָנגעוויעזען מיט זיין לעבען אויף זיין לוין, — וויפיעל נאָך מעהר איז דאָס געווען אין דער צייט פון תלמוד, ווען מסחר און קאַפּיטאַליזמוס זיינען שוין געווען פיעל מעהר ענטוויקעלט! און דאָך רעכענט זיך דער תלמוד ניט מיט דעם, וואָס דער אָרימער לוין־אַרבייטער איז ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן צו בעשטיין אויף וואָס ער וואָלט ניט געוואָלט בעשטיין, ווען זיין לעבען וואָלט ניט געווען אבהייננגיג אָן זיין לוין.

דער תלמוד נעהמט אָן העכסטענס דעם שטאַנדפּונקט פון דער מיטעל־קלאַס. פון דיא אָרימע אַרבייטער געווים ניט. ער נעהמט

ניט אין בעטראַכט זייער גענצוואונגענהייט ביי דעם כלומרשט „פרייען קאָנטראַקט“.

ט) פרייז פון סחורות און פון אַרבייט.

עס איז אָבער אַ'ן אונטערשיעד צווישען דעם כלומרשט „פרייען קאָנטראַקט“ אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אין דעם תלמוד. דער אונטערשיעד איז דער: דיא היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וויל וויינינגסטענס זיין קאָנזעקווענט (אויסגעהאַלטען) מיט איהר פּרינציפּ פון פרייען קאָנטראַקט. זיא וויל דאַרום ניט דערלאָזען צו קיין שום געזעצליכע פרייז־בעשטימונג ביי קיין שום סחורה ניט.

דער כלל וועגען פרייען מושוה־ווערען שטאַמט ביי דיא היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פון אַנדערע סחורות; צו דיא סחורה „מענשליכע אַרבייט“ ווערט נאָר דיעזער כלל כלומרשט „אויך“ צוגעפּאַסט.

אַנדערש איז דאָס אָבער אין תלמוד: ביי געוויסע אַנדערע סחורות גיט דער תלמוד ניט קיין פרייהייט מושוה צו ווערען אין מקח לויט וויא עס לאָזט זיך!

בפירוש איז דער דין, אַז בית דין איז מחויב צו בעשטימען דיא פרייזען פון לעבענס־מיטלען און צו שטעלען פּאָליציי צו היטען, אַז קיינער זאָל ניט נעהמען קיין העכערע פרייזען. העכסטענס זאָל ערלויבט זיין צו פערדיענען אַ זעקסטיל (ב"ב פ"ט).

אַלזאָ, אויף לעבענסמיטלען האָבען זיי יאָ פעסטגעשטעלט יושר־פרייזען; אויף מענשליכע אַרבייט אָבער ניט. אָן לעבענס־מיטלען צו פערדיענען פריי וויפיעל נאָר עס לאָזט זיך קריעגען, האָבען זיי פערבאָטען; אָן דעם אַרבייטער אָבער האָט מען גע־מעגט מאַכען וויפיעל פּראָפיט מען האָט נאָר געקענט. ביי דעם פערקויף פון לעבענסמיטלען האָבען זיי ניט פערלאָזט זיך אויף דעם „יושר“, וואָס דאָס פרייע מושוה־ווערען וועט שוין אַליין פון זיך אַרויסברינגען; ביי דעם פערקויף אָבער פון מענשליכע אַרבייט — יאָ.

עס איז געוויס קיין חסרון ניט, וואָס זיי האָבען געהייסען פעסטשטעלען מאַקסימום־פּרייזען פון לעבענס־מיטלען, אז סוחרים זאָלען ניט קענען מאַכען קיין יקרות און בעראַבעווען דעם עולם; אָבער אז דעם פּרייז פון לעבענס־מיטלען האָבען זיי געקענט פעסט־שטעלען געזעצליך, פאַרוואָס ניט דעם פּרייז פון ארבייטס־קראַפט? איז דער תירוץ, ווייל די פרייע פּרייז־בעשטימונג פון לעבענס־מיטלען קען מאַכען אַ יקרות פ א ר א ל ע ק ל א ס ע ן, אָבער דיא „פרייע“ פּרייז־בעשטימונג פון ארבייט איז נאָר צום שאַדען פון דיא ארבייטער!

דיא ארבייטער אַליין, זאָגט דער תלמוד, מעגען אָבמאַכען צווישען זיך, וואָס'רע פּרייזען זיי אַלע זאָלען פאָדערן און ווען און וויפיעל זיי זאָלען ארבייטען; און זיי קענען אָבמאַכען צו בע־שטראָפען דעם פון זיי וואָס וועט סקעבען. איז דאָך גוט. אָבער דאָס איז נאָר ערלויבט אין אַ פּלאַץ, וואו עס איז ניטאָ קיין „אדם חשוב“ — אַ קהל'שער פאָרשטייהער; וואו עס איז דאָ אַ'ן „אדם חשוב“, האָבען דיא ארבייטער קיין רעכט ניט צו מאַכען צווישען זיך קיין אָבמאַכונגען. (ב"ב ט').

אָבער אז דער „אדם חשוב“, דער קהל'שער פאָרשטייהער זאָל אַליין פעסטשטעלען ארבייטס־פּרייזען און ארבייטס־שטונדען, דאָס האָט דער תלמוד ניט איינגעפיהרט. איך ווידערהאָל: זיי האָ־בען אין זינען געהאַט צו בעשטימען אַ געזעצליכען מאַקסימום־פּרייז פאַר לעבענס־מיטלען, אָבער ניט צו בעשטימען אַ געזעצליכען מינימום־פּרייז פאַר ארבייט.

### י) ווען דער בעל הבית בעצאָהלט ניט.

וויא איז דער דין, ווען דער ארבייטער זאָגט, אז ער האָט נאָך ניט געקראָגען בעצאָהלט זיין לוין און דער בעל־הבית זאָגט, אז ער האָט שוין בעצאָהלט? וועמען זאָל מען גלויבען?

ביי אנדערע פעלקער, איז אימער דער תלמודישער דין, אז דער וואָס וויל ביי יענעם ארויסקריעגען, דער איז מחויב צו ברייגגען דעם בעוויז, אז עס קומט איהם. ווען ער קען ניט בעווייזען, קען ער ניט אָבנעהמען. אין דיעזען פאַל אָבער ווערט געמאַכט אַ'ן אויסנאַהמע: דער ארבייטער קען שווערען, אז ער האָט נאָך זיין

שכירות ניט געקראַגען, דאַן מוז דער בעל־הבית איהם בעצאָהלען. כאָטש לויט תורת משה וואָלט דער בעל־הבית געקענט שווערען, אז ער האָט שוין בעצאָהלט, און זיין פטור.

דער תלמוד האָט דאָ געמאַכט „א גרויסע תקנה". דאָס איז געווים א פערבעסערונג פאַר דעם ארבייטערס טובה. כאָטש דער תלמוד זאָגט בפירוש, אז נ י ט פאַר דעם ארבייטערס טובה איז דאָס געמאַכט געוואָרען! ער זאָגט דערביי אויסדריקליך: „צו־ליעב דעם ארבייטערס לעבען זאָל מען גיין אויסברייענגען דעם בעל הבית? (ומשום כדי חייו דשכיר מפסדנא ליה לבעה"ב.) נאָר דעם טעם פון דיעזער תקנה ערקלערט דער תלמוד: „ווייל דער בעל־הבית איז פערנומען מיט זיינע ארבייטער, קען ער פערגעסען און מיינען, אז ער האָט שוין בעצאָהלט". דארום טאָר מען איהם ניט לאָזען שווערען, ווייל ער קען שווערען פאַלש ניט וויסענדיג. און דאָס איז א גרויסע זינד געגען גאָט. דאָס איז אַלזאָ געווען א תקנה פאַר גאָטס וועגען. אָבער דאָך איז עס זעהר גוט פאַר דעם ארבייטער.

אָבער אויך דאָ איז דעם ארבייטערס טובה ניט אויסגעהאַל־טען. און מען נאַררט אָב דעם עולם, ווען מען זאָגט ניט אויס וואָס ווייטער שטייט:

ווייטער שטייט אזוי:

דיעזער דין גילט נאָר, ווען געדונגען האָט דער בעל הבית דעם ארבייטער פאַר עדות. ווען ניט, איז אפילו ווען דער בעל־הבית לייקענט ניט, אז דער ארבייטער האָט געארבייט פאַר איהם, גלויבט מען דאָך דעם בעל הבית, ווען ער זאָגט, אז ער האָט איהם שוין בעצאָהלט. ווייל ער האָט א ברירה געהאַט אין גאַנצען צו לייקענען, אז ער האָט גאָר ניט געארבייט פאַר איהם. אי, זיי זאָ־גען דאָך אליין, אז עס קען זיין ער מיינט גאָר ניט צו זאָגען קיין ליגען, נאָר ער האָט פערגעסען? בלייבט א קשיא. און דוקא מוז דער ארבייטער האָבען צוויי עדות, וואָס זיינען געווען "ע"ביי, וויא ער האָט איהם געדונגען. איין עדות איז ניט גענוג.

און נאָך ווייטער: דיעזער דין גילט נאָר, ווען דער ארביי־טער מאָהנט זיין לוין דעמזעלבען טאָג, וואָס ער האָט געאַר־

בייט. ווען אָבער ער מאַהנט אפילו איין טאָג שפּעטער, איז שוין דער בעל־הבית בעגלויבט צו זאָגען, אז ער האָט שוין בעצאָהלט, ווייל „עס איז זיכער, אז דער בעל הבית וועט ניט גיין עובר זיין אויף דעם פּסוק וועגען ניט אויפהאַלטען דעם ארבייטערס לוין איי־בער נאַכט“ ! ! ! (חזקה אין בעה"ב עובר על בל תלין. שם).

חלילה, וויא קען מען דאָס א בעל הבית חושד זיין אין אזא זאך ?...

מען קען זאָגען וואָס מען וויל און פּשט'לען וויא מען וויל — דייטליך איז, אז אפילו וואו דער תלמוד האָט געגעבען א גוטען דין פאר ארבייטער, האָט ער ניט קאָנזעקוועגט אָבגעהיט, אז דער בעל הבית זאָל זיך דערפון ניט קענען ארויסדרייהען. ווער עס איז קאָנזעקוועגט און פּרינציפּיעל אויסען דיא ארבייטערס טובה, דער היט אָב, אז עס זאָלען אין דיא געזעצע, וואָס ווערען געמאַכט צום שוץ פון דיא ארבייטער, ניט זיין קיין טירעלעך, דורך וועלכע דער בעל הבית קען זיך ארויסדרייהען. דער תלמוד אָבער האָט, אפילו אין זיינע בעסטע ארבייטער געזעצע, געלאָזט אזעלכע טהירעלעך („לופּ האָלס“, וויא מען רופט דאָס אויף ענגליש). דאָס צייגט דייטליך, אז ביי זיי איז דאָס ניט געווען קיין קאָנזעקוועגטע סאָ־ציאַלע פּרינציפּען, נאָר רעליגיעזע דריידלעך. אויב רחמנות אויף דעם ארבייטער, פאר וואָס איז וויינינער רחמנות ווען ער האָט געמוזט אָננעהמען א פּלאַץ, ווען עדות זיינען ניט געווען דערביי ? האָט ער דען געזאָלט זאָגען : „וואַרט, איך וועל גיין ברייננען עדות, וואָס זאָלען זעהען, וויא איהר דינגט מיך“ ? וואָלט ער דערווייל פער־לוירען דעם פּלאַץ ! און פאר וואָס איז וויינינער רחמנות אויף דעם ארבייטער, ווען ער האָט ניט געוואוסט דעם דין, אז ער מוז דוקא רופען דעם בעל הבית צו דין תורה דעמזעלבען טאָג און ער האָט געוואַרט ביז מאָרגען ?...

און קען זיך דען, דורך דיעזע טהירעלעך, ניט יעדער בעל־הבית ארויסדרייהען ? אויב ער וויל בע'גנב'ענען דעם ארבייטער, וועט ער איהם אומישנע דינגען דוקא נאָר וואו קיין עדות וועלען ניט זיין דערביי.

ווייטער איז דער דין, אז וויבאַלד דער ארבייטער זאָגט, ער

האָט זיך בערונגען דריי גילדען און דער בעל הבית זאָגט נאָר צוויי, האָט אימער דער בעל הבית א רעכט צו שווערען, אז עס איז וויא ער זאָגט און ער דאַרף ניט מעהר בעצאָהלען.

יא) פפליכטען פון דעם אַרבייטער.

דער ארבייטער האָט אויף זיך א פפליכט „צו ארבייטען מיט אלע כוחות". דערפאר וועט איהם גאָט העלפען אפילו אויף דער וועלט אויך, מיט רייכקייט (? !) און מיט עולם הבא אויף יענער וועלט אודאי. אזוי זאָגט דער רמב"ם נאָך דעם גייסט פון תלמוד (שכירות פי"ג). און ער האָט געוויס פערשטאַנען דעם ריכטיגען גייסט פון תלמוד.

דער ארבייטער מוז זיך היטען, ער זאָל ניט פערלירען זיין צייט, וואָס איז פערדונגען צום בעל הבית. ווען ער וועט זיך אָב א ווייל'ע, הייסט עס „גערויבט דיא ארבייט פון בעל הבית". (גזל מלאכתו של בעל הבית).

דער ארבייטער טאָר ניט ארבייטען פאר זיך ביינאַכט און אויף מאָרגען זיך פערדינגען צו ארבייטען פאר א בעל הבית. ווייל מיט דעם וואָס ער ארבייט פריהער פאר זיך, „רויבט" ער אוועק פאָראויס זיינע כוחות, וואָס ער וועט מאָרגען פערקויפען דעם בעל הבית. (ירושלמי דמאי פ"ז).

א'ן ארבייטער טאָר זיך ניט אויפשטעלען אין מיטען דער אַרבייט אפילו אָבצוגעבען כבוד א הייליגען וואָס גייט פארביי. (קידושין ל"ג).

ווען עס קומט דיא צייט פון קריאת־שמע אין מיטען דער אַרבייט און דער ארבייטער געפינט זיך אויפ'ן שפיץ מויער אָדער בוים, זאָל ער ניט אראָבגיין, נאָר זאָגען קריאת־שמע דאָרט גופא, כדי ער זאָל ניט פערלירען דיא פאָר מינוטען צייט פון דער ארבייט. (ברכות ט"ז).

דער ארבייטער מוז יוצא זיין מיט א קלענערען בענשען (אָהן דיא פיערטע ברכה), כדי ער זאָל ניט פערברייינגען צופיעל צייט.

ווען ער קריעגט בעצאָהלט, חוץ עסען, טאָר דער ארבייטער ניט דאַוונען קיין גאַנצען דאַוונען, נאָר א קיצור פון דאַוונען, אַלץ כדי ער זאָל פערנעמען וואָס וויינינגער פון'ם בעל־הבית'ס צייט (שם).

אין דאַוונען דעם גאַנצען דאַוונען איז דאָך מסתמא דאָ עפּעס א זכות, אז ניט צו וואָס דאַרף עס אַ'ן אַנדערער יאָ? געוויס איז דאָ אין דעם אַ זכות, אָבער דער אַרבייטער האָט אויף דעם קיין רעכט ניט. זיין צייט איז פערקויפט צום בעל הבית.

יב) אַרבייטס צייט.

דיא גמרא זאָגט, אז „לויט דיא תורה" איז דיא אַרבייטס־צייט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. דאָס הייסט אָבער ניט, אז מעהר טאָר דער בעל הבית ניט לאָזען דיא אַרבייטער אַרבייטען.

אַ געוויסער פּאַטריאָט וויל איינרעדען, אז דאָס הייסט יאָ אַזוי און ער מאַכט דערפון אַ גאַנצען צימעס, ער שטעלט פאָר, אז דאָס הייסט, דאָס שוין מיט כמעט צוויי טויזענד יאָהר צוריק האָט דער תלמוד איינגעפיהרט אַ „נאָרמאַלען אַרבייטסטאָג" און בעשרענקט געזעצליך דיא אַרבייטסצייט. און דער פּאַטריאָט ערקלערט נאָך דערצו, אז דער דין איז אין דער גמרא, דאָס אפילו ווען דער אַר־בייטער האָט זיך פערדונגען צו אַרבייטען לענגער וויא דיא גע־זעצליכע אַרבייטסצייט, און אפילו ווען דער בעל־הבית בעצאָהלט איהם פאַר איבערצייט, דאַרף אויך דער אַרבייטער ניט אַרבייטען לענגער וויא דיא געזעצליכע צייט. (דר. דאַוויד פאַרבשטיין, „דאָס רעכט דער אַרבייטער", עטצ. פראַנקפורט א. מ. 1896.)

דאָס איז איינפאַך אַ גרויסע פאַלשקייט. אויסרעדען זיך מעג, לויט נאָכ'ן תלמוד, דער בעל־הבית מיט'ן אַרבייטער אַלץ אין דער וועלט און דער אַרבייטער מוז האַלטען וויא אָבגעמאַכט. אַלע גע־זעצע פאַר זיין טובה ווערען בטל, ווען ער רעדט זיך אויס, אז ער איז זיי מוחל. וויא מיר האָבען שוין געזעהן, און וויא מיר ווע־לען באַלד נאָך אויספיהרליכער זעהען.

דער פאַקט איז, אז אויף דיעזען אָרט אין תלמוד (ב"מ פ"ג) איז דיא רעדע וועגען אַ פאַל, וואו מען האָט זיך דייטליך נ י ט א ו י ס ג ע ר ע ד ט צו אַרבייטען לענגער וויא פון זונן־אויפגאַנג ביז זונן־אונטערגאַנג. נאָר דער בעל הבית האָט דעם אַרבייטער סתם צוגעזאָגט עטוואָס מעהר לוין וויא געוועהנליך, און דערנאָך וויל ער דערפאַר דעם אַרבייטער צווינגען צו אַרבייטען איבער־צייט; ער טענה'ט, אז דערפאַר האָט ער זיך דאָס בעדונגען מעהר

לוין וויא געוועהנליך, ער האָט געמיינט, אז דיא „עקסטרא“ צאָהלט ער איהם פאר איבערצייט ; אזוי טענה'ט דער בעל־הבית. אויף אזא פאל זאָגט דאָס דיא גמרא, אז דער בעל־הבית קען איהם ניט צווינגען צו ארבייטען איבערצייט. דען דער ארבייטער האָט א רעכט צו זאָגען, אז ניט פאר איבערצייט האָט דער בעל־הבית איהם פערשפּראָכען א העכערען לוין, נאָר פאר בעסערע ארבייט. פון דעם גופא איז דייטליך, אז אין פאל זיי האָבען זיך טאָקי בפירוש בעדינגען מיט איבערצייט, איז קיין פראגע ניט, אז דער ארבייטער מ ו ז ארבייטען וויא בעדונגען !

ווייטער איז דער דין אין דער גמרא, אז דיא צייט וואָס עס נעהמט דעם ארבייטער צו גיין צו דער ארבייט, מעג ער צורעכענען צו זיין ארבייטסצייט. דיא צייט אָבער, וואָס עס נעהמט איהם צו גיין אהיים פון דער ארבייט, מוז ער זיך שוין אראָבנעהמען פון זיין פרייע צייט. ער מוז בלייבען ביי דער ארבייט ביז עס ווערט פינסטער. ער טאָר ניט פריהער אויפהערען ווייל ער האָט א ווייטען וועג צו גיין אהיים.

סיי ווי סיי, עס איז דאָ א בעשטימטע ארבייטס־צייט. אָבער דאָס ווענדעט זיך אין „דעם מנהג פון דער מדינה“. אויב אין דער מדינה פיהרט זיך, אז ארבייטער הייבען אָן צו ארבייטען ווען עס איז נאָך פינסטער און בלייבען ארבייטען ביז א שטיק אין דיא נאַכט אריין, מעג זיך יעדער בעל חבית זאָגען, אז ער האָט גע־מיינט, אָדער אז ער האָט אויסגערעדט מיט זיינע ארבייטער אזוי צו ארבייטען, און דאַן קען ער זיי נ י י ט ע ן אזוי צו ארבייטען. ער דאַרף אפילו ניט בעווייזען, אז ער האָט זיך אזוי אויסגערעדט. (א"ר אמי, כל חמוציא מחברו עליו הראיה, חוץ מזו. ירושלמי תשוכר.)

און בפירוש זאָגט דער תלמוד אויף דעם : „דאָס הייסט גע־זאָגט, אז דער מנהג מאַכט בטל דעם דין“. (זאת אומרת שהמנהג מבטל תהלכה. — ירושלמי השוכר).

דיא תנאים האָבען דאָ אלזאָ ניט געזוכט צו ענדערן א מנהג, וואָס דריקט דיא ארבייטער, דורך א דין, וואָס זאָל זיי בעשיצען. ניין, דער מנהג, וואָס קומט דאָך דורך דעם דרוק פון דיא אומשטענ־דען, וועלכע צווינגען דיא ארבייטער צו בעשטיין דארויף, בעהערשט דעם דין.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהען נאָך דינים אזעלכע, וואו דער „מנהג ברעכט א דין". דיעזער ווערטעל גייט אַלזאָ ניט בלויז אויף מנהגים וועגען דיענען גאָט. עס גייט אויך אויף דיא בעהאנדלונג פון ארבייטער. אויב אין דער מדינה פיהרט זיך, אז דער אר־בייטער ווערט בעהאנדעלט ניט נאָך א געוויסען דין פאַר ארביי־טערם טובה, הייסט דאָס, אז דער ארבייטער ריכט זיך, ניט בע־האנדעלט צו ווערען אנדערש, און אז ער איז בעשטאַנען אויף דעם, ווען ער האָט זיך פערדונגען. הייסט דאָס אויסגערערט זיך אזוי שטומערהייט.

אויב א מנהג ברעכט א דין, דאַן ברעכט דאָס רוק און לענד ביי אַלע גוטע דינים פאַר ארבייטער. דען דער מנהג ענטוויקעלט זיך דאָך נאָך דעם דרוק פון דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועל־כע צווינגען דעם אָרימען ארבייטער צו בעשטיין אויף אַלצדינג. אַלזאָ, קען מען שוין זעהען, וויא אזוי „עס וואָלטען זיך ענטוויקעלט דיא אידישע ארבייטער־געזעצע, ווען דער גלות וואָלט זיי ניט אונ־טערבראָכען": דער „מנהג" וואָלט שוין געבראָכען אַלע דינים! אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

### יג) א דין וואָס צוברעכט אַלע דינים פאַר ארבייטער.

ווער עס איז נאַר כאָטש עטוואָס בעקאַנט מיט דער ארבייטער־פראַגע, ווייסט, אז ווען מען וויל אז גוטע געזעצע פאַר ארבייטער זאָלען גילטען אין דער ווירקליכקייט, מוז זיין אַ'ן אַלגעמיינער גע־זעץ, אז ווען דער ארבייטער מאכט אָב מיט'ן בעל הבית, אז ער איז מוחל דאָס, וואָס דיא גוטע געזעצע גיבען איהם, גילט אזא אָבמאַך ניט. אזא אָבמאַך הייסט אויף ענגליש „ווייוועַר". ווען אזא „ווייוועַר" איז נאַר גילטיג, איז שוין א סוף צו אַלע גוטע געזעצע פאַר ארבייטער. דען יעדער בעל הבית רעדט זיך דאַן נאַטירליך אוים מיט יעדען ארבייטער, אז ער זאָל מוחל זיין אַלץ וואָס דיא גוטע געזעצע גיבען איהם. דער ארבייטער, זייענדיג הונגעריג, מוז דאָך אויף אַלעס בעשטיין, און אויך אויף אזא „ווייוועַר".

אזוי איז עס געווען ביז אהער אין סטייט ניויאָרק מיט דיא געזעצע, וואָס פערפפליכטען דיא פאַבריקאַנטען צו בעצאָהלען זייע־רע ארבייטער שאדען־ערזאַץ, ווען דיא ארבייטער ווערען קאַליע־

טשעט ביי דער ארבייט. (אזעלכע געזעצע רופט מען אויף ענגליש „קאָמפּענסיישאָן לאָאָס"). עס איז געווען ערלויבט צו מאַכען א „ווייוועהר", פלעגט יעדער בעל הבית זיך לאָזען פון יעדען ארבייטער אונטערשרייבען אזא „ווייוועהר", אז ער איז מוחל אלץ וואָס דיא קאָמפּענסיישאָן לאָאָס גיבען איהם — אז טאָמער וועט ער קאַליע־טשעט ווערען ביי דער ארבייט, וועט ער ביי דעם בעל הבית גאָרניט מאָהנען. איז שוין געווען א סוף צו אלע קאָמפּענסיישאָן לאָאָס. דארום האָבען דיא אויפגעקלערטע ארבייטער שטאַרק אגיטירט, אז א געזעץ זאָל געמאַכט ווערען, אז אזא „ווייוועהר" זאָל ניט גילטען. אין דעם נייעם קאָמפּענסיישאָן געזעץ איז שוין דאָ אזא פּונקט.

אָבער אין תלמוד איז דער דין בפירוש, אז אזא „ווייוועהר" איז יאָ גילטיג: ווען ביי'ם שליסען א קאָנטראַקט מאַכט מען אָב, אז מען איז מוחל אלע טובות און בעשיצונגען, וואָס איין צד דאַרף האָבען לויט דיא דינים פון דיא תורה, איז דער אָבמאַך גילטיג, און אלע גוטע געזעצע פון דיא תורה זיינען שוין דאַן בטל! (מתנה על מאי שכתוב בתורה בדברים שבממון, תנאי קיים. ב"מ צ"ד ע"א).

* * *

ביי דיעזער געלעגענהייט וועל איך ווידער געבען א ביי־שפּיעל, וויא א „פּאַטריאָט" טשעפּעט זיך צו אזא סאָרט אויסזאָגען דעם אמת וועגען דיא אידישע רעליגיאָן און וויא ער פאַלט אריין:

דער דאָזיגער דין, אז א „ווייוועהר" גילט, שטייט אין א „ברייתא". א ברייתא איז אזא אלטע „זאַגאַכטס" פון תנאים, וואָס איז אין דער משנה ניט אריינגענומען געוואָרען, נאָר געבליע־בען נאָך א צייט אין זכרון פון רבנים און איז ערשט א צייט שפּע־טער אויפגעשריעבען געוואָרען. ווען איך האָב דעם דין דערמאָנט אין א'ן ארטיקעל אין „פאָרווערטס", איז אויף מיר אָנגעפאַלען א פּאַטריאָט: סטייטש, דאָס איז א ברייתא, וואָס איז אין דער משנה ניט אריינגענומען געוואָרען, אלזאָ, גילט דאָס ניט פאַר קיין דין. און איבערהויפּט דאַרף מען ניט קוקען וואָס איינער האָט דאָרטען געזאָגט אין תלמוד, דען דער תלמוד איז פול מיט דיסקו־סיאָנען. דער עיקר איז וויא דער דין בלייבט.

דארף גאָט העלפען מיין פּאטריאָט און ער פאלט נעביך מיאוס אריין, דען דוקא איז דאָס, אז א „ווייוועך" גילט — יאָ א דין, וואָס עס בלייבט אזוי דער געזעץ ביי אלע רבנים ביז'ן היינטיגען טאָג!!!

איבערהויפּט נארט דער פּאטריאָט דיא ניט-תּלמודיסטען, מיט דעם וואָס ער מאכט אוועק מיט'ן האנד דיא ברייתא, אזוי וויא דאָס וואָלט געוועזן עפּעס טרפה-פסול ביי דיא תּלמודיסטען. ער ווייסט גאַנץ גוט, אז דיא ברייתא איז ביי זיי געננו אזוי קודש קדשים וויא דיא משנה. און היסטאָריש האָט זיא אויך געננו די-זעלבע בעדייטונג. און טויזענדער דינים בלייבען אזוי, וויא אין דיא ברייתא שטייט. און, וויכטיגער פון אלץ איז דער פאקט, אז מיין פּאטריאָט, און אלע פּאטריאָטען, ברייגגען אליין פון דיא ברייתות הינדערטער געדאנקען און דינים, צו בעווייזען וואָס דער תּלמוד איז — אויב נאָר עס פּאַסט זיי אריין אין רומעל!

מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, וויא זיי מאכען זאָגאר א תּלמודישען „גרונד-פּרינציפּ" פון א וואָרט אין א ברייתא, וואָס איז אויסדריקליך געגען דיא משנה. און דאָס איז ניט דער איינציגער פאל אזעלכער.

אָט ברייגגט מיין פּאטריאָט א ברייתא צו בעווייזען, אז אין תּלמוד איז א געזעץ, דאָס ווען א'ן ארבייטער גייט אריין אין הויף פון בעל הבית מאָהנען זיינע שכירות און ער טרעפט דעם בעל הבית האקען האָלץ און א שפּאָן פון האָלץ פליהט דעם ארבייטער אין פּנים אריין, מוז דער בעל הבית בעצאָהלען דעם ארבייטער שאדען-ערזאַץ, ווייל דער ארבייטער האָט געהאט א רעכט אריינ-צוקומען מאָהנען זיינע שכירות.

חוץ דעם וואָס דאָס איז אויך א ברייתא, ברייגגט איהר מיין פּאטריאָט נאָך דערצו אבסאָלוט פאלש. (אגב, דאָס שטייט גאָר ניט וועגען האקען האָלץ, נאָר אז אן אָקס פון דעם בעל הבית האָט דעם ארבייטער געשטויסען אָדער א הונד האָט איהם געבי-סען.) אָבער נאָך וויא פאלש! דאָרטען שטייט גאָר פּונקט פער-קעהרט — אז דער בעל הבית איז פּטור!!! נאָר א פרי-

וואָס־מיינונג שטייט דאָרטען, אַז ער איז מחויב צו בעצאָהלען. און דיעזע פּריוואַט־מיינונג איז גראַדע ווירקליך אַ׳ן ארט „טרפה־פּסול׳ע״, דען עס איז דיא מיינונג פון „אחרים״, וואָס לויט סה״ד איז דאָס אַ תנא, ועלכער איז געוואָרען אַ׳ן אַפּיקורס. יעדענפאַלס איז דאָס אַ תנא אָהן אַ נאָמען. דער אויסדרוק, אַז דער אַרבייטער מעג קומען נאָך זיינע שכירות (מפני שרשאין פועלין לתבוע שכרן מבע״הב), איז דאָס פון דיעזען תנא אָהן אַ נאָמען. דער דין בלייבט ניט וויא ער! נאָר דערצו זאָגט דיא גמרא, אַז ווען מען טרעפט דעם בעל הבית געוועהנליך ניט ערגעץ אַנדערש נאָר אין זיין הויז און דער אַרבייטער, וועלענדיג אָבנעהמען זיין לוין, האָט געמוזט קומען אין דעם הויז פון דעם בעל־הבית, און דאָרטען האָט איהם דעם בעל־הבית׳ס הונד געביסען, דאַן מוז דער בעל־הבית בעצאָהלען פאַר דיא בעשעדיגונג פון דעם אַרבייטער. ווען מען טרעפט איהם אָבער אַמאָל אין שטאָדט, אַמאָל אין זיין הויז, איז ער פּטור, אַפילו ווען דער אַרבייטער האָט געפרעגט, צו ער קען אַריינגיין און דער בעל הבית האָט איהם געענטפערט „יא״. דער בעל־הבית האָט אַ רעכט צו זאָגען, אַז מיט דעם „יא״ האָט ער געמיינט: „יא, בלייב וואו דו ביזט!״ אַזוי זאָגט גאָר דיא גמרא דאָרטען! (ב״ק ל״ג).

אַלזאָ, האָט דער פּאַטריאָט ניט נאָר אַליין געבראַכט אַ ברייתא, און דוקא ווירקליך אַ פּריוואַט־מיינונג, און פון אַ תנא אָהן אַ נאָמען, — נאָר נאָך דערצו האָט ער דאָס געבראַכט פאַלש! אַזוי טהוט דער פּאַטריאָט ווען עס פּאַסט איהם צום רומעל. וואו עס פּאַסט אָבער דעם פּאַטריאָט ניט, נאַררט ער אָב דיא ניט־תלמודים־טען, אַוועקמאַכענדיג מיט׳ן האַנד דיא „ברייתא״, וויא זיא וואָלט כלומרשט ביי דיא תלמודיסטען קיין שום ווערדע ניט געהאַט!

* * *

און נאָך אַ פּונקט: דעם דאָזיגען דין — אַז אַ „וויייווער״ גילט — זאָגט ר׳ יהודה. איך האָב געדענקט פון אַלטע יאָהרען, אַז וואו עס שטייט סתם ר׳ יהודה, מיינט דאָס דער אויבען־דער־מאָנטער רייכער ר׳ יהודה הנשיא. האָב איך אַגב אורחא אַזוי געשריעבען (פערגעסענדיג אַז דאָס בעציהט זיך ניט אויף אַ ברייתא). כאַפּט מיך מיין פּאַטריאָט ביי אַ „גנבה״, אַז דאָס איז

גאָר אַ'ן אַנדערער ר' יהודה, און מאַכט דערפון אַ מורא'דיגען גע־שריי. דער ניט־וויסענדער לעזער מיינט, אַז וויבאַלד דאָס איז אַ'ן אַנדערער ר' יהודה, האָט זיין מיינונג אין תלמוד קיין ווערדע ניט. און ווידער פאַלט דער פּאַטריאָט מיאוס אַריין. דען חוץ וואָס, וויא שוין געזאָגט, דער דין בלייבט דוקא ביי אַלע רבנים אַזוי וויא ר' יהודה זאָגט דאָ, — חוץ דעם איז יענער ר' יהודה נאָך פיעל וויכ־טיגער וויא ר' יהודה הנשיא, דען ער איז געווען דער רבי פון ר' יהודה הנשיא און דער גייסטליכער פון זיין הויז! (ר' יהודה מורינא דבי נשיאה הוה. — מנחות ק"ד).

איך האָב פאַרביינגעהענדיג געזאָגט, אַז דאָס איז געווען „דער רייכער ר' יהודה הנשיא". אויב דאָס איז געווען זיין נאָך־גרעסע־רער רבי און ניט אַזאַ רייכער, שוואַכט דאָס נאַטירליך ניט אָב מיין בעוויז, נאָר פערשטאַרקט איהם נאָך. דען דאָס צייגט דאָך, אַז אַפילו ניט רייכע תנאים האָבען אויך געמאַכט דינים וואָס זיינען שעדליך פאַר אַרבייטער.

* * *

יאָ, דיעזער דין — אַז אַ „ווייוועך" גילט און מען קען אויס־רעדען מיט'ן אַרבייטער, אַז מען זאָל ניט דאַרפען היטען קיין שום געזעץ פון תורה פאַר זיין טובה — מאַכט אַ סוף פון אַלע גוטע געזעצע פאַר דיא אַרבייטער.

וואָס דאַרף מען שוין מעהר וויא דאָס געזעץ וועגען בעצאָהלען שאַדען־ערזאַץ פאַר קאַליעטשען אַ מענשען — איז אַפילו וועגען דעם אַ בפירוש'ער דין, אַז ווען איינער רעדט זיך אויס: „דו קענסט מיך שלאָגען, דו מעגסט מיך פערוואונדען און איך וועל פון דיר קיין שאַדען־ערזאַץ ניט פאָדערן", קומט איהם ניט קיין שאַ־דען־ערזאַץ! (תבני פצעני ע"מ לפטור, פטור. ב"ק צ"ג.)

נאָר ווען ער האָט איהם דערביי אַ'ן אויג אַרויסגענומען אָדער אַ האַנד אָבגעהאַקט, מוז ער בעצאָהלען, וויל אויף גאַנצע גליעדער האָט ער ניט געמיינט מוחל צו זיין.

אַלזאָ, קען אַ בעל הבית אימער אַרויסנעהמען אַ „ווייוועך" פון זיין אַרבייטער, אַז אַפילו ווען דער אַרבייטער וועט פערוואונ־דעט ווערען דורך דיא דירעקטע שולד פון

ד ע ם ב ע ל ה ב י ת, זאָל ער אויך ביי איהם גאָר ניט האָבען צו מאָהנען. דאַן קען ער שוין ביי איהם גאָר ניט מאָהנען, סיידען ווען ער האָט איהם אָבגעהאַקט א האַנד אָדער ארויסגענומען אַ'ן אויג.

דאָס רעכט אויסצונעהמען אזא סאָרט תנאי מאַכט אַ סוף פון אַלע גוטע סאָציאַלע געזעצע. איינער פון די שעהנסטע סאָציאַלע געזעצע פון תורת משה איז דאָס געזעץ, אז יעדען זיעבעטען יאָהר (שמיטה) זאָלען אַלע חובות פערפאַלען ווערען. (אויספיהרליך וועלען מיר רעדען וועגען דעם אין צווייטען טייל). קומט אָבער דער דין וועגען „וויוועער" און מאַכט פון דעם אויך אַ תל. דען לויט דעם תלמוד איז בפירוש אַ דין אין שולחן ערוך (ח"מ ס"ז), אז דער מלוה קען זיך אויסרעדען מיט'ן באָרגער, אז דער שמיטה־יאָהר זאָל איהם ניט בעפרייען פון דעם חוב, דאַן בעפרייט דאָס איהם שוין ניט. ווערלכער אָרימאַן, וואָס דאַרף זיך באָרגען געלד, וועט דאָס ניט זיין געצוואונגען צו בעשטיין אויף אזא תנאי?

טשיקאַווע איז, ווי אויך ביי דיעזען פונקט זעהט זיך ארויס דער כאַראַקטער פון ר ע ל י ג י אָ ן: עס שטייט נעמליך, אז אויב דער תנאי איז, אז דאָס שמיטה־יאָהר זאָל ניט מאַכען דעם חוב פערפאַלען, גילט דער תנאי ניט. ווייל דאָס איז אַ תנאי גע־גען גאָט: גאָט האָט געזאָגט, אז דאָס שמיטה־יאָהר זאָל יאָ מאַ־כען דעם חוב פערפאַלען. ווען אָבער דער תנאי איז, אז דאָס שמיטה־יאָהר „זאָל מ י ך ניט בעפרייען פון דעם חוב", גילט דער תנאי יאָ, ווייל דאָס איז אַ תנאי געגען זיין אייגענע געלד־טובה, און דאָס קען ער מוחל זיין. (ע"מ שלא תשמט שביעית תנאי בטל; ע"מ שלא תשמיטני, תנאי קיים, דקאי אגברא). אָט אַזוי דריידעלט מען אין רעליגיעזע דינים: ניט נאָכ'ן זין און צוועק, נאָר נאָך דיא ו ו ע ר ט ע ר.

* * *

ווען אין אַ לאַנד ווערט אָבגעשאַפט שקלאַפעריי, מוז דערביי געמאַכט ווערען אַ געזעץ, אז ווען איינער וועט זיך אפילו פרייוויליג פערקויפען פאַר אַ שקלאַף, זאָל דאָס ניט גילטען. ווען ניט — ווען מען בעפרייט בלויז דיא געוועזענע שקלאַפען, אָבער עס בלייבט

דאָס „רעכט“ פון יעדען זיך אַליין צו פערקויפען פאַר אַ שקלאַף, ווען ער וויל, און אַזאַ אָבמאַך גילט געזעצליך, דאַן ווערט באַלד ווידער ענטשטיין שקלאַפעריי און דאַן איז דיא שקלאַפעריי ניט אָבגעשאַפט אין דער ווירקליכקייט. דען עס וועלען זיך אימער געפינען אונגליקליכע, וואָס וועלען זיין „צופריעדען“ זיך צו פערקויפען פאַר שקלאַפען, אַבי צו זיין זיכער מיט אַ שטיקעל ברויט.

אין דיא רייכע אַמעריקא טרעפט זיך, אַז אָרימע אַרבייטער מאַכען בעקאַנט אין צייטונגען, אַז זיי וואָלטען זיך „גערן“ פערקויפען פאַר שקלאַפען. אָבער דאָס איז אין אַמעריקא זייט די אָבשאַפונג פון שקלאַפעריי פערבאָטען און אַזאַ מענשען־מסחר גילט ניט, כאָטש דער אָרימאַן וויל דאָס אַליין. ווען ער וואָלט געקענט געזעצליך מוחל זיין זיין רעכט צו זיין פריי און זיך „פרייוויליג“ פערקויפען פאַר אַ שקלאַף, וואָלט אין אמת'ן שקלאַפעריי ניט געווען אָבגעשאַפט.

אַזוי איז עס אויך מיט אַלע געזעצע פאַר אַרבייטערס טובה: אויב עס איז ניטאָ אַ געזעץ איבער דיא אַלע געזעצע, אַז אַ „פרייוויליגער“ אָבמאַך פון דיא אַרבייטער מוחל צו זיין דיא אַלע געזעצליכע טובות גילט ניט — אויב אַזאַ אָבמאַך גילט יאָ, — דאַן זיינען דיא אַלע גוטע געזעצע אַזוי וויא זיי וואָלטען ניט עקזיסטירט!

* * *

מיר וועלען דאָ מוזען ענדיגען דעם ענין. עס איז נאָך דאָ אַ סך צו ברייננגען פון דיא פרומע ספרים, אי אַהין אי אַהער. אָבער גענוג. פון דעם געבראַכטען איז קלאָר, וואָס דיא פעולה פון דער רעליגיאָן איז געווען אין דער ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט, אין בעצוג אויף דיא בעהאַנדלונג פון אַרבייטער.

מען געפינט מאַנכע מאָל אין תלמוד, אַז מאַנכער תנא האָט צוגע'פסק'ענט אַרבייטער אויס רחמנות, אפילו וואו לויט דעם דין האָבען זיי געדאַרפט פערליערען. ער האָט געפאָדערט, אַז אויס מענשליכקייט זאָל מען האַנדלען בעסער וויא דער דין איז (לפנים משורת הדין). אָט, צום ביישפיעל, דערצעהלט דיא גמרא אַזאַ געשיכטע:

דער תנא רבה בר בר חנה האָט געדונגען טרעגערס זיי זאָלען

איהם אוועקטראָגען א פאס וויין; האָבען זיי דעם פאס געלאָזט פאַ־לען און צובראָכען. האָט דער תנא ביי זיי אוועקגענומען דיא קליי־דער זייערע. זיינען זיי געקומען זיך בעקלאָגען פאַר דעם גרעסערען תנא—רב—. האָט ער געזאָגט צו יענעם תנא: „גיב זיי אָב דיא קליידער". פרעגט ער: „איז דען דער דין אזוי"? ענטפערט ער: „עס שטייט אין פסוק, דו זאָלסט גיין אין גוטען וועג". (בדרך טובים, לפנים משורת הדין — רש"י.) האָט ער זיי אָבגעגעבען דיא קליי־דער. האָבען זיי גענומען וויינען: „מיר זיינען אָרימע לייט, און מיר האָבען אזוי פיעל געאַרבייט, און מיר זיינען הונגעריג, און מיר האָבען גאָר ניט". האָט דער גרעסערער תנא געזאָגט צו יענעם תנא: „בעצאָהל זיי פאַר זייער ארבייט". האָט ער ווידער גע־פרעגט: איז דען דער דין אזוי? האָט ער איהם געענטפערט מיט דעם סוף פון דעמזעלבען פסוק: „און דיא וועגען פון דיא צדיקים זאָלסטו היטען". (ב"מ פ"ג א').

דאָ זעהט מען שוין דייטליך צוויי פערשיעדענע כאַראַקטערע פון צוויי פערשיעדענע תנאים: איין תנא א רייכער, וואָס ארביי־טער ארבייטען פאַר איהם, וויל האנדלען נאָכ'ן דין, אָהן רחמנות אויף ארבייטער. ער קוקט אויף זיין אינטערעס. ער פרעגט ניט, וואָס דיא ארבייטער זיינען אָרימע לייט, און האָבען אזוי פיעל גע־ארבייט, און זיינען הונגעריג, און האָבען גאָר ניט. ער קוקט אויף זיין דין: על פי דין קומט זיי, ער זאָל זיי אראָבנעהמען דיא קליי־דער פון לייב, ווייל זיי האָבען געלאָזט פאַלען זיין פאס וויין און ער איז צובראָכען געוואָרען.

דער אנדערער תנא דאגעגען קוקט דאָ אויף רחמנות מעהר וויאָ אויפ'ן דין.

אָבער דין בלייבט דאָך דין. און אז מען האָט ניט געהיט דעם דין פונקטליך, איז דאָס געוועזען א סך מעהר פאַר דיא טובה פון דעם בעל־הבית, איידער אוים רחמנות אויף דעם ארבייטער.

י"ד) דער סאָציאַלער גרונד־געדאַנק.

דער סך הכל איז דער: דיא תנאים און רבנים האָבען ניט אָנגעהויבען צו דענקען, אז אַלעס וואָס האָט א ווערטה קומט פון מענשליכע ארבייט און אז אַלעס וואָס דעם ארבייטערס הענד בע־

שאַפען דאַרף זיין זיינס. זיי האָבען ניט אָנגעהויבען צו דענקען, אַז אַלעס וואָס דער בעל הבית נעהמט זיך פון דעם אַרבייטערס אַרבייט, ניט־אָבצאָהלענדיג איהם מיט פונקט אַזוי פיעל אַרבייט אָדער פּראָדוקט פון אַרבייט, איז ר ו י ב. זיי האָבען ניט געלערנט, אַז רייך ווערט מען פון דעם אַרבייטערס אָרימקייט, וועלכע צווינגט איהם צו בעשטיין אויף אַ לוין, וואָס בעטרעפט נאָר אַ טייל פון דעם ווערטה וואָס זיין אַרבייט בעשאַפט. ניין, זיי האָבען בעטראַכט געקויפטע אַרבייט פאַר איי־גענע אַרבייט — געקויפט פאַר דעם פּרייז און פאַר דיא בעדינגונגען, אויף וועלכע דער אַרבייטער איז פון זיין לאַגע געצוואונגען צו בעשטיין. אַלץ וואָס דער בעל הבית קריעגט דאַן אַרויס דערפון האָבען זיי בעטראַכט פאַר כשר פּערדיענט, פאַר אַ ברכה פון גאָט; זיי האָבען דאַרום ניט אָנגעהויבען צו קוקען קרום אויף דעם בעל הבית, וואָס ווערט רייך פון דיא אַרבייט פון אַ סך אַרבייטער און דיענער. זיי האָבען ניט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז מען דאַרף איהם היטען און דיא אַרבייטער בעשיצען געגען זיין רויב־לוסט. אדרבה, זיי האָבען געהאַט זעהר גרויס דרך ארץ פאַר אַזאַ רייכען בעל הבית — ווי ר׳ יהודה הנשיא האָט זיי געלערנט. אַז גאָט האָט איהם געשענקט עשירות, דאַרף מען איהם אָבגעבען כבוד. זיי האָבען גיכער אין זיננען געהאַט, אַז דער עם הארץ

איהר מעגט געפינען אין תלמוד וויפיעל „זאַגאַכטסען“ איהר ווילט, וואָס האָבען אַ פּנים פון אַרבייטער־פריינדליכקייט — זייער אַלגעמיינער שטאַנדפּונקט איז אַ בעל־הבתי׳שער שטאַנדפּונקט ביז גאָר! און יעדענפאַלס, אין דער ווירקליכקייט איז דאָס דיא לעהרע, וואָס דיא פרומע בעלי־בתים האָבען זיך פון דיא רעליגיאָן אַרויסגענומען. און רבנים אַליין אויך; אפילו אָרימע רבנים. אין דעם איז קיין שום צווייפעל ניט.

אין דער רעליגיאָן האָט זיך ניט געקענט איינדריקען קיין גייסט פון אַרבייטער־אינטערעסען, ווייל דיא אַרבייטער האָבען ניט פערשטאַנען זייער רעכט און ניט געהאַט (און אונטער יענע אומשטענדען ניט געקענט האָבען) קיין מ א כ ט צו ווירקען פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען. וואו דיא אַרבייטער האָבען ניט

קיין מאכט און קיין בעוואוסטזיין און קיין איינפלוס, דאָרט האָט נאַטירליך דעם שטאַרקסטען איינפלוס ר י י כ ק י י ט. דאַן דריקט זיך אָב דער אינטערעס פון רייכקייט אין אַלצדינג, אויך אין די בעגריפען, מאָראַל, יושר, מוסר און — רעליגיאָן.

* * *

מיר האָבען אַזוי פיעל גערעדט וועגען ג ע ז ע צ ע פאַר אַרבייטערס טובה. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אַרבייטערס גאַנצע גאולה וואָלט געקומען, ווען עס זאָלען זיין אַזעלכע געזעצע אָהן „לופּ האָלס“ און אָהן „ווייוועיס“. אָה ניין!

דאָס וואָלט נאָר פאַרלויפיג עטוואָס פערבעסערט די אַר־בייטערס לאַגע. די געזעלשאַפט וואָלט דערמיט נאָר עטוואָס רעגולירט דעם שווינדלערישען „פּרייען קאָנטראַקט“. אָבער עט־וואָס רעגולירען דעם פרייען קאָנטראַקט איז קוים אַ שטיקעל באַב־סקע רפואה. אין גאַנצען מוז אָבגעשאַפט ווערען דער שווינדעל מיט דעם „פּרייען קאָנטראַקט“! אין גאַנצען מוז אויפהערען דער צושטאַנד, אַז דער אַרבייטער זאָל מוזען פערקויפען זיין אַרבייט צו אַ בעל הבית און דערביי מוזען פּערזענליך מושוה ווערען, וואָס איהם זאָל קומען און וואָס דער בעל הבית זאָל זיך צונעהמען. אַזוי לאַנג וויא אַרבייטער האָבען ניט אין זייער אייגענטהום די זאַכען, וואָס מען מוז האָבען ווען מען וויל אַרבייטען צו בעשאַפען רייכקייטען מיט אייגענע הענד, אַזוי לאַנג וויא דיעזע זאַכען בלייבען פּריוואַט־אייגענטהום פון די רייכע — וועלען די אָרימע מוזען זיך פערקויפען צו זיי דורך דעם שווינדלערישען „פּרייען קאָנטראַקט“ און ווערען בערויבט. אַז די אַרבייטער זאָלען פאָל־שטענדיג ערלייזט ווערען, מוז דיעזעס פּריוואַט־אייגענטהום אָבגע־שאַפט ווערען און ווערען שותפות־אייגענטהום פון פאָלק. דאַן וועלען אַלע אַרבייטען בשותפות. און וואָס „מיר“ קומט און וואָס „דיר“ קומט פון אַלעמענס שותפות'ע אַרבייט, וועט בעשטימט ווערען ניט דורך אַ פּריוואַטען „פּרייען קאָנטראַקט“ צווישען איינ־צעלנע אונגלייכע מענשען, נאָר דורך די גאַנצע געזעלשאַפט, מיט אַלעמענס גלייכע דעות. דאָס איז סאָציאַליזמוס. וויא „אידישקייט“ פערהאַלט זיך צו דעם, וועלען מיר רעדען אין צווייטען טייל.

# VIII

## דער „אַלגעמיינער פּרינציפּ" פון אידישקייט. — קלעריקאַליזמוס און קולטור.

איך וועל זיך דאָ נאָך אַמאָל צוריקקעהרען צו דיא טענה, אַז ניט־קוקענדיג אויף דיא אַלע פערשיעדענע דינים און זאַגאַכטסען פון דיא גמרא, געפינט זיך אָבער דאָך אין איהר כלומרשט אַן „אַלגעמיינער פּרינציפּ".

מיר האָבען שוין געציינט, אַז וועגען אַרבייטער־אַנגעלעגענהייטען האָט דער תלמוד ניט קיין אַלגעמיינעם פּרינציפּ. אָבער דער פאַקט איז נאָך מעהר: אפילו אין גאָטס־זאַכען, אין הימעל־זאַכען — וואָס דאָס איז דאָך אין „אמת'ן דער סאַמע עיקר פון רעליגיאָן — האָט אויך דיא רעליגיאָן ניט קיין „אַלגעמיינעם פּרינציפּ". קיין רעליגיאָן האָט דאָס ניט! יעדע רעליגיאָן איז פול מיט וויעדערשפּריכע. כאָטש דיא ציוויליזירטע גלויביגע פון יעדע רעליגיאָן זאָגען, אַז זי האָט אַ „רעכטען עיקר", אַ'ן „אַלגעמיינעם פּרינציפּ". געוועהנליך איז ביי אַלע הייטיגע ציוויליזירטע גלויביגע „דער רעכטער עיקר" פון זייער רעליגיאָן — כלומרשט געוויסע מענשען־פריינדליכע ווערטער איהרע.

אין אמת'ן אָבער איז **יעדע רעליגיאָן אַ קלעריקאַליזמוס**, אַ גלויבענס־מאַכט. דיא אידישע פּאַטריאָטען שרייען געוואַלט, אַז „אידישקייט" איז ניט קיין קלעריקאַליזמוס, נאָר אַ קולטור. געוויס האָט אידישקייט אין זיך קולטור־אוצרות. אָבער וועלכע רעליגיאָן האָט דאָס דען ניט? אפילו דער פינסטערער קאַטהאָליציזמוס האָט אין זיך קולטור־אוצרות. ניין, ניט „אפילו"! קאַטהאָליציזמוס האָט אין זיך דיא העכסטע קולטור־אוצרות פון אַלע רעליגיאָנען און אַלטע קולטורען! קאַטהאָליציזמוס האָט אין זיך אַ'ן אונגעהייערע ליטעראַטור, פול, נאַטירליך, מיט שרעקליכע פינסטערניש און אונזין, אָבער אין דעם באַרג מיסט געפינען זיך אויך מאַנכע ליטעראַרישע פּערלען, און ווערטהפאָלע מאַ־

ראַל-לעהרען, בעזאָנדערס דיא שעהנסטע פּאָעזיע און דיא מערק-ווירדיגסטע געדאַנקען. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז געשטאָרבען אין דייטשלאַנד אַ קאַטהוילישער פּאָעט, וועלכער האָט געשריבען בלויז פרומע קאַטהוילישע פּאָעזיע; איז געווען וועגען איהם געשריי-בען מיט דיא העכסטע לויב אין דיא סאָציאַליסטישע וויסענשאַפט-ליכע וואָכענשריפט „דיא נייע צייט"; זיין פּאָעזיע איז ערקלערט געוואָרען אַלס אַ גלענצענדע, אַלס אַ העררליכער בעעט אין דעם גאָרטען פון דיא דייטשע פּאָעזיע.

היינט ווער רעדט פון קונסט, מאַהלעריי, סקולפּטור, ארכי-טעקטור א. ז. וו. האָט דאָך דער קאַטהאָליציזמוס בעשאַפען גאָר דיא העכסטע! דיא גרעסטע מייסטערווערק פון קונסט, וואָס ווערען היינט פון דיא גאַנצע וועלט פערגעטטערט, זיינען דאָך אויך קאַטוילישע טהעמאַס. אויך מוזיק האָט דער קאַטהאָליציזמוס בעשאַפען אייגענע, גלענצענדע. נו, איז דען דיעזע עכט-ערהאבענע שטיק קולטור פון קאַטהאָליציזמוס „דער רעכטער עיקר" פון קאַ-טהאָליציזמוס? 'סהייבט זיך גאָר ניט אָן!.. זיין רעכטער עיקר איז אַ פינסטערער קלעריקאַליזמוס. און דיא אַלע שיינע קולטור-אוצרות געדייהען פיעל, פיעל בעסער אָהן איהם!

ביי דיא פּראָטעסטאַנטען זאָגען היינט אַלע ציוויליזירטע פרו-מע, אַז דער „רעכטער עיקר" פון קריסטענטהום איז „אַ'ן אַלגע-מיינער פּרינציפּ", אַ „קריסטליכער" פּרינציפּ פון מענשליכקייט.

איך האָב אַמאָל געהערט אַ רעדע פון אַ ריכטער, אַ בע-ריהמטען גלענצענדען רעדנער. ער איז געווען איינגעלאַדען דערצו פון דעם „קריסטליכען פעראיין פון יונגע לייט". נאַטירליך איז דיא רעדע געווען אַ „קריסטליכע". דיא פערזאַמלונג איז געווען אין אַ קירכע. פאַר דיא רעדע און נאָך איהר איז געווען „גאָטעס-דיענסט". פרום געגוג, דאַכט זיך. און דאָך האָט דער רעדנער געזאָגט, אַז ער גלויבט ניט, דאָס דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אַזוי וויא אין חומש שטעהט, און עס אַרט איהם ניט אויב אַלע אַנדערע ניסים ונפלאות פון דער קריסטליכער רעליגיאָן זיינען אמת צי ניט. ניט דאָס, זאָגט ער, איז קריסטענטהום. דער רעכטער עיקר פון קריסטענטהום איז דיא לעהרע פון שיינע, ערדלע מאָ-

ראל. און ער האָט אָנגעהויבען צו ברייגגען פסוקים פון דיא הייליגע שריפטען, וועלכע מען קען אויסטייטשען אַלס שיינע מאָראַל־לעהרען. און ער האָט אויסגערופען: „ד אַ ס איז קריסטענטהום!“

איך האָב מיר געטראַכט, אַז ווען אַ איד אַ פּאַטריאָט וואָלט דערביי געווען, וואָלט ער חשק געהאַט אויסצושרייען: „קריסטענטהום איז דאָס? דאָס איז דאָך גאָר אידישקייט!“ און אַ מחמדאַנער, אַ ציוויליזירטער, וואָלט געשריען, אַז דאָס איז מאַחמעדאַניזמוס, און אַ בודהיסט — אַז דאָס איז בודהיזם. און אַזוי ווייטער. יעדער וואָלט געבראַכט געוויסע פסוקים און זאָגאַכטסען פון זיינע הייליגע ספרים צו בעווייזען אַז אַזעלכע שיינע, ליעבע, זיסע לערנונגען זיינען גאָר „דער רעכטער עיקר“ פון זיין רעליגיאָן.

אמת, מען קען אַזעלכעס געפינען אין יעדע רעליגיאָן. אָבער צי איז אמת, אַז דאָס צייגט, אַז דאָס, און נאָר דאָס איז „דער רעכטער עיקר“ פון דיא רעליגיאָן?

דאָס איז ניט אמת! ווען אַזאַ ריכטער וואָלט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהרען צוריק געזאָגט אַז ער גלויבט ניט אין מעשה בראשית און אין דיא ניסים און דאָגמאַס, וואָלט געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה אין דיא קירכע און מען וואָלט איהם אַרויסגעטריבען און געלייגט אין חרם אריין. דען ניט אַ געוויסע מאָראַל איז דער „רעכטער עיקר“ קריסטענטהום, נאָר דער גלויבען אין דיא קריסטליכע ניסים ונפלאות און דאָגמאַס. אַ סימן איז, אַז עס זיינען דאָ אַזוי פיעל קריסטליכע סעקטען, און יעדע זאָגט, אַז זיא איז דאָס ריכטיגע קריסטענטהום און אַלע אַנדערע זיינען פאַלשע. אין וואָס אונטערשיידען זיי זיך? אפשר אין מאָראַל־לעהרען? ניין! ניט קיין איין־איינציגער פּונקט פון מאָראַל איז ביי איין קריסטליכע סעקטע אַנדערש ווי ביי אַנדערע! אַנדערש איז נאָר דער גלויבען אין פינסטערע דאָגמאַס. אַלזאָ, ווען צוליעב דעם זיינען זיי איינע ביי דיא אַנדערע „ניט דיא ריכטיגע קריסטען“, איז דאָך אַ סימן, אַז דיא מאָראַל איז ניט דער „רעכטער עיקר“ קריסטענטהום, נאָר דיא פינסטערע דאָגמאַס, דער קלעריקאַליזמוס.

גענוי דאָס זעלבע איז מיט אַלע רעליגיאָנען. און אויך מיט דיא אידישע.

דאָס וואָס היינט געפינען זיך שוין אפילו רעליגיאָנס־פּרעדיגער, וואָס וואָגען אין סאַמע מקום קדוש צו זאָגען, אַז זיי גלויבען ניט אין דיא וועלט־בעשאַפונג און אין אַלע ניסים ונפלאות, דאָס צייגט בלויז, אַז אַזוי מעכטיג איז היינט דיא וויסענשאַפטליכע אויפקלערונג, דאָס זיא ברעכט דורך אפילו קירכען־מויערען און טראָגט אריין פּאָרטשריט אפילו דאָ, וואו מען בעהאַלט זיך פון איהם. אונבעוואוסט און ניט־ווילענדיג ווערט מען מיטגעריסען מיט דעם פּאָרטשריט אפילו אין רעליגיעזע קרייזען.

אָבער דערמיט ווערט אין אמת'ן צובראָכען דיא גאַנצע רעליגיאָן. עס איז ניט וויא אַזעלכע האַלב־פריידענקער ווילען זיך איינבילדען, אַז דערמיט ווערט ארויסגענומען דער „רעכטער עיקר פון רעליגיאָן“, דער „אַלגעמיינער פּרינציפּ“, דיא שעהנע מאָראַל־לעהרע. ניין, מיט דיעזע איינבילדונג נעהמט מען אויף זיך א נייעם פאַלשען גלויבען. עס איז פאַלש, פאַלש, פאַלש אַז „דער רעכטער עיקר“ פון א רעליגיאָן זיינען געוויסע עטליכע גוטע מאָראַל־געדאַנקען, וואָס מען קען אין איהר געפינען, און מענשען־פריינדליכע געזעצע!

אין יעדער רעליגיאָן געפינט מען דאָס און אין יעדע רעליגיאָן געפינט זיך אויך פּונקט פּערקעהרטע געדאַנקען וויא דיא, וועלכע איינער קלייבט צוזאַמען אַלס דעם „רעכטען עיקר“. ווארום זיינען יענע אויסגעזוכטע געדאַנקען „דער רעכטער עיקר“ פון דיא רעליגיאָן און ניט דיא פּונקט־פּערקעהרטע געדאַנקען?

וועגען קריסטענטהום און אנדערע רעליגיאָנען זאָלען אַנדערע רעדען. איך האָב דאָ בעוויעזען פון דיא אידישע רעליגיאָן, אַז ווען מען זאָל וועלען אין דעם גרויסען באַרג פון דיא אידישע הייליגקייטען אויסזוכען א „זאַגאַכטס“ פון דאָרטען און א „זאָגאַכטס“ פון דאָנען און פון דעם צוזאַמענשטעלען געוויסע „סיסטעמען“ און זאָגען, אַז דאָס איז דער „רעכטער עיקר“, דער „אַלגעמיינער פּרינציפּ“ פון אידישקייט, קען מען אַנקעגען דעם אויסזוכען אין דעם זעלביגען באַרג אַנדערע זאָגאַכטסען, וואָס דריקען אויס פּונקט־פּערקעהרטע געדאַנקען און לעהרען און בעגריפע און

מען קען זאָגען, אַז דאָס איז גאָר דער „רעכטער עיקר" אידישקייט. איך האָב דאָס דאָ בעוויעזען וועגען אַרבייטער־געזעצע; אָבער דאָס איז אַזוי מיט אַלע רעליגיעזע לעהרען, דיא „געטליכע" אַזוי גוט וויא דיא וועלטליכע.

מיר וואָלטען געקענט ברענגען גאַנצע פעקביישפּיעלע פון גאַנץ וויעדערשפּרעכענדע זאַכען, וואָס מען קען אויסזוכען אין דעם גרויסען באַרג פון „אידישקייט".

דיא אידישע רעליגיאָן, נאָך מעהר וויא אַנדערע, איז אַ זאַמלונג פון דיא פערשיעדענסטע געדאַנקען, אַרויסגעקומען פון טויזענדער פערשיעדענע קעפּ, אין אַ משך פון טויזענדער יאָהרען. אונטער אָהן אַ שיעור פערשיעדענע אומשטענדען. איינהייטליך איז אין איהר נאָר דער קלעריקאַלער גייסט פון בלינדען גלויבען.

מיט פּלפּולים זוכט מען צו מאַכען פשרות צווישען דיא וויעדערשפּריכע. יעדער קען אָבער מאַכען דיא פשרה וויא איהם פּאַסט. יעדע סעקטע און יעדער איינציגער מענש נעהמט זיך טאַקי אַרויס אַנדערע מינים „לעהרעס" פון אידישקייט. בעזאָנדערס יעדע קלאַסע. אונזער פאָרשונג זוכט זיך *ניט* אויס איינצעלנע פּסוקים און מאמרים, וואָס פּאַסען אונז גראַדע צום רומעל. ניין, אונזער פאָרשונג בעטראַכט דיא בעדייטונג און דיא ווירקונג פון דער רעליגיאָן: אין איהר *סך הכל*, לויט איהר „הלכה למעשה", לויט איהר *קלעריקאַלע* און דאָגמאַטישע נאַטור, לויט איהר היסטאָרישע ראָלע אין *ווירקליכען* לעבען, לויט דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע זיא האָט געווירקט און פון וועלכע זיא האָט געזויגען איהר חיות.

אָפענע אויגען קענען דאָס לייכט גענוג אַרויסזעהן אין דיא עהרליכע קולטור־היסטאָרישע פאָרשונגען איבער רעליגיאָן. ווען איינער וויל זיך דוקא פערבלענדען, אַזוי וויא יענער רעדנער, און, שטיצענדיג זיך אויף אומישנע אויסגעזוכטע „זאַגאַכטסען", וויל ער כלומרשט „בעווייזען", אַז דער „רעכטער עיקר" פון זיין רעליגיאָן איז גאָר דאָס וואָס ער וויל — קען ער דאָס טהאָן און עס איז אַרויסגעוואָרפענע מיה מיט איהם צו טענה'ען.

# IX

## וואס ביי אנדערע אומות מעג מען. — שלום.

די קאנסטיטוציאן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען איז ביי דיא פאטריאטישע אמעריקאנער פונקט אזוי הייליג, פונקט אזוי קודש קדשים, וויא דער תלמוד ביי אידען. עפעס א קאטאוועס, דיא „קאנסטיטושאן" ! וואס דיא קאנסטיטישאן איז ערשט אלט 130 יאהר, ענדערט דא גאר ניט. דער תלמוד איז אויך אמאל גע־ וועזען אזוי יונג. און אין צוויי טויזענד יאהר ארום וועט דיא קאנס־ טיטושאן אויך אלט זיין צוויי טויזענד יאהר...

און פונקט וויא פרומע אידען „געפינען" כלומרשט אלע גוטע זאכען אין זייער תורה, אזוי געפינען דיא פאטריאטישע אמעריקא־ נער אלע גוטע זאכען אין דיא „קאנסטיטושאן". מען הערט אפט פאטריאטען בעהויפטען, אז ווען מען זאל נאר ריכטיג האלטען דיא קאנסטיטושאן, וואלט מען ניט געדארפט קיין סאציאליזמוס און קיין זאך — אלע סאציאלע און פאליטישע צרות וואלטען אב־ געשאפט געווארען.

דיא פערפאסער פון דיא קאנסטיטושאן ווערען פערגעטערט פון דיא פאטריאטען. זיי האלטען זיי פאר דיא ערלעכסטע מענשען און גרעסטע חכמים, וואס א פאלק קען נאר אמאל ארויסברייננגען.

און דאך מעג קומען א הויך־אנגעזעהענער אמעריקאנער, א פראפעסאר פון דעם גרעסטען און פאטריאטישסטען אוניווערזי־ טעט פון אמעריקא — פראפעסאר ב י ע ר ד פון קאלאמביע אוניווערזיטעט — און שרייבען א בוך איבער דיא הייליגע קאנס־ טיטושאן, וואו ער בעווייזט, אז דיא פערפאסער פון דיא קאנסטי־ טושאן זיינען געווען גאנץ פראסטע בשר ודם'ס, וואס האבען געקוקט אויף זייערע קלאסען־אינטערעסען, און אפילו אויף דיא אינטערעסען פון זייערע קעשענעס פשוט. און ער בעווייזט היס־ טאריש, מיט פאקטען, אז זיי האבען פערפאסט דיא קאנסטיטו־

שאָן ניט לויט דיא העכסטע גערעכטיגקייט און פאָלקס טובה, נאָר לויט וויא עס האָט זיך געלוינט פאַר זיי אַליין !

און דיעזער פּראָפעסאָר ווערט גאָר ניט געזידעלט פון דיא פּאַטריאָטען, אַז ער וויל „אַרונטעררייסען" דיא אַמעריקאַנער הייליגקייטען. ער האָט זאָגאר געשריעבען טעקסט־ביכער פאַר דיא שוהלען אין דעם זין, ארויסגעגעבען פון דיא בעריהמטע מעק־מילאַן קאָמפּאַניע.

און אַפילו אויף דעם סאַמע „גאָט" פון אַמעריקא, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, האָט אַ'ן אָפיציר פון דיא אַמעריקאַנער אַרמעע געמעגט בעווייזען, מיט היסטאָרישע דאָקומענטען, אַז ער — דער הייליגער וואַשינגטאָן — האָט פאַלש געשוואָרען כדי ניט צו דאַרפען צאָהלען קיין שטייערען (טעקסעס) צו זיין פאַטערלאַנד. שטעלט זיך פאָר, וואַשינגטאָן, דער „פאָטער פון דעם פאַטערלאַנד" !

און אויף דיא הייליגע „פאָטערס פון דיא רעוואָלוציאָן" מעגען דיא אַמעריקאַנער היסטאָרישע פאָרשער בעווייזען, אַז זיי — דיא „רעוואָלוציאָנערע פאַטערס" — האָבען גאָר ניט געקעמפּפט געגען דיא הויכע אָבצאָהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות, מיט וואָס דיא ענגלישע קרוין האָט בעלאַסטעט זייער ליעבע טייערע אַמעריקא, נאָר פונקט פערקעהרט : זיי זיינען געווען פשוט שמוגלערס, וואָס האָבען געמאַכט אוצרות פון גנב'ענען דעם גרענעץ ; און אין קאַמפּף געגען ענגלאַנד זיינען זיי גאָר ארוים דאַן, ווען ענגלאַנד האָט פ ע ר ק ל ע נ ע ר ט דיא איינפיהר־אָבצאָהלונגען אין אַמעריקא — ווייל דורך דעם האָבען זיי ניט מעהר געקענט מאַכען זייערע גאָלדענע געשעפטען פון גנב'ענען דעם גרענעץ !

גוטע אַמעריקאַנער, גרויסע היסטאָריקער, בעווייזען דאָס וועגען דיא אַמעריקאַנער פּאַטריאָטישע הייליגע. און מען פערשטיינט זיי ניט. דיא היסטאָרישע וואהרהייט איז הייליגער פון אַלע פּאַטריאָטישע פאַלשקייטען.

* * *

וואָס איך בעווייז דאָ וועגען דעם תלמוד איז ניט נאָר וויכטיג אלס דער אמת פון היסטאָריע. דאָס איז פאַר דיא אידישע אַרבייטער־מאַסען וויכטיג אַלס וועג־ווייזער. עס איז וויכטיג ווייל עס

ציינט זיי אַז די רעליגיאָן איז ניט קיין בעשיצערין פון די אַרבייטער — ביי אידען ניט מעהר וויא ביי קריסטען.

זיי קענען פון דעם זעהען, אַז אפילו ווען אַלע קאַפּיטאַליסטען וואָלטען געוואָרען פרומע אידען און געהיט גענוי אַלע דינים פון תורת משה און תלמוד, וואָלט די אַרבייטער'ס לאַגע אויך ניט געווען איין האָאר בעסער.

די אַרבייטערס הילף וועט ניט קומען ניט פון ר' יהודה און ניט פון ר' פּפּא און ניט פון ר' ששת, נאָר — פון ר' מאַרקס, וועל־כער לערנט זיי, אַז —

„די בעפרייאונג פון די אַרבייטער איז די זאַך פון די אַרבייטער זעלבסט!"